ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# בבא מציעא

בלשון הקודש
ואידיש

**221**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

ספר

# עין יעקב

## מסכת בבא מציעא

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי,
הנמצאות במסכת בבא מציעא

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

# מסכת בבא מציעא פרק ראשון

(דף ה) **א והוא** רעיא דהוו מסרי ליה כל יומי חיותא בסהדי יומא חד מסרו ליה בלא סהדי לסוף אמר להו לא היו דברים מעולם אתו סהדי אסהידו ביה דאכל תרתי מינייהו אמר רבי זירא וכו' משתבע אשארא א"ל אביי והא גזלן הוא וכו'] (ע"ב) ותיפוק ליה דהו"ל רועה וא"ר יהודה סתם רועה פסול לא קשיא הא דידיה הא דעלמא דאי לא תימא הכי אנן חיותא לרועה היכי מסרינן והכתיב (ויקרא יט) ולפני עור לא תתן מכשול אלא חזקה אין אדם חוטא ולא לו:

ותיפוק ליה דה"ל רועה. אדאביי קמתמה דקאמר ליה והא גזלן הוא ותיפוק ליה דבלאו הך גזילה פסול לשבועה: דא"ר יהודה סתם רועה. אפילו לא הועד עליו שגזל: פסול. לעדות דסתמיה גזלן הוא שמרעה בהמותיו בשדות של אחרים: דידיה. רועה בהמות שלו פסול דבשביל הכי הוא רועה אותן בשדות אחרים אבל רועה בהמות העיר בשכר בשביל הבעלות אחרים אינו רוצה להרעות עד שיגיע למרעה המופקר לכל: דאלת"ה. דלא אמרינן על רועה בהמות דעלמא שהוא גזלן אנן חיותא לרועה היכי מסרינן: כי הדר ביה טעמא אחרינא הוא. הא דאמר דכי הדר ביה הרשות בידו לאו משום דעד השתא לאו כיד בעל הבית הוא אלא טעמא אחרינא הוא שאינו שלו כעבד שאם בא לעזוב לו שכרו מכאן ואילך ולחזור בו יכול הוא:

(דף י) **ב והא** אמר רב פועל יכול לחזור בו אפילו בחצי היום אמר ליה כל כמה דלא הדר ביה כיד בעל הבית הוא כי הדר ביה טעמא אחרינא הוא דכתיב (ויקרא כה) כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם ולא עבדים לעבדים:

אמר

---

# פרק ראשון

**א** ההוא. עס איז געוועזן א פאסטוך וואס די בעלי בתים פון שטאט פלעגן אים געבן אלע טאג זייערע בהמות צום פאשן. נאר זיי פלעגן אים געבן פאר עדות. אמאהל איין טאג האבין זיי אים געגעבין די בהמות אן עדות. האט דער פאסטוך צוא גענומען די בהמות אונ האט געזאגט עס איז ליגן מען האט אים גאר ניט געגעבין בהמות צום פאשן. דער נאך ווענען געקומען עדות אונ האבען געזאגט זיי האבען געזעהן וויא דער פאסטוך האט אויף געגעסין צוויא בהמות. האט רבי זירא געזאגט דער פאסטוך דארף שווערין אויף די איבעריגע בהמות וואס מען מאנט ביי אים. אז ער האט זיי ניט גענומען. האט אביי געזאגט וויא אזוי קען מען אים געבין א שבועה ער איז דאך א גזלן. פרעגט די גמרא וואס דארפסטו זאגין ער איז א גזלן. ער איז דאך א פאסטוך. אונ רב יהודה האט געזאגט א פאסטוך איז פסול צו עדות אונ צוא שבועה. ווייל ער פאשעט די בהמות אויף פרעמדע פעלדער איז ער א גזלן. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער פאסטוך וואס פאשעט זיין אייגענע בהמות. פיטערט ער זיי אויף פרעמדע פעלדער. איז ער א גזלן. אבער דער פאסטוך וואס פאשעט פרעמדע בהמות. פיטערט ער זיי ניט אויף פרעמדע פעלדער. איז ער ניט קיין גזלן. ווארום אז דוא וועסט ניט אזוי זאגין. וויא אזוי געבין מיר בהמות צוא א פאסטוך. טאמער וועט ער זייא פיטערין אויף פרעמדע פעלדער. אונ עס שטייט דאך אין פסוק פאר א בלינדין זאלסטו ניט געבין א שטרויכלונג: דאס מיינט מען דוא זאלסט ניט ברייננען א מענטשין צוא א עבירה. אונ מיר ברייננען דאך דעם פאסטוך צוא א עבירה. ער זאל זיין א גזלן אונ זאל פיטערין די בהמות אויף פרעמדע פעלדער. נאר ווייל די בהמות ווענען ניט זיינע פיטערט ער זייא ניט אויף פרעמדע פעלדער: ווארום א מענטש זינדיגט ניט ער זאל ניט הנאה האבען פון די עבירה:

**ב** והא. רב האט דאך געזאגט א ארבעטער קען חרטה האבען אפילו אין מיטען טאג. האט ער געזאגט צוא אים אזוי לאנג וויא ער האט ניט חרטה געהער ער צום בעל הבית. אונ זיין האנט איז גלייך וויא די האנט פון בעל הבית. וואס ער געפינט אונ פארדינט געהער צום בעל הבית. אונ דאס וואס ער קען חרטה האבין ווען ער וויל. דאס איז דורך איין אנדער זאך. ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא מיר ווענען די יודין קנעכט זייא ווענען מיינע קנעכט אונ זייא זאלין ניט זיין קנעכט ביי א קנעכט:

אמר

(דף טז) **ג אמר** רמי בר חמא הא גברא והא תיובתא אמר רבא גברא חזינא תיובתא **לא** חזינא כו' שלחוה קמיה דרבי אבא בר זבדא **אמר** ליה זו אינה צריכה לפנים אמר רבא זו צריכה **לפנים** ולפני ולפנים :

(דף יז) **ד נא"ר** חייא בר אבא אמר רבי יוחנן הטוען אחר מעשה ב"ד (ע"ב) לא אמר כלום] מ"ט כל מעשה ב"ד כמאן דנקיט שטרא בידיה דמי א"ל רבי חייא בר אבא לר' יוחנן ולא משנתנו **היא** זו הוציאה גט ואין עמו כתובה גובה כתובתה **א"ל** אי לאו דדלאי **לך** חספא לא משכחת מרגניתא **תותה** :

(דף כ) **ה ההוא** גיטא דאשתכח וכו' (ע"ב) א"ל רב עמרם לרבה היכי פשיט **מר איסורא** מממונא א"ל תרדא . שטרי הליצה ומיאונין תנן. פקע ארזא דבי רב **מר** אמר משום להאי דידי פקע ומר אמר משום להאי דידי פקע :

א גברא וכו' תיובתא . סדי אדם גדול וכמותו תשובתו דקהני שלא אמר כלום וכו' : אינה צריכה לפנים . אינה צריכה כדי לתרצה להכניסה לפני בני הישיבה שאין בהם יודע לפרקה ותשובה הגאונים והפרשים לגלוי דליכא קושיא מעליא אל תעלוס לגו :

הטוען אחר מעשה ב"ד . דבר שכות הגאי ב"ד כגון כתובה וכו' :

פכלה . מטועמס : פקע ארזא . נשבר כסמוך שבכת"ד כבען עליו : משום להאי דידי פקע . בשביל עולי שקינא על שנדפהני : ומר אמר משום להאי דידי פקע . שהשנה על דברי לבייאני בנים כמדרש ע"כ :

א"ר

---

ג אמר . רמי בר חמא האט געזאגט דאס איז דער מענטש און דאס איז זיין קשיא . האט רבא געזאגט אמענטשען זעה איך אקשיא זעה איך ניט האט מען געשיקט דיא קשיא פאר רבי אבא בר זבדא האט רבי אבא בר זבדא געזאגט דיא קשיא דארף מען ניט אריין ברייגען אינעווייניג אין דער ישיבה . ווארום עס איז ניט קיין גרויסע קשיא . רבא זאגט דיא קשיא דארף מען אריין ברייגען גאר אינעווייניג . צוא דיא גרעסטע תלמידים פון דער ישיבה זייא זאלן דאס ענטפערן . ווארום דאס איז גאר אגרויסע קשיא :

ד אמר . רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן ווען אז ביתדין האבען בשולדיגט איינעם צוא בצאהלין און ער זאגט ער האט שוין בעצאהלט (למשל בית דין האבען געזאגט אז אמאן גט אוייב דארף ער איר געבין כתובה . און דער מאן האט געגט זיין ווייב . און זיא מאנט אים דיא כתובה און ער זאגט ער האט שוין בצאהלט דיא כתובה) . איז זיינע רייד גאר ניט . ווארום דער וואס מאנט וייל ביתדין האבען געהייסין מען זאל אים געבין . איז גלייך וויא ער וואלט געהאט אוועקסיל אויף זיין חבר . און אזוי לאנג וויא דער וועקסיל איז ניט אפ גינומען געווארין . איז אסימן אז עס איז נאך ניט בצאהלט געווארין . האט רבי חייא בר אבא געזאגט צו רבי יוחנן דער דין שטייט דאך אין אמשנה . אז אאשה ווייזט אגט . איר מאן האט איר געגט : און זיא האט ניט קיין כתובה . און דער מאן זאגט ער האט איר שוין בצאהלט דיא כתובה . איז זיינע רייד גאר ניט . נאר ער מוז בצאהלין דיא כתובה . און זיא שרייבט אים אקוויטול אז זיא האט אפ גינומען דיא כתובה . האט רבי יוחנן געזאגט צו רבי חייא ווען איך וואלט דיר ניט אויף גיהויבין דעם שארבין וואלסטו ניט גיפונען דעם פעריל וואס איז גילעגין אונטער דעם שארבין . ווען איך וואלט דיר ניט זאגין דעם דין . וואלסטו ניט גיוואוסט דעם טעם פון דער משנה :

ה ההוא . עס איז אמאהל גיפונען געווארין אגט ביי דעם ביתדין פון רב הונא . האט רב עמרם געזאגט צו רבה וויא אזוי לערנסטו דינים פון איסור פון געלט דינים . האט רבה געזאגט צו רב עמרם תרדא . דו האסט אפארמישטען מוח . מיר האבען גילערנט שטרות פון חליצה און פון מיאונין וואס דאס איז אויך אאיסור . דער וויל איז צו בראכין געווארין דער זייל וואס איז געווען אין בית המדרש : רב עמרם האט געזאגט דער זייל איז צו בראכין געווארין דורך מיין מזל . ווייל דו האסט מיך געזידלט . און רבה האט געזאגט דער זייל איז צו בראכין געווארין דורך מיין מזל . ווייל דו האסט מיך פארשעמט אין בית המדרש . אף על פי שעגן מיינע רייד :

אמר

# אלו מציאות פרק שני

(דף כב ע"ב) **א** א"ר יוחנן משום רבי ישמעאל בן יהוצדק מנין לאבידה ששטפה נהר שהיא מותרת דכתיב (דברים כב) וכן תעשה לחמורו וכן תעשה לשמלתו וכן תעשה לכל אבדת אחיך אשר תאבד ממנו ומצאתה מי שאבודה ממנו ומצויה אצל כל אדם יצאת זו שאבודה ממנו ואינה מצויה אצל כל אדם:

(דף כג) **ב** **אמר** לך רבה התם היינו טעמא משום דאין מעבירין על האוכלין:

(ע"ב) **ג** **אמר** רב יהודה [אמר שמואל] בהני תלת מילי עבידי רבנן דמשני בדבורייהו במסכת בפוריא ובאושפיזא:

**ד** **מר** זוטרא חסידא אגניב ליה כסא דכספא מאושפיזא חזייה להההוא בר בי רב דמשי ידיה ונגיב בגלימא דחבריה אמר היינו האי דלא איכפת ליה אממונא דחבריה כפתיה ואודי:

אין מעבירין על האוכלין. המוצא אוכלין בדרך אין רשאי לעבור עליהם ולהניחם שם: מעבירין. לאו לשון דריכה הוא אלא כמו אין מעבירין על המצות:

במסכת. יש בידך מסכת פלוני סדורה בגרסא או לאו ואע"פ שסדורה היא לו יאמר לו לאו ומדת ענוה היא: בפוריא. שמשם מטתך יאמר לו לאו ומדת צניעות היא: אושפיזא. שאלוהו על אושפיזו אם קבלו בכבוד פנים יפות יאמר לא ומדה טובה היא כדי שלא יקפצו בו בני אדם שאינן מהוגנין לבא תמיד אליו דכלו את ממונו:

אגניב ליה כסא דכספא. כלי של אושפיזו היה:

---

## פרק שני

**א** אמר. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי ישמעאל בן יהוצדקס וועגין פון וואנען ווייסין מיר אז אײנער האט פארלארין אזאך. און דער טייך האט דיא זאך פארפלייצט. דער וואס געפינט דיא זאך מעג ער זיא נעמען פאר זיך. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי זאלסטו טאהן צו דיין אייזיל און אזוי זאלסטו טאהן צו דיין קלייד און אזוי זאלסטו טאהן צו אלע זאכין וואס דיין ברודער וועט פארלירען. וואס פון אים וועט זיין פארלארין און דו וועסט געפינען. אז פון דעם בעל הבית וועט זיין פארלארין. און אלע מענטשין קענען דאס געפינען. ווער עס געפינט דארף אוועק געבין צום בעל הבית. אבער אז דיא זאך איז פארלארין פון בעל הבית. און קיין מענטש קען דאס ניט געפינען. אזוי וויא דא וואס דער טייך האט פארפלייצט. אויב איינער האט דיא זאך געפונען. דארף ער זיא ניט אוועק געבין צום בעל הבית נאר ער מעג דאס נעמען פאר זיך:

**ב** אמר. רבה וועט דיר זאגין דארט איז איין אנדער טעם אז מען זעהט עסינווארג ליגט אויף דיא ערד טאר מען ניט לאזין ליגען און אוועק גיין. נאר מען מוז אויף הייבין:

**ג** אמר. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין אין דיא דרייא זאכין זענען דיא רבנן ויוואהנט צו זאגין ליגען. אז מען פרעגט איינעם פון דיא רבנן דו קענסט דיא מסכת: אפילו ער קען זיא: זאגט ער אויך ער קען ניט ווייל ער וויל זיך ניט גרויס האלטין. און אז מען פרעגט אים אויב ער האט משמש המטה גיוועזן. זאגט ער אויך ניין ווייל עס איז ניט שיין צוא זאגין יא. און אז א בעל הבית האט פאר בעטין איינעם פון דיא רבנן צו זיך און ער האט אים גיגעבין עסין טרינקען און וואהנונג אלץ אומזיסט. אז איינער פרעגט אים אויב דער בעל הבית האט אים גוט אויף גינומען אפילו ער האט אים גוט אויף גינומען. זאגט ער מען האט אים ניט גוט אויף גינומען. ווארום אז ער וועט לויבין דעם בעל הבית וועלין אלע לויפין צוא אים עסין און טרינקען וועלין זייא דעם בעל הבית ארעם מאכין

**ד** מר. אין דעם גאסט הויז וואו מר זוטרא חסידא איז איין גישטאנען איז גנבת גיווארין א זילבערנער כוס פון דעם גאסט הייזער. דער ווייל האט מר זוטרא גיזעהן וויא א תלמיד וואשט דיא הענט און ווישט זייא אפ מיט א פרעמדע קלייד. האט מר זוטרא גזאגט דער תלמיד האט

(ע"ב) **ה אבוה** דשמואל אשכח הני חמרי במדברא ואהדרינו למרייהו לבתר שנים עשר ירחי שתא לפנים משורת הדין :

(דף כח ע"ב) **ו והיה** עמך עד דרוש אחיך אותו (דברים כב) וכי תעלה על דעתך שיתננו לו קודם שידרשנו אלא דורשהו אם רמאי הוא אם לאו :

[לבהר י"ב ירחי שתא מאלם :
דורשהו ובכי מבמע עד דרוש אחיך אותו [עד דרבך את אחיך] :
[כדי שילך כל אחד לביתו : שלשה . שישמע ההכרזה ולידע אם אבד לו כלום ואם יבין שאבד יחזור שלשה . ויכריז יום אחד : אבי אבידתי והלו סימנים ובגמ' פריך דבג' ימים אין שהוה להחזיר לסוף א"י : שכני מקום . שנמצא בו אבידה במה שלהן

(דף כח) **ז מתנ'** ועד מתי חייב להכריז עד כדי שידעו בו שכניו דברי רבי מאיר רבי יהודה אומר ג' רגלים ואחר הרגל האחרון ז' ימים כדי שילך לביתו ג' ויחזור ג' ויכריז יום אחד : **גמ'** תנא שכני אבדה [מאי שכני אבידה אליםא שכני רבעל אבידה אי ידע ליה ליזל ולהדרי נהליה אלא שכני מקום שנמצאת בו אבידה :

רב

---

גינגבת דעם כוס . ווארום אים הארט ניט פרעמדע געלט . האט מען דעם תלמיד גיבונדען אונ ער האט מודה גיוועזן אז ער האט גינגבת דעם כוס :

**ה** אבוה . דער פאטער פון שמואל האט גיפונען אייזלען אין דער מדבר . אונ ער האט זיא אוועק גיגעבין צו זייער בעל הבית . דער נאך וויא ער האט זיא גיהאלטין בייא זיך לייגער וויא צוועלף חדשים . זאגט דיא גמרא ער האט גיטאהן מער וויא דער דין איז . ווארום ער האט זייא גידארפט האלטין נאר ביז צוועלף חדשים . דער נאך זייא פארקויפין אונ אוועק לייגין דאס געלט . אונ ער האט זייא ניט פאר קויפט . נאר ער האט אוועק גיגעבין דיא אייזלען אליין (ועיין תוספות) :

**ו** והיה . אין פסוק שטייט דיא גיפונענע זאך זאל זיין מיט דיר ביז דיין ברודער וועט אים פארשטין איז דאך אקשיא העט מען דיא זאך אוועק געבין איידער מען וועט אויף דיא זאך פרעגין . אז קיינער וועט ניט פרעגין אויף דיא זאך . צו וועמען וועט מען זיא געבין נאר אזוי מיינט דער פסוק אז איינער וועט קומען מאנען בייא דיר דיא זאך . אונ ער וועט זאגין דאס איז זיינע ער האט פארלארין . אפילו ער זאגט סימנים פון דעסטוועגין זאלסטו אויף דעם מענטשין גוט נאך פארשטין . טאמער איז ער אפאלשער . אונ דיא זאך איז אפרעמדינס אונ ער ווייסט דיא סימנים וייל ער האט דיא זאך בייא יענעם גיזעהן . אדער ניין . ער איז אאמתר מענטש זאלסטו אים דיא זאך צוועק געבין :

**ז** מתניתין . ועד . ביז וויא לאנג דארף ער אויס רופען . ביז דיא שכנים וועלן וויסען . אזוי זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט דרייא ימים טובים . ווען יודין קומען אין ירושלים אויף יום טוב . זאל ער אויס רופען איך האב גיפונען אזאך . אויב קיינער האט זיך ניט אפ גערופין דעם ערשטין יום טוב . רופט ער אויס דעם אנדערין יום טוב . אונ אויב קיינער האט זיך ניט אפ גערופין דעם אנדערין יום טוב . רופט ער אויס דעם דריטען יום טוב . אונ אויב קיינער האט זיך ניט אפ גערופין דעם דריטען יום טוב . זאל ער ווארטען נאך יום טוב זיבען טעג . יעדער זאל גיין דרייא טעג ביז ער וועט קומען אהיים . אונ זעהן וואס אים פעלט . אונ דרייא טעג ביז ער וועט קומען צוריק אין ירושלים . אונ דעם זיבעטין טאג וועט ער אויס רופען די זאך האב איך פאר לארין אונ דאס זענען אירע סימנים . וועט מען אים אוועק געבין . אונ אויב נאך זיבען טעג רופט קיינער ניט אויס . גיהער דיא זאך צוא דעם וואס האט איר געפונען . זאגט די גמרא מיר האבען גילערנט דיא שכנים פון דער אבדה . וואס מיינט מען דיא שכנים פון דער אבדה . מיר זאלין זאגין מען מיינט דיא שכנים פונים מענטש וואס האט פאר לארין . אויב ער וויים ווערכער מענטש עס האט פאר לארין . זאל ער אים אוועק געבין . נאר מען מיינט ביז דיא אלע מענטשין וואס וואוהנען נאנט צוא דעם ארט וואס דיא זאך איז גיפונען גיווארין . תעלין

וויסען

פיסקא רבי יהודה אומר וכו') ורמינהו בג' במרחשון שואלין את הגשמים ר"ג אומר בז' בו שהוא ט"ו יום אחר החג כדי שיגיע אחרון שבא"י לנהר פרת א"ר יוסף לא קשיא כאן במקדש ראשון כאן במקדש שני במקדש ראשון דנפישי ישראל טובא דכתיב (מ"א ד) יהודה וישראל רבים כחול אשר על (שפת) הים לרוב בעינן כולי האי במקדש שני דלא נפישי ישראל טובא דכתיב בהו (עזרא ב) כל הקהל כאחד ארבע רבוא אלפים ש"ש מאות ששים לא בעינן כולי האי:

פלגן סוף] : כדי שיגיע וכו'. ואת ידכיקם סגבמים אלמא כולי האי בעינן ומהני תני ג' : לודיא דדינרי . כלי מלא זהובים : תו סיק סוגיא .

(כ"ג) **ח ומשחרב** בית המקדש שיבנה בב"י התקינו שיהיו מכריזין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ומשרבו האנסין התקינו שיהיו מודיעין לשכניו ולמיודעיו ודיו]

מאי משרבו האנסין דאמרי אבידתא למלכא רבי אמי אשכח אודיא דדינרי חזייה ההוא בר רומאה דקא מירתת א"ל זיל שקול לנפשך דלאו פרסאי אנן דאמרי אבידתא למלכא. ת"ר אבן טוען היתה בירושלים כל מי שאבד אבדה נפנה לשם וכל מי שמוצא אבדה נפנה לשם זה עומד ומכריז וזה עומד ונותן סימנים ונוטלה וזו היא ששנינו צאו וראו

---

וויסען אז דא האט מען געפונען אזאך : אזוי זאגט רבי מאיר. פרעגט דיא גמרא רבי יהודה זאגט אז אין דריי טעג קען יעדער יוד קומען פון ירושלים ביז אהיים. מיר האבען דאך גילערנט דעם דריטען טאג אין חודש חשון הייבט מען אן צוא בעטין אויף רעגין. רבן גמליאל זאגט דעם זיבעטין טאג אין חשון דאס איז דער פופצעהנטער טאג נאך סוכות הייבט מען אן צו ז בעטין אויף רעגין. וייל סוכות זענען אלע יודין אין ירושלים און ביז פופצעהן טאג וועט קענען קומען אהיים אפילו דער וואס וואוהנט אין סוף ארץ ישראל ביי דעם טייך פרת. און ער וועט קומען פר דעם רעגין. זעהן מיר אז פון ירושלים ביז סוף ארץ ישראל דארף מען גיין פופצעהן טאג. וויא אזוי זאגט רבי יהודה נאר דריי טעג. זאגט רב יוסף עס איז ניט קיין קשיא ביים דעם ערשטען בית המקדש זענען גיוועזן פיל יודין אזוי וו א עס שטייט אין פסוק יהודה און ישראל זענען גיוועזען פיל וויא דיא זאמד וואס ביים דעם ים. האט זייער וואהנונג פאר נומען ביז פופצעהן טעג וייט פון ירושלים. אבער ביי דעם אנדערין בית המקדש וואס דיא יודין זענען גיוועזן ווייניג. אזו וויא עס שטייט אין פסוק דאס גאנצע פאר זאמלונג זענין גיוועזן פיר רבוא מיט צווייא טויזענד דריי הונדערט מיט זעכציג. האבען זייא ניט גיוואוהנט אזוי וייט. איז גינוג גיוועזן צו גיין דריי טעג פון ירושלים ביז צו די לעצטע וואהנונג :

**ח** משחרב: וויא דער בית המקדש איז חרוב גיווארין האבען דיא רבנן גזאגט אז מען געפינט אזאך זאל מען אוים רופען אין דיא שולען און אין דיא בתי מדרשים. און וויא עס איז פיל גיווארין שלעכטע מענטשין. האבען דיא רבנן גזאגט אז איינער געפינט אזאך זאל ער נאר פרעגין זיינע שכנים און זיינע גוטע פריינד. אויב זייא האבען עפעס פאר לארין. און אז זייא האבען גאר ניט פאר לארין. דארף ער קיינעם ניט מער פרעגין. נאר ער האלט די זאך פר זיך. וואס מיינט מען שלעכטע מענטשין. אז זייא הערין איינער האט עפעס גיפונען נעמען זייא דאס צוא ביי אים און גיבען אוועק צום מלך. רבי אמי האט אמאהל גיפונען אבערי מיט רענדלאך. האט איינער פון רום גיזעהן וויא רבי אמי האט מורא. האט דער רוימער גזאגט צו רבי אמי נעם דאס געלט פאר דיר. מיר זענען ניט קיין פערסיאנער וואס זייא זאגין וואס מען געפינט גיהער צום מלך. דיא רבנן האבען גילערנט אגרויסער שטיין איז גיוועזן אין ירושלים. ווער עס האט עפעס פאר לארין איז גיקומען צו דעם שטיין. און ווער עס האט עפעס גיפונען איז אויך גיקומען צוא דעם שטיין. דער וואס האט גיפונען האט זיך גישטעלט אויף דעם שטיין. און האט אוים גערופין איך האב עפעס גיפונען. און דער וואס האט פאר לארין האט באלד גזאגט סימנים. און האט צוא גינומען דיא זאך. דאס איז וואס מיר האבען גילערנט חוני המעגל

וראו אם נכחת אבן הטוען:

**ט אבוה** דרב פפא אירכס ליה חמרא ואשכחוה אתא לקמ"ה דרבה בר רב הונא א"ל זיל אייתי סהדי דלאו רמאי את וטול אזל אייתי סהדי א"ל ידעיתון ביה דרמאי הוא א"ל אין א"ל א"א רמאה אנא א"ל אנן לאו רמאי את קאמרינן אמר רבה בר רב הונא מסתברא לא מייתי אינש הובתא לנפשיה:

(דף כט ע"ב) **י אמר מר** השואל ס"ת מחבירו הרי זה לא ישאילנו לאחרים מאי איריא ס"ת אפילו כל מילי נמי דאמר רשב"ל כאן שנה רבי אין השואל רשאי להשאיל ואין השוכר רשאי להשכיר ס"ת איצטריכא ליה מהו דתימא ניחא ליה לאיניש דתיעביד מצוה בממוניה קמ"ל:

**יא מצא** כסות מנערה אחת לשלשים יום. למימרא דניעור מעלי לה והא"ר יוחנן מי שיש לו גרדי אומן בתוך ביתו ינער כסותו בכל יום אמרי בכל יום קשה לה. אחד

במס' תענית בחוני המעגל: אלא ראו אם מחית אם נכנסה בגשמים שגגנו הגשמים למעלה. דימנה יש גשמים יותר מדאי והתפלל עליהם שילכו:
א"ל אין. כסבורים הא"ל ידעיתו ביה דלאו רמאי הוא שכך היה לו לשואלן: מסתברא. שזה היה דעתן מתחלה ואין כאן משום מגיד וחוזר ומגיד: לא מייתי אינש חובה לנפשיה. וכשבכיון נג"ד בשות סיס שלא יעידו הוכחו:
מאי איריא ס"ת שאות מת להתקלקל בפשפוש וקריאה: כאן שנה רבי. במס' גיטין תנן השולח גט וגו' דבכלהו שייך למימר אין אדם רוצה שיהא פקדונו ביד אחר:
[גרדי אומן בביתו שיהא לו עליונות חדשות תמיד: ינער כסותו בכל יום ולמדנו דקה אכן

---

המעגל האט גזאגט גייט זעהט אויב דער גרויסער שטיין איז שוין בדעקט מיט וואסער. אויב עס האט שוין אזוי פיל גירעגינט אז די וואסער איז שוין איבער דעם שטיין. איז שוין צוא פיל רעגין. וועל איך בעטין דער רעגין זאל אויף הערין:

**ט** אבוה. ביא דעם פאטער פון רב פפא איז פאר לארין גיווארין אאייזיל. האט איהם איינער גיפונען. איז דער פאטער פון רב פפא גיקומען מיט דעם מענטש וואס האט גיפונען דעם אייזיל צוא אדין תורה פאר רבה בר רב הונא. האט רבה גזאגט צו רב פפאס פאטער גיי ברייננ עדות אז דוא ביסט ניט קיין פאלשער מענטש. וועסטו נעמען דעם אייזיל. איז רב פפאס פאטער גיגאנגען אונ האט גיבראכט עדות. האט רבה גזאגט צוא דיא עדות איר קענט דעם מענטש אז ער איז אפאלשער. האבען די עדות גזאגט יא. האט רב פפאס פאטער גזאגט צוא דיא עדות איך בין אפאלשער. האבען דיא עדות גזאגט מיר האבען גזאגט דוא ביסט ניט קיין פאלשער. ווארום מיר האבען גימיינט אז מען פרעגט אונז אויב מיר קענען דיך אז דו ביסט ניט אפאלשער. האט רבה בר רב הונא גזאגט געוויס איז אמת אז זייא האבען אזוי גימיינט. ווארום אמענטש וועט ניט ברייננען עדות זייא זאלין אויף אים זאגין שלעכץ. געוויס האט רב פפאס פאטער געוואוסט אז דיא עדות קענען אים אז ער איז אערליכער מאן:

**י** אמר. דער תנא האט גזאגט אז איינער האט גיבארגט אספר תורה ביי זיין חבר. טאר ער זיא ניט פאר בארגין צו איין אנדערין. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאגט דער תנא אספר תורה. וועלכע זאך מען בארגט טאר מען ניט פאר בארגין צוא איין אנדערין. ווארום רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט דא האט רבי גילערנט אז איינער בארגט אזאך טאר ער ניט דיא זאך פאר בארגין. אז איינער דינגט אזאך טאר ער ניט דיא זאך פאר דינגען. ענפערט דיא גמרא דער תנא דארף לערנען דעם דין ביי אספר תורה. אז ראובן בארגט אספר תורה ביי שמעון טאר זיא ראובן ניט פאר בארגין צוא לוי. ווארום איך וואלט מיינען אז אמענטש וויל טאהן אמצוה מיט זיין געלט. דריבער וויל שמעון אז ראובן זאל פאר בארגין דיא ספר תורה צוא לוי. זאגט דער תנא אז ראובן טאר ניט פאר בארגין דיא ספר תורה פון שמעון צוא לוי. סיי ין ער זאל פרעגין ביא שמעון אונ שמעון זאל הייסען געבין דיא ספר תורה צו לוי:

**יא** מצא. אז איינער האט גיפונען אקלייד זאל ער זיא אויס שאקלען איין מאהל אין דרייסיג טעג. פרעגט דיא גמרא איז דען דאס שאקלען גוט פאר דיא קלייד. רבי יוחנן האט דאך

גזאגט

אחד לשלשים יום מעלי לה. אבע"א לא קשיא הא בחד והא בשנים אבע"א לא קשיא הא בידא הא בהוטרא אבע"א לא קשיא הא בדעמ־א הא בדכיתנא:

יב א"ר יוחנן ככא דתרשין ולא כסא דפושרין ולא אמרן אלא בכלי מתכות אבל בכלי חרס לית לן בה ובכלי מתכות נמי לא אמרן אלא דלא צויץ אבל דצויץ לית לן בה ולא אמרן אלא דלא שדא ביה ציבי אבל שדא ביה ציבי לית לן בה:

יג א"ר יוחנן מי שהניח לו אביו מעות הרבה ורוצה לאבדן ילבש (בכלי) [בגדי] פשתן וישתמש בכלי זכוכית וישכור פועלים ואל ישב עמהם ילבש (בכלי) [בגדי] פשתן בכיתנא רומיתא וישתמש בכלי זכוכית בזוגיתא חיורתא וישכור פועלים ואל ישב עמהם תרגומא (דף ל) בתורי דנפיש פסידייהו:

ת"ר

דניעור קשה לה: בחד. באדם א' אין ניעורו קורע: פנים האוחזין רב' לאביה ומנערין ממתחין אותה יותר מדאי וקשה לה: דעמרא. קשה לה שמתחתה ומקרעת:

ככא דתרשין. מה לשתות כוס של מכשפים מכוס של מים פושרים ואיידי דאיירי במילי דר' יוחנן בהלכות ד"א נקט הכי שמעתא: צויץ. רותח: ציבי. כל דבר שנותנין לתוך הגומא או תבנין או עקרי בשמים קרי ציבי:

ורוצה לאבדן. ללמדו בא שלא ירגיל אדם בכך שבעושה אלה מאבד מהר הון רב: כיתנא רומיתא. דמיהם יקרים וממהרים לבלות: תרגומא. לקך בפירות דפועלים: בתורי. בפועלים המנהיגים בשוורים של בע"ה: דנפיש פסידייהו. שרוב עבודת קרקעות שלהם בשוורים היתה אף חרישת הכרמים ובצירתם מנהיגים כלי המחרישה בעגלה בין שורות הכרם עם השוורים ואותן הם הענבים לפיכך אם אין הבעלים עמהם יש הפסד גדול באין דרך הפועלים לחוס על הכרם ועל השוורים ומנהיגים אותם על הגפנים ועל הנטיעות והם מתקלקלים והשוורים נהקלים ונשברים:

---

גזאגט דער וואס האט איבער ביי זיך אין שטוב. זאל ער אויס שאקלען זיין קלייד אלע טאג. זעהן מיר דאך אז דאס שאקלען מאכט קאליע דיא קלייד. ענטפערט דיא גמרא אז מען שאקלט אויס דאס קלייד אלע טאג ווערט קאליע דאס קלייד. איין מאהל אין דרייסיג טאג אויס צוא שאקלען. איז גוט צום קלייד. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן עס איז ניט קיין קשיא אז איין מענטש שאקלט אויס דאס קלייד. איז גוט צום קלייד. אונ אז צוויי מענטשין האלטען דאס קלייד אונ שאקלען איר, איז ניט גוט צום קלייד. זיא וועט צוריסען ווערין. ווייל דער ציהט צו זיך אונ דער ציהט צוא זיך. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן עס איז ניט קיין קשיא אז מען שאקלט אויס דאס קלייד מיט דיא הענט. איז גוט צום קלייד. אונ אז מען קלאפט אויס מיט אשטעקין איז ניט גוט צום קלייד. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן עס איז ניט קיין קשיא ביא וואלענע קלייד איז ניט גוט דאס אויס ציהען. אונ ביא אפלאקסענע קלייד איז גוט דאס אויס ציהען:

יב אמר. רבי יוחנן האט גזאגט בעסער זאל מען טרינקען אכוס פון מכשפים. אונ מען זאל ניט טרינקען אכוס ווארעמע וואסער. דאס איז נאר אז דיא וואסער איז גיווארעמט גיווארין אין אאייזערנע כלי. אבער אז דיא וואסער איז גיווארעמט גווארין אין אערדענע כלי. מעג מען טרינקען דיא וואסער. אונ ווען זאל מען ניט טרינקען דיא ווארעמע וואסער פון אאייזערנע כלי. אז דיא וואסער האט ניט גיקאכט. אבער אז דיא וואסער האט גיקאכט. אונ זיא איז אפ געקיהלט גיווארין. אונ זיא איז ווארעם. מעג מען איר טרינקען. אונ ווען זאל מען ניט טרינקען די ווארעמע וואסער פון אאייזערנע כלי אז די וואסער הט ניט גיקאכט: אויב מען הט ניט ארין גילייגט אין די וואסער קיין טעה אדער אנדערע בשמים: אבער אז אין די וואסער איז עפעס ארין גילייגט גיווארין. מעג מען טרינקען די וואסער:

יג אמר. רבי יוחנן האט גזאגט דער מענטש וואס זיין פאטער האט אים גימאכט ירשנן פיל געלט. אונ ער וויל דיא געלט פאר לירען. זאל ער זיך מאכען פלאקסענע קליידער. אונ זאל ניצען מיט גלעזערנע כלים. אונ ער זאל דינגען ארבעטער אונ זאל ניט זיצען נעבין זיי. ער זאל זיך מאכען פלאקסענע קליידער. דאס מיינט מען רוימישע פלאקס. וואס עס איז גאנץ טייער אונ עס ווערט געשווינד צעריסען. אונ ער זאל ניצען מיט גלעזערנע כלים. דאס מיינט מען מיט ווייסע גלאז טייערע. אונ ער זאל דינגען ארבעטער אונ זאל ניט זיצען נעבין זייא. ווס זאלין דיא ארבעטער טוהן. זייא זאלין ארבעטין אין דיא ווייגערטנער מיט אקסין. אונ אויב דער

בעל

**יד** ת"ר המוצא כלי עץ משתמש בהם בשביל שלא ירקבו כלי נחשת משתמש בהם בחמין אבל לא על ידי האור מפני שמשחקן כלי כסף משתמש בהם בצונן אבל לא בחמין מפני שמשחירן מגרפות וקרדומות משתמש בהם ברך אבל לא בקשה מפני שמפחיתן כלי זהב וכלי זכוכית לא יגע בהם עד שיבא אליהו וכדרך שאמרו באבידה כך אמרו בפקדון פקדון מאי עבידתיה גבי' [אמר רב אדא בר חמא] א"ר ששת בפקדון שהלכו בעליהן למדינת הים :

**משתמש** בהן בחמין . וכ"ש בצונן : אבל לא ע"י האור . לא יתן הכלי על האור :
**מגריפות** . ודילו"ש עשויין לגרוף הכירות ולהפריד
**חלקים** המדובקות : שמפחיתן . פוגמן : מאי עבידתיה גביה . מה לו להשתמש כי יבא בעליו ויטתמש בו :
**והתעלמת** מהם . ללמדך בא שמותר להתעלם: ופעמים שאי אתה מתעלם . דכתיב לא תוכל
**להתעלם**: והיא בבית הקברות . שהאבידה בבית
**הקברות**: ואינה לפי כבודו . שיטעננו : או שהיה . בטל ממלאכה שלו פיטעל (מדמי השבחה) [בהשבתה] מרובה על דמי האבידה :

**טו** **ופיסקא**] מצא שק או קופה [וכל דבר] שאין דרכו ליטול ה"ז לא יטול כו' מנא ה"מ דת"ר (דברים כב) והתעלמת פעמים שאתה מתעלם ופעמים שאי אתה מתעלם הא כיצד היה כהן והוא בבית הקברות או שהיה זקן ואינה לפי כבודו או שהיתה מלאכה שלו מרובה משל חבירו לכך נאמר והתעלמת מהם :

רבי

---

בעל הבית איז ניטא געבין זייא · איז הער שאדין זייער פיר : דיא אקסין צוא ברעכין אדע יונגע בוימלאך אונ דיא יונגע צווייגין . אונ זיי צו טרעטין די ווייןשטאקין אונ אנדערע פירות וואס דארט ליגט . די אקסין פאלען דורך דיא בוימער אונ צו ברעכין די פיס :

**יד** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט אז איינער געפינט הילצערנע כלים . זאל ער ניצען מיט זייא ; זייא זאלין ניט פאר פוילט ווערין . אז ער געפינט קופערנע כלים זאל ער ניצען מיט זייא מיט ווארעמע זאכען (אונ מיט קאלטע זאכען) . אבער ער זאל ניט שטעלין דיא כלים געבין פייער . ווארום זייא ווערין פאר ברענט ווערט אפ געריבען דיא קופער . אז ער געפינט זילבערנע כלים . זאל ער ניצען מיט זייא קאלטע זאכען . אבער ניט ווארעמע . ווייל זייא ווערין שווארץ . אז ער געפינט ווידלעס העק . זאל ער ניצען מיט זיי ווייכע זאכען . אבער ניט הארטע זאכען . ווייל זייא ווערין צוא בראכען . אז ער געפינט גאלדענע כלים אדער גלעזערנע כלים . זאל ער זייא ניט אן רירען ביז אליהו הנביא וועט קומען , וועט ער זאגין וועמעס זענען דיא כלים . אונ אזוי וויא מען האט גיזאגט ביי דעם וואס געפינט פאר לארענע כלים . אזוי האט מען געזאגט ביי דעם וואס האט בייא זיך בעהאלטענע כלים . פרעגט דיא גמרא וויא קומט ער צוא ניצען מיט בעהאלטענע כלים . דער בעל הבית וואס האט זייא גיגעבין בעהאלטין בייא אים . זאל ער ניצען מיט זייא . האט רב אדא בר חמא גיזאגט פון רב ששת וועגין דא שמועסט אז למשל ראובן האט גיגעבין בעהאלטין כלים בייא שמעון , אונ ראובן איז אוועק אין דיא מדינות פון ים . ווייטע מדינות . מען ווייסט ניט ווען ער וועט צוריק קומען . קענען דאך דיא כלים קאליע ווערין . זאל ער טאהן מיט דיא כלים אזוי וויא פריער שטייט בייא דיא געפונענע כלים :

**טו** פיסקא . מצא . אז איינער האט גיפונען אזאק אדער אקארב אדער אנדערע זאכין וואס עס איז ניט שיין פאר אים ער זאל זייא נעמען . זאל ער ניט נעמען נאר ער זאל זייא לאזין ליגען אונ זאל אוועק גיין . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר דאס . ווארום דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק והתעלמת . דו זאלסט דיך פארהוילין דו זאלסט דיך ניט מאכין זעהן . אמאהל מעגסטו דיך פארהוילין . אונ אמאהל טארסטו דיך ניט פארהוילין . ווייא מיינט מען . אויב ער איז גיוועזן א כהן אונ דיא פארלארענע זאך ליגט אויף דעם בית הקברות . אדער ער איז גיוועזן אאלטער מאן אונ עס איז ניט שיין פאר אים ער זאל דיא זאך אויף הייבין ; אדער וואס ער וועט זיך שטערין פון זיין ארבעט אויף צוא הייבין דיא זאך איז מער ווערט וויא דיא גאנצע זאך . אויף דעם שטייט אין פסוק והתעלמת מהם . דוא מעגסט דיך פארהוילין פון דיא זאך אונ איר לאזין ליגען :

רבי

(ע"ב) **טז רבי** ישמעאל בר' יוסי הוה כאזיל באורחא פגע ביה ההוא גברא דהוה דרי פתכא דאופי אותבינהו וקא מיתפח א"ל דלי לי א"ל כמה שוין א"ל פלגא דזוזא יהיב ליה פלגא דזוזא ואפקרה הדר זכה בהו הדר יהיב ליה פלגא דזוזא ואפקרה חזייה דהוה בעי למיהדר למזכה בהו א"ל לכ"ע אפקרינהו ולך לא אפקרינהו:

**יז תני** רב יוסף (שמות יח) והודעת להם זה בית חייהם . את הדרך זה גמילות חסדים. ילכו זה ביקור חולים . בה זו קבורה . ואת המעשה זה הדין . אשר יעשון זו לפנים משורת הדין . אמר מר אשר ילכו . זה ביקור חולים היינו גמילות חסדים . לא נצרכה אלא לבן גילו דאמר מר בן גילו נוטל אחד מששים מחליו ואפילו הכי מיבעי ליה למיזל לגביה . בה זו קבורה היינו ג"ח לא נצרכה אלא לזקן ואינה לפי כבודו. אשר יעשון זו לפנים משורת הדין דא"ר יוחנן לא חרבה ירושלים אלא על שדנו בה דין תורה אלא דיני

פסכא דאופי. משאוי של עלים: וקא מתפח . עומד לפוש : דלי לי . הטעינני : הדר זכה בהו . חזר לוקחו כולים והחזיק בהן מן ההפקר : זה בית חייהם ללמוד להם אומנות להתפרנס בו חוקים והורות כתיבי ברישיה דקרא . דיני דמגיזתא לדיינו . בתמיה דמגיזתא . גמזאי הדלין

---

**טז** רבי ישמעאל ברבי יוסי איז צמאהל גנאנגען אין וועג . האט אים באגעגנט אמענטש וואס האט גיטראגין אמשא האלץ. האט דער מענטש אראפ גילייגט דיא האלץ פון דיא פלייצעס אונ האט גירוהט. האט דער מענטש גיזאגט צו רבי ישמעאל העלף מיר אויף הייבין דיא משא . האט רבי ישמעאל גיזאגט צוא דעם מענטש וויא פיל איז ווערט דיא האלץ. האט דער מענטש גיזאגט דיא האלץ איז ווערט אהאלבין גילדין. האט רבי ישמעאל גיגעבין צוא דעם מענטש אהאלבין גילדין . אונ רבי ישמעאל האט מפקיר גיוועזן דיא האלץ . ווייל עם וויל זאל זייא נעמען . האט דער מענטש צוריק זוכה גיוועזן דיא האלץ. האט רבי ישמעאל אים גיגעבין נאך אמאהל אהאלבין גילדין. אונ האט נאך אמאהל מפקיר גיוועזן דיא האלץ . האט רבי ישמעאל גיזעהן וויא דער מענטש וויל גיין נאך אמאהל נעמען דיא האלץ . האט רבי ישמעאל גיזאגט איך האב גישיינקט דיא האלץ פאר דיא גאנצע וועלט ווער עס וויל מעג זייא נעמען . נאר צוא דיר האב איך זייא ניט גישיינקט . דוא טארסט ניט נעמען דיא האלץ:

**יז** תנו. רב יוסף האט גילערונט עס שטייט אין פסוק והודעת להם . דוא זאלסט זייא מאכין וויסען : דאס מיינט מען דוא זאלסט לערנען דיא יודין אמלאכה זייא זאלין האבען פון וואנען צוא לעבין . את הדרך . דעם וועג . דאס מיינט מען גמילות חסדים . איין מענטש זאל טאהן אטובה דעם אנדערין מענטשין . ילכו . זייא זאלין גיין. מיינט מען זייא זאלין גיין מבקר חולה זיין . בה . אין איר . מיינט מען אז עס איז דא אמת זאל מען אים בגראבין . ואת המעשה. אונ דאס טוהן מיינט מען אז איינער קריגט מיט זיין חבר זאלין זייא גיין צו אדין תורה . אשר יעשון . וואס זייא זאלין טוהן . מיינט מען מען זאל טוהן נאך מער ווי דער דין איז. פרעגט דיא גמרא דער תנא האט גזאגט אשר ילכו מיינט מען ביקור חולים : דס איז דאך גמלות חסדים . אונ גמלות חסדים שטייט דאך שוין . ענטפערט דיא גמרא דער תנא זאגט מען זאל גיין מבקר חולה זיין אפילו צוא דעם מענטש וואס ער איז מיט אים גיבארין אין איין מזל . ווארום דער תנא זאגט אז איינער גייט מבקר חולה זיין צוא דעם מענטש וואס ער איז מיט אים גיבארין אין איין מזל . נעמט ער צוא אזעכציג חלק פון זיין קראנקייט . פון דעסטוועגין בארף ער גיין צו אים מבקר חולה זיין . פרעגט די גמרא דער תנא זאגט בה מיינט מען קבורה . מען זאל בגראבין אמת . דאס איז דאך גמלות חסדים . אונ גמלות חסדים שטייט דאך שוין אז מען מוז טאהן . ענטפערט דיא גמרא דער פסוק מיינט אפילו ער איז אאלטער מאן אונ עס איז ניט זיין כבוד . פון דעסטוועגין מוז ער זיך בשעפטיגען מיט דעם מת אים צוא בגראבין . זאגט דיא גמרא דער תנא זאגט אשר יעשון מיינט מען זייא זאלין טאהן מער וויא דער דין איז ווארום רבי יוחנן האט גזאגט ירושלים איז נאר חרוב גיווארין ווייל זייא האבען גמשפט אדין תורה.

פרעגט

דכגיזתא לדיינו אלא אימא שהעמידו דיניהם על דין תורה ולא עבדו לפנים משורת הדין :

(דף לא) **יח א"ל** ההוא מדרבנן לרבא ואימא (ויקרא יט) הוכח חדא זימנא הוכיח תרי זימני א"ל הוכח אפילו מאה פעמים משמע תוכיח אין לי אלא הרב לתלמיד תלמיד לרב מנין ת"ל הוכח תוכיח מ"מ :

(ע"ב) **יט פתוח** תפתח (דברים טו) אין לי אלא לעניי עירך לעניי עיר אחרת מנין ת"ל פתוח תפתח מ"מ . נתון תתן אין לי אלא מתנה מרובה מתנה מועטת מנין ת"ל נתון תתן מ"מ . העניק תעניק אין לי אלא שנתברך הבית בגללו מעניקים לו לא נתברך הבית בגללו מנין ת"ל העניק תעניק מ"מ . ולרבי אלעזר בן עזריה דאמר נתברך הבית בגללו מעניקים לו לא נתברך הבית בגללו אין מעניקים לו העניק תעניק לכה לי דברה תורה כלשון בני אדם . העבט תעביטנו אין לי אלא שאין לו ואינו רוצה

ביכורין ובחזקה : מתנה מועטת מנין . אם אי אפשר לך ליתן מתנה מרובה : אין לי אלא שנתברך הבית בגללו . דהכי כתיב קרא אשר ברכך ה' אלהיך תתן לו : לר' אלעזר בן עזריה . בקידושין : שאין לו ממה שיתפרנס . ואינו רוצה להתפרנס משלך במתנה : אמר כדמגלה העבט דרך הלואה : יש לו

---

פרעגט דיא גמרא וויא דען האבען זייא גידארפט משפטין . וויא דיא פעלקער משפטין, נאר אזוי מיינט מען זייא האבען געשטעלט זייערע רייד נאר וויא דיא תורה משפט . אונ זיי האבען נישט גיטאהן מער וויא דער דין איז :

**יח** אמר . איינער פון דיא רבנן האט גזאגט צוא רבא טאמער הוכח מיינט מען מען זאל שטראפין דעם מענטשין איין מאהל תוכיח מיינט מען מען זאל איהם שטראפין נאך אמאהל . איז צוויי א מאהל . אבער מער וויא צווייא מאהל דארף מען שוין איהם ניט שטראפין . האט רבא גזאגט הוכח מיינט מען אפילו הונדערט מאהל זאל מען אויך שטראפין . נאר איך וואלט מיינען אז נאר א רבי זאל שטראפין זיין תלמיד . אבער א תלמיד זאל ניט שטראפין זיין רבי . דריבער שטייט הוכח תוכיח אפילו א תלמיד מעג שטראפין זיין רבי אז ער זעהט דער רבי טוהט ניט וויא מען דארף :

**יט** פתוח תפתח . עפענען זאלסטו עפענען דיין האנט צוא געבין צדקה . פר וואס שטייט צווייא מאהל דערווארט עפענען . ווארום איך וואלט מיינען נאר צוא דיא ארעמע לייט פון דיין שטאט זאלסטו עפענען דיין האנט צוא געבין צדקה . אבער צוא דיא ארעמע לייט פון איין אנדער שטאט דארפסטו ניט געבין צדקה דריבער שטייט צווייא מאהל עפענען . מען זאל געבין צדקה צוא אלע ארעמע לייט . אין פסוק שטייט נתון תתן . געבין זאלסטו געבין צדקה . פאר וואס שטייט צוויי מאהל דער ווארט געבין . ווארום איך ווארט מיינען אז מען קען געבין דעם ארעם מאן א גרויסע מתנה . זאל מען אים געבין : אבער אז מען קען אים ניט געבין א גרויסע מתנה נאר א קלייניגקייט . זאל מען אים גאר ניט געבין . דריבער שטייט אין פסוק געבין זאלסטו געבין . וויא פיל דוא קענסט געבין . זאלסטו געבין . אין פסוק שטייט העניק תעניק . אז דוא האסט גיהאט א קנעכט אונ ער האט אפ געדינט זיינע זעקס יאהר . ווען ער גייט ארויס פריי פון דיר זאלסטו אים געבין פון אלץ וואס גאט האט דיך גיבענשט . צוא וואס שטייט צוויי מאהל . העניק תעניק . נאר איך וואלט מיינען אויב דיא שטוב פון בעל הבית איז גיבענשט גיווארין דורך דעם קנעכט . זאל אים דער בעל הבית געבין פון אלץ וואס ער האט אין שטוב . אבער אז דיא שטוב איז ניט גיבענשט גיווארין פון זיינעט וועגין . זאל מען אים נישט געבין . דריבער שטייט אין פסוק צווייא מאהל דער ווארט געבין . העניק תעניק אפילו דיא שטוב איז ניט גיבענשט גיווארין דורך אים זאל מען אים אויך געבין . פרעגט דיא גמרא נאך רבי אלעזר בן עזריה וואס ער זאגט אויב דיא שטוב איז גיבענשט גיווארין דורך דעם קנעכט גיט מען אים . אבער אז דיא שטוב איז ניט גיבענשט גיווארין דורך אים גיט מען אים ניט . צוא וואס עס שטייט העניק תעניק . ענפרט די גמרא די תורה רעט ווי מענטשין רעדין . וואס זייא זאגין צוויי מאל איין ווארט . אין פסוק שטייט העבט תעביטנו . דוא זאלסט אים בארגין . צוא וואס שטייט בארגין זאלסטו

אים

להתפרנס אמר רחמנא תן לו דרך דלואה יש לו ואינו רוצה להתפרנס מנין ת"ל תעביטנו כ"מ:

(דף לב) **כ** **ת"ר** מנין שאם א"ל אביו הטמא או שא"ל אל תחזיר שלא ישמע לו שנא' (ויקרא יט) איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו אני ה' כלכם חייבים בכבודי טעמא דכתב רחמנא את שבתותי תשמורו הא לאו הכי הוה אמינא ציית ליה ואמאי האי עשה והאי לא תעשה ועשה ולא אתי עשה ודחי את לא תעשה ועשה איצטריך סד"א הואיל והוקש כבוד אב ואם כבודו של מקום שנא' כאן (שמות כ) כבד את אביך ואת אמך ונאמר להלן (משלי ג) כבד את ה' מהונך הילכך לציית ליה קמ"ל דלא לישמע ליה:

ואינו רוצה להתפרנס. משלו אלא משלך: מנין שאתה חייב להעביטו וליפרע ממנו אחר מיתה: ת"ל העביטנו. והכי מפרש בכתובות פ' מציאת האשה:

אני ה'. אע"פ שאמרתי לך ירא את אביך אני אדון לכולכם ואם אמר לך אביך עבור על דברי לחלל שבת אל תשמע לו: הוה אמינא ליית ליה. דאתי עשה דכיבוד ודחי לא תעשה דלא תוכל להתעלם: דאכידה עשה ולא תעשה היא. השב תשיבם ולא תוכל להתעלם: הוקש כבודם. בגזרה שוה כבד את אביך כבד את ה' מהונך:

מדכרי

---

אים בארגין. צווייא מאהל דער ווארט בארגין. נאר איך וואלט מיינען אז איינער האט גיט קיין געלט. אונ ער וויל ניט מען זאל אים שייגקען. זאגט דיא תורה דוא זאלסט אים בארגין. אבער אז ער האט געלט אונ ער וויל ניט לעבין פון זיין געלט. נאר פון דיין געלט. פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף אים בארגין. אונ דער נאך אז ער וועט שטארבין וועט מען אפ נעמען פון זיין פאר מעגין. דריבער שטייט אין פסוק צוויי מאהל דער ווארט בארגין. אז אפילו ער האט זאל קען אים אויך בארגין:

**כ** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט פון וואנען ווייסין מיר אז אפאטער זאגט צוא זיין זוהן וואס ער איז אכהן ער זאל זיך מטמא זיין צו אמת. אדער ער זאגט צו אים אז דו וועסט עפעס געפינען זאלסטו ניט אוועק געבין. זאל דער זוהן ניט פאלגין דעם פאטער. ווארום עס שטייט אין פסוק יעדער מענטש זאל מורא האבען פאר זיין פאטער אונ מוטער. אונ מיינע שבתים זאלט איר היטען איך בין גאט. איר אלע מוזט געבין כבוד צוא מיר. דער זוהן אונ דער פאטער מוזין טאהן וואס גאט הייסט. דריבער אז דער פאטער זאגט צום זוהן ער זאל מחלל שבת זיין ואדער ער זאל טאהן איין אנדער עבירה. טאר ער אים ניט פאלגין. פרעגט דיא גמרא ווייל דיא תורה האט געשריבען מען זאל מורא האבען פאר פאטער אונ מוטער אונ היטען מיינע שבתים. פון דאנען ווייסין מיר אז אפאטער זאגט צוא זיין זוהן וואס ער איז אכהן ער זאל זיך מטמא זיין צו מתים אדער ער זאגט צו אים ער זאל ניט אוועק געבין וואס ער געפינט זאל ער אים ניט פאלגין. אבער אז דער פסוק וואלט ניט נישטאנען וואלט איך מיינען אז ער זאל פאלגין דעם פאטער אונ זאל זיך מטמא זיין צו מתים אונ ער זאל ניט אוועק געבין וואס ער געפינט. פאר וואס? פאלגין דעם פאטער איז דאך אמצות עשה. אונ אז ער וועט ניט אוועק געבין וואס ער געפינט. איז ער עובר אויף אמצות עשה אונ אמצות לא תעשה. אונ אמצות עשה קען ניט אוועק שטויסין אמצות לא תעשה אונ אמצות עשה ואמצות עשה השב תשיבם. דו זאלסט אוועק געבין וואס דו געפינסט. אונ אמצות לא תעשה לא תוכל להתעלם: אז דו זעהסט דעם חברס זאך ליגט פארלארין. טארסטו ניט לאזין ליגען אונ אוועק גיין: ענטפערט דיא גמרא דער פסוק איר זאלט היטען מיינע שבתים מוז שטיין. ווארום איך וואלט מיינען ווייל עס איז גלייך גיווארין דער כבוד פון פאטער אונ מוטער צום כבוד פון גאט. ווארום דא שטייט כבד את אביך ואת אמך. דו זאלסט געבין כבוד צו דיין פאטער אונ מוטער. אונ דארט שטייט כבד את ה' מהונך. דו זאלסט געבין כבוד צו גאט פון דיין פארמעגין. דריבער זאל מען פאלגין פאטער אונ מוטער אזוי וויא מען פאלגט גאט. דריבער זאגט דער פסוק איר זאלט היטען מיינע שבתים (אונ אלע מצות) אונ איר זאלט ניט פאלגין אייער פאטער אונ מוטער וואס זייא הייסין אייך טאהן אעבירה. אדער זייא הייסין אייך איר זאלט ניט טאהן אמצוה. נאר איר מוזט אלע מקיים זיין דיא מצות פון גאט:

אמר

(ע"ב) **כא אמר** רבא מדברי שניהם נלמד צער חיים דאורייתא:

**כב ת"ש** אוהב לפרוק ושונא לטעון מצוה בשונא כדי לכוף את יצרו ואי ס"ד צער בעלי חיים דאורייתא הא עדיף ליה אפ"ה כדי לכוף את יצרו עדיף:

(דף לג) **כג משנה** אבדתו ואבדת אביו אבדתו קודמת אבדתו ואבדת רבו שלו קודמת אבדת אביו ואבדת רבו של רבו קודמת שאביו הביאו לעה"ז ורבו שלמדו חכמה מביאו לחיי העולם הבא ואם אביו חכם של אביו קודמת היו אביו ורבו נושאין משאוי מניח את של רבו ואח"כ מניח את של אביו היה אביו ורבו בבית השבי פודה את רבו ואח"כ פודה את אביו ואם אביו חכם פודה את אביו ואח"כ פודה את רבו: **גמ'** מנא ה"מ אמר [ר"י אמר] רב אמר קרא (דברים טו) אפס כי לא יהיה בך אביון שלך קודם לשל

כל

מדברי שניהם מדקאמרי תרוייהו פריקה עדיפא: מנא ה"מ דשלו קודם: לא יהיה בך אביון. הזהר מן העניות: כל המקיים בעצמו כך. אע"פ שלא הטיל עליו הכתוב יש לאדם ליכנס לפנים משורת הדין וגם לדקדק שלו קודם אם לא בהפסידא דמוכח ואם תמיד מדקדק פורק מעליו עול גמילות חסדים וצדקה וסוף שיצטרך לבריות: שלמדו חכמה. שכלת טעמי המשנה והבין שלא יהו סותרות זו את זו וטעמי איסור והיתר והחיוב והפטור והיא נקראת תלמוד:

---

**כא** אמר. רבא זאגט פון זייא ביידע לערנען מיר אז דיא תורה האט געזאגט מען זאל ניט מצער זיין אלעבעדיגע זאך:

**כב** תא שמע. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט אויב עס שטייט אגוטער פריינד פון ראובן אונ ער בעט ראובן זאל אים העלפין אראפ נעמען דיא משא פון זיין אייזיל. אונ עס שטייט אשונא פון ראובן אונ ער בעט ראובן זאל אים העלפין אויף לאדין דיא משא אויף זיין אייזיל. וועמען זאל ראובן העלפין. איז אמצוה ראובן זאל העלפין דעם שונא ארויף לייגין דיא משא אויף דעם אייזיל. ראובן זאל ביימין זיין יצר הרע ער זאל ווערין שלום מיט זיין שונא; אויב עס איז וויא רבא זאגט אז דיא תורה האט געזאגט מען זאל ניט מצער זיין אלעבעדיגע זאך. איז דאך בעסער אז ראובן זאל העלפין זיין גוטען פריינד אראפ צוא נעמען דיא משא פון אייזיל. ווארום דער אייזיל האט דאך צער וואס דיא משא ליגט אויף אים. ענטפערט דיא גמרא ניין. דיא תורה האט טאקי געזאגט מען זאל ניט מצער זיין אלעבעדיגע זאך. פון דעסטוועגין צו ביימין דעם יצר הרע ער זאל שלום ווערין מיט זיין שונא איז מער מצוה:

**כג** משנה. אבדתו. אויב ער האט פארלארין אזאך אונ זיין פאטער האט פארלארין אזאך. זאל ער פריער זוכין זיין זאך. אויב ער האט פארלארין אזאך אונ זיין רבי האט פארלארין אזאך. זאל ער פריער זוכין זיין זאך. אויב זיין פאטער האט פארלארין אזאך אונ זיין רבי האט פארלארין אזאך. זאל ער פריער זוכען דיא זאך פון זיין רבי. ווארום זיין פאטער האט אים גיבראכט אויף דיא וועלט. אונ זיין רבי וואס לערנט מיט אים תורה ברייגגט אים צו עולם הבא. אונ אויב זיין פאטער איז אויך אלמדן. זאל ער פריער זוכען דיא זאך פון זיין פאטער. אויב זיין פאטער טראגט אמשוי אונ זיין רבי טראגט אמשוי. זאל ער פריער אוועק לייגין דיא משא פון זיין רבי. דער נאך זאל ער אוועק לייגין דיא משא פון זיין פאטער: אויב זיין פאטער אונ זיין רבי זענען גיפאנגען גיווארין. זאל ער אויסלייזין פריער זיין רבי. דער נאך לייזט ער זיין פאטער. אונ אויב זיין פאטער איז אויך אלמדן. לייזט ער אויס דעם פאטער פריער. דער נאך לייזט ער אויס זיין רבי. פרעגט דיא גמרא פון וואנען וויסין מיר אז אייביג איז זיין זאך פריער. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק נאר עס זאל ניט זיין אין דיר קיין ארעם מאן (דוא זאלסט זעהן אז דו זאלסט ניט זיין קיין ארעם מאן). דריבער איז אייביג דיינע פריער פון אנדערע מענטשינס. נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין דער וואס איז אזוי מקיים דעם פסוק. ער טוהט ניט קיין מענטשין קיין טובה אונ גיט ניט צדקה. ער זעהט נאר פאר זיך. וויל ער האט מורא מאמער וועט ער זיין אארעם מאן. וועט זיין סוף זיין אז ער וועט זיין אארעם מאן. ווארום

דיא

כל אדם . וא"ר"י אמר רב כל המקיים בעצמו כך סוף בא לידי כך . ת"ר רבו שאמרו רבו שלמדו חכמה ולא רבו שלמדו מק"א ומשנה דברי ר"מ ר"י אומר כל שרוב חכמתו הימנו . רבי יוסי אומר אפי' לא האיר עיניו אלא במשנה אחת זהו רבו אמר רבא כגון רב סחורה דאסברן [זוהמא ליסטרון וכו'] . אמר עולא תלמידי חכמים שבבבל עומדים זה מפני זה וקורעין זה על זה :

**כד בעא** מיניה רב חסדא מרב הונא תלמיד וצריך לו רבו מאי א"ל חסדא חסדא לא צריכנא לך את צריכת לי עד מ' שנין איקפדי אהדדי ולא עייל לגבי הרדי יתיב רב חסדא מ תעניתא משום דחלש דעתיה דרב הונא יתיב רב הונא מ' תעניתא משום דחשדיה לרב חסדא :

**כה ת"ר** העוסקים במקרא מדה ואינה מדה במשנה מדה ונוטל עליה שכר בתלמוד אין לך מדה

מקרא . תורה נביאים וכתובים : משנה . כמו שהן שנויות ואין טעמן מפורש כאן : כל שרוב חכמתו הימנו . אם מקרא אם משנה אם גמרא : [האיר עיניו . שהודיעו טעם משנה אחת שלא יכול להבין : דאסברן זוהמא ליסטרון . כסדר טהרות היא שנויה ולא הייתי יודע מה כלי הוא ולמדני שהיא כף גדולה שמחלקין בו זוהם הקדירה והקלחת לאדדין : עומדין זה מפני זה . כדין תלמיד לרב לפי שהיו יושבין תמיד בבית המדרש יחד ומקשין ומפרקין וכולם למדין זה מזה] :

[וצריך לו רבו . שמשמע שמועות שיש בידו מפי אחרים : מאי . קודם לאביו לענין אבידה] :

מדה . כיון קנה : ואינה מדה . שהמשנה והתלמוד יפים ממנה מפני שהלויים בגירסא ומשתכחין שבימיהם לא היה תלמוד בכתב וגם לא היה ניתן ליכתב אלא לפי שנתמעטו הלבבות התחילו דורות אחרונים לכותבו : בתלמוד . כבר פירשתי למעלה שהוא לתת לב להבין סתימות טעמי המשנה מה הם ובמשניות סותרות זו את זו יבין להרן שיהיה שהן קיימות או לדעת דברי התנאים החולקים בדבר ונימא

---

דיא תורה האט אים נאר גיהייסן ער זאל זיך היטען פון אשאדין . אבער צדקה און גמלות חסדים בוז יעדער מענטש געבין . דיא רבנן האבען גילערנט וואס מיר זאגען אין דיא משנה ארבי . מיינט מען ארבי וואס האט אים גילערנט גמרא . און ניט ארבי וואס האט מיט אים גילערנט תנ"ך אדער משניות . אזוי זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט פון וועמען ער האט גילערנט דאס מערסטע חכמה , סיי גמרא און סיי משניות און סיי תנ"ך דער הייסט זיין רבי . רבי יוסי זאגט אפילו ער האט אים נאר ליכטיג גימאכט זיינע אויגען ווער האט מיט אים גילערנט נאר איין משנה וואס ער האט ביז איצט ניט גיוואוסט , הייסט ער שוין זיינער ארבי . רבא זאגט אזוי ווי רב סחורה האט מיר גיגעבין צוא פאר שטיין דיא משנה זוהמא ליסטרין . הייסט ער שוין מיינער ארבי . עולא זאגט דיא תלמידי חכמים פון בבל שטייען אויף איינער פאר דעם אנדערין אזו וויא אתלמיד פאר ארבי . און אז איינער שטארבט רייסען זיי אלע די קליידער אויף אים . אזוי וויא אויף ארבי . ווייל זיי לערנען איינער פון אנדערין :

**כד** בעא . רב חסדא האט גיפרעגט ביי רב הונא אתלמיד וואס דער רבי דארף אים . למשל דער תלמיד לערנט ביי דעם רבי דיא חכמה פון דער גמרא . און דער תלמיד ווייס אבער פיל משניות . וואס ער האט גילערנט ביי איין אנדער רבין . דארף דער רבי פרעגין ביי אים אמשנה . אויב דער רבי פון דעם תלמיד האט פאר לארין אזאך . און דער פאטער פון דעם תלמיד האט פאר לארין אזאך . איז דער רבי אויך פריער פאר דעם פאטער . אדער פאר אזוי ארבי איז דער פאטער פריער . האט רב הונא גזאגט צו רב חסדא . חסדא חסדא איך דארף דיך ניט . דוא דארפסט מיך . ביז פערציג יאהר איז אין בעם גיוועזן איינער אויף דעם אנדערין . און זייא זענען ניט אריין גיגאנגען איינער צום אנדערין . רב חסדא האט גיפאסט פערציג תעניתים ווייל ער האט פאר שעמט רב הונא . רב הונא האט גיפאסט פערציג תעניתים ווייל ער האט חושד גיוועזן רב חסדא אז ער מיינט זיך גרויס צו האלטען געגין אים :

**כה** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט דא וואס לערנען תנ"ך . איז גוט און עס איז ניט גוט . דיא וואס לערנען משניות איז גוט און מען נעמט שכר פאר דעם לערנען . און די וואס לערנען גמרא איז ניטא בעסער וויא דאס איז . און אייביג זאל מען לויפען לערנען משניות מער וויא גמרא . פרעגט דיא גמרא פריער זאגט מען אז גמרא לערנען איז ניטא בעסער

מדה גדולה מזו. ולעולם הוי רץ למשנה יותר מן התלמוד הא גופא קשיא אמרת בתלמוד אין לך מדה גדולה מזו והדר אמרת ולעולם הוי רץ למשנה יותר מן התלמוד א"ר יוחנן (ע"ב) בימי רבי נשנית משנה זו שבקו כולי עלמא מתני' ואזלו בתר תלמודא הדר דרש להו ולעולם הוי רץ למשנה יותר מן התלמוד מאי דרוש כדדריש רבי יהודה ברבי אילעאי מ"ד (ישעיה נח) והגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם הגד לעמי פשעם אלו תלמידי חכמים ששגגות נעשות להם כזדונות ולבית יעקב חטאתם אלו עמי הארץ שזדונות נעשות להם כשגגות והיינו דתנן רבי יהודה אומר הוי זהיר בתלמוד ששגגת תלמוד עולה זדון. דרש רבי יהודה ברבי אילעאי מ"ד (שם סו) שמעו דבר ה'

אימא הא מני פלוני חכם הוא: בימי רבי נשנית משנה זו. הא דקתני תלמוד אין לך מדה גדולה מזו לפי שמסרבו תלמידי שמאי והלל שהיו לפניו ג' דורות רבו מחלוקת בתורה ונעשית כשתי תורות מתוך עול שעבוד מלכיות [וגזירות] שהיו גוזרין עליהם ומתוך כך לא היו יכולין לתת לב לברר דברי החולקים עד ימיו של רבי שנתן הקב"ה לו חן בעיני אנטונינוס מלך רומי כדאמרי' בע"ז והיו מלרה ושלא וקבץ כל תלמידי א"י ועד ימיו לא היו משכחות סדורות אלא כל תלמיד ששמע דבר מפי גדול הימנו גרסה ונתן סימנין הלכה פלוני ופלוני כשמעתי מפי פלוני וכשנקבצו אמר כל א' מה ששמע ונתנו לב לברר טעמי המחלוקת דברי מי ראויין לקיים וסדרו המסכתות דברי נזיקין לבדם ודברי יבמות לבדם ודברי קדשים לבדם ושהם שני במשנה דברי יחידים שראה רבי את דבריהם ושנאן שהם כדי לקבוע הלכה כמותם לפיכך אמרו בתלמוד אין לך מדה גדולה מזו שיתנו לב לטעמי המשנה: שבקי כולי עלמא מתניתין. מלחזור על גרסת משנתם: ואזלו בתר הגמרא. לחשוב בסברא: הדר דרש להו הוי רץ למשנה. לפי שראה שן יכבחו המשניות ויחליפו שמות החכמים ובמקום חייב יאמרו פטור ובמקום אסור יאמרו מותר: מאי דרוש. מתחלה כשדרש שהתלמוד גדול: לעמי פשעם. עמי דהיינו ת"ח את הטאתם אני קורא פשע שהיה להם לתת לב בטעמי משנתם שיברכו להם על העיקר ולא יורו הלכה מתוך משנה שאינה עיקר: ולבית יעקב. שאר עמי: חטאתם. אפילו פשע שלהם אני קורא חטאת: הוי זהיר בתלמוד. בה"א תירוץ טעמי המשניות או אם תשמע דבר משנה מרבך הזהר לשאול טעמים ומי שמה: שגגת תלמוד. אם שגיח בהוראה בשגגת תלמוד שלא ידעת טעם המשנה ונתת (אתה) [בה] טעם אחר ומתוך כך דמית (ליה) [לה] דין או הוראה שבאת לידך ולימדתו סימנו שלא כדת שאין הטעם כמו שהיית סבור שאלו ידעת טעם המשנה לא דמית לה מעשה הבא לידך: עולה זדון. עונש אתה עליך כמזיד שהזדון כוא בידך שלא שאלת טעם מרבך

---

וויא דאס איז. דער נאך זאגט מען אז אייביג זאל מען לויפען לערנען משניות מער וויא גמרא. האט רבי יוחנן גזאגט אין דיא צייט פון רבי איז גילערנט גיווארין דיא משנה. אז דאס בעסטע לערנען איז גמרא. האבען אלע פאר לאזין דאס משניות לערנען אונ זענען גיגאנגען לערנען גמרא. דער נאך האט רבי געדרשת אייביג זאל מען לויפען לערנען משניות מער וויא גמרא. וואס האט ער גידרשת פריער אז ער האט גזאגט אז גמרא איז גרעסער וויא משניות. אזוי וויא רבי יהודה ברבי אילעאי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט זאגין צוא מיין פאלק זייערע פשעים (מוטוויליגע זינד) אונ צו דיא הויז געזינד פון יעקב זאלסטו זאגין זייערע חטאות (אומגערנדיגע זינד): דוא זאלסט זאגין צו מיין פאלק זייערע פשעים. דס מיינט מען דיא תלמידי חכמים. דיא עבירות וואס דיא תלמידי חכמים טאהן אומגערין. ווייל זייא האבען ניט געוואוסט דעם דין. ווערט זייא גירעכענט גלייך וויא זייא וואלטין גיטאהן וויסענדיג. ווארום זייא האבען גידארפט לערנען וואלטין זייא וויסען. אונ צוא דיא הויז געזינד פון יעקב זאלסטו זאגין זייערע חטאים. דאס מיינט מען דיא עמי הארץ. דיא עבירות וואס די עמי הארץ טוהען במזיד זייא ווייסען אז דאס איז אעבירה אונ טוהען. ווערט זייא גירעכענט גלייך וויא זיי וואלטין גיטאהן ניט וויסענדיג. ווארום זייא האבען טאקי גיוואוסט אז דאס איז אעבירה. זייא האבען אבער ניט געוואוסט וויא גרויס דער שטראף איז פון דיא עבירה. דריבער זענען אלע גיגאנגען לערנען גמרא. זייא זאלין וויסען ריכטיג דיא דינים. דאס איז וואס מיר האבין גילערנט רבי יהודה זאגט דוא זאלסט דיך היטען צוא לערנען גמרא דוא זאלסט וויסען ריכטיג דעם טעם פון יעדער משנה. ווארום אז דער וואס לערנט גמרא האט ניט גילערנט ריכטיג דעם טעם פון דער משנה. נאר ער האט גילערנט אפאלשין פשט. דריבער האט ער פאלש גיפסקנת אדין. ווערט ער גישטראפט גלייך וויא ער וואלט גיוואוסט דעם דין אונ האט פון דעסטוועגין ניט גיטאן וויא דער דין איז ווייל ער וויל נישט פאלגין דיא תורה. ווארום אז ער וואלט זיך גימאטערט אדער ער וואלט גיפרעגט בייא אגרעסערין למדן וואלט מען אים גזאגט דעם ריכטיגען דין. רבי יהודה ברבי אילעאי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק הערט צוא דיא רייד פון גאט די וואס

ה' ההרדים אל דברו אלו ת״ח [אמרו] אחיכם אלו בעלי בקרא שונאיכם אלו בעלי משנה מנדיכם אלו עמי הארץ שבא תאמר אבד סברם ובטל סיכוים ת״ל ונראה בשמחתכם שמא תאמר ישראל יבושו ת״ל והם יבושו עכו״ם יבושו וישראל ישמחו:

# המפקיד פרק שלישי

(דף לה) א [מ״ש] לוה דמהימן ליה למלוה] ומ״ש מלוה דלא מהימן ליה ללוה לוה מקיים ביה במלוה (משלי יא) תומת ישרים תנחם מלוה מקיים ביה בלוה (שם) וסלף בוגדים ישדם:

(דף לה ע״ב) ב והרה אפי והרגתי אתכם בחרב והיו נשיכם אלמנות ובניכם יתומים (שמות כב) ממשמע שנאמר והרגתי אתכם יודע אני שנשותיהם אלמנות ובניהם יתומים אלא כה תלמוד לומר והיו נשיכם וגו' מלמד שנשותיהם מבקשות לינשא ואין

מרנן : אלו ת״ה . שבימשו חכמים הרבה ללמד טעמי משנתם זה בזו וזה בזו שאין הכל בקיאין בטעמן : שונאיכם אלו בעלי משנה . ששונאים בעלי משנה את בעלי התלמוד לפי שבעלי התלמוד אומרים על בעלי משנה שהן מבלי עולם כדאמרי' במסכת סוטה התנאים מבלי עולם שמורים הלכה מתוך משנתם : מנדיכם אלו עמי הארץ . שתלמידי חכמים שמאין ומתועבין להם כנדה : שמא תאמר אבד סברם . של אלו שהרי כתיב למען שמי יכבד ה' משמע שהם אומרין אבל אין הדבר כן : ת״ל ונראה בשמחתכם . ולא כתאמר ואראה כך אגיד כנביא אני ואחיכם שונאיכם מנדיכם כלנו נראה בשמחתכם : והם יבושו . אותם שהם עכו״ם שאינן ממנו ואינן נקראים על שם ישראל הם יבושו וישראל ישמחו :

לוה מקיים במלוה . מקרא זה תומת ישרים תנחם אם לא שאדם ישר ולמען הוא לא היו מעבירים אותו מן השמים שנאמר תומת ישרים תנחם :

שנשותיהן מבקשות כו'. כגון שהלכו בשבי ולא ידעו

---

ציטערין צוא זיינע הייד. דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס לערנען גמרא. ווייל זייא וויסען דעם ריכטיגען דין זייא זאלין ניט זינדיגען געגין גאט. אייערע ברידער וועלין זאגין. דאס מיינט מען דיא וואס לערנען תנ״ך זייא זענען אויך יודין אונ ברידער פון דיא וואס לערנען גמרא: דיא וואס האבען אייך פיינט דאס מיינט מען דיא וואס לערנען משניות. ווארום די וואס לערנען משניות האבען פיינט דיא מענטשין וואס לערנען גמרא. דיא וואס פאר טרייבין אייך. דאס מיינט מען דיא דאזיגע עמי הארצים. וואס זייא ווארטין גערין דער ווייטערט פון זיך דיא תלמידי חכמים. טאמער וועסטו זאגין ווייל אלע האבען פיינט דיא מענטשין וואס לערנען גמרא. דריבער איז פאר לארין זייער אפנונג אונ עס וועט בטל ווערין אויף וואס זייא קוקען. שטייט אין פסוק מיר אלע וועלין זעהן אייער שמחה. דיא וואס לערנען תנ״ך אונ משניות אונ דיא עמי הארצים אלע וועלין זעהן דיא שמחה פון די וואס לערנען גמרא. טאמער וועסטו זאגין אז דיא יודין וואס האבען ניט גילערנט גמרא נאר תנ״ך אונ משניות אונ דיא עמי הארצים וועלין זיך שעמען. שטייט אין פסוק זייא ווערין זיך שעמען (אונ עס שטייט גים איר וועט אייך שעמען). דיא גוים וועלין זיך שעמען אבער דיא יודין ווערין זיך פרייען:

## פרק שלישי

א מאי שנא. דיא גמרא פרעגט פאר וואס דער לוה גלויבט דעם מלוה. אונ דער מלוה גלויבט ניט דעם לוה. ענפערט די גמרא דער לוה איז מקיים אויף דעם מלוה דעם פסוק. די גאנצקייט פון דיא פרומע טוהט זייא פירען. ווען דער מלוה וואלט ניט פרום גיוועזן וואלט אים גאט ניט רייך גימאכט. אונ דער מלוה איז מקיים אויף דעם לוה דעם פסוק דיא פאר קרימונג פון דיא פאלשע טוהט זייא רויבין. ווייל ער איז ארעם אונ דארף בארגין. גיוויס איז ער א פאלשער מענטש:

ב והרה. גאט זאגט מיין כעס וועט דער היצט ווערין וועל איך אייך הרגנן מיט דעם שווערד אונ אייערע ווייבער וועלן זיין אלמנות אונ אייערע קינדער יתומים. פרעגט די גמרא אז דער פסוק זאגט איך וועל אייך הרגנ. ווייסן מיר דאך שוין אז זייערע ווייבער וועלין זיין אלמנות אונ די קינדער וועלין זיין יתומים. צו וואס זאגט דער פסוק אייערע ווייבער וועלין זיין אלמנות אונ אייערע קינדער וועלין זיין יתומים. נאר אזוי מיינט דער פסוק אייערע ווייבער וועלין זיין אייביגע אלמנות.

זייא

ואין מניחים אותם ובניהם רוצים לירד לנכסי אביהם ואין מניחים אותם :

**ג ואלו** הן נכסי נטושין הרי שהיה אביו או אחיו או אחד מן המורישין הלכו להם למדינת הים ולא שמעו בהן שמת וכו' ואלו הן נכסי רטושין הרי שהיה אביו או אחיו או אחד מן המורישין כאן ואינו יודע להיכן הלכו] מ"ש הנך דקרי להו נטושים ומ"ש הני דקרי להו רטושים (דף לט) נטושים דבעל כרחן דכתיב (שמות כג)והשביעית תשמטנה ונטשתה אפקעתא דמלכא רטושים דמדעתן דכתיב (הושע י) אם על בנים רוטשה :

(ע"ב) **ד מרי** בר איסק אתא ליה אחא מבי חוזאה א"ל פלוג לי א"ל לא ידענא לך אתא לקמיה דרב חסדא א"ל שפיר קא"ל שנא' (בראשית מב) ויכר

בניהם אם חיים אם מתים ויהיו נכסיהם אלמנות לעולם שאין בית דין מניחין אותם לינשא ובניהם יתומים שלא יירשו נכסיהם וכו' קללות הם אחד של הרב ואחד של שבי :

רטושין . משמע שעזבום בעליהם מדעתם והלכו להם דכיון דהיה לו נגוות הורידו יורשי לנכסי ולא נוה ש"מ לא ניחא ליה ונטושים משמע שנטשום בעליהם בעל כרחן כגון שנשבו (כדמפרש בגמרא לקמן) :

ה"ג נטושין על כרחן דכתיב והשביעית תשמטנה ונטשתה . היינו על כרחו : אפקעתא דמלכא . מצוה המלך : רטושים דמדעתן דכתיב אם על בנים רוטשה היינו מדעתו ולא שביה דכתיב ריבוי דקרא וקאמר שאין בעמך היו ירצים שלא יבואו אויבים עליהם וכל מבצרך יושד יגלו בגולה מאליהם ויצאו בעיירות שודדים מאין איש כשוד שלמן בית ארבאל ביום מלחמה כשודדים הבאים למלחמה ע"י מארב על עם היושב בשלוה שלא מהרו בהם לברוח מפניהם ושודדים את הכל וכמוהו הגלת יהודה וגו' גלה שלומים מתוך ישיבת שלום כאין מהריד הגנס כ"ע . בית ארבאל ת"י בית מארב אל"ף למ"ד יתירים בו כמו יענו את ישמעאל שהוא לשון זריעה ולא לבון עיר מדקאמר יושד כשוד שלמן בית ארבאל מכלל דהכות יומא לאו בית ארבאל ביום מלחמה הוא אלא מוכך בא בלנס והמה עוזבים אם על בנים והולכים להם מדאגת האויב שמא יבא עליהם . רוטשה נעזבה :

אתא ליה אחא מבי חוזאה . שהלך אביו לבי הוזאה ונשא אשה וילדה לו את זה וחזר מרי לכאן וירד לנכסי אביו ובא זה אחריו לזמן מרובה ותבע חלקו : שפיר קאמר לך . שאינו מכירך ואין זה רמאות שכשיצא מאצלו לא היה לך התימה זקן ועכשיו באת בהתימה

---

זיא ווערין חלילה אלמנות ווערין חתונה האבען אונ מען וועט זיא ניט לאזין . אונ זייערע קינדער ווערין ווערין יתומים וועלין זייער פאטערס פאר מעגין אונ מען וועט זיא ניט לאזין . ווייל זיא ווערין פריער גיפאנגען ווערין אונ דארט וועלין זיא גיהרגת ווערין . אונ אין דער היים וועט מען ניט וויסען אויב זיי לעבין אדער זיא זענען גישטארבין :

**ג** אלו . נטושין מיינט מען דעם פארמעגין וואס דער בעל הבית פארלאזט אים . למשל א פאטער אדער א ברודער אדער איין אנדער פריינד וואס דארף מאכין ירשנען זיין פארמעגין . אונ זיא זענען אוועק גיגאנגען אין אוויטע מדינה אונ זיא האבען דא גילאזין זייער פארמעגין . אונ מען ווייסט ניט אויב זיא לעבין נאך אדער זיא זענען גישטארבין : רטושין מיינט מען דעם פאר מעגין וואס דער בעל הבית פארלאזט אים . למשל א פאטער אדער א ברודער אדער איין אנדער פריינד וואס דארף מאכין ירשנען זיין פאר מעגין : אונ זיא זענען דא גיוועזען אונ מען ווייסט ניט וואו אהין זיא זענען גיגאנגען . פרעגט דיא גמרא פאר וואס רופט מען דעם ערשטין פאר מעגין נטושין . אונ דעם אנדערין פאר מעגין רופט מען רטושין . ענפערט דיא גמרא נטושין מיינט מען זיא זענען פארלאזין ניט ווילענדיג . וואס מיר זאגין זיא זענען אוועק גיגאנגען אין אוויטע מדינה . מיינט מען ניט זיא זענען אליין אוועק גיגאנגען . נאר מען מיינט זיא זענען גיפאנגען גיווארין אין אוויטע מדינה . דריבער איז געבליבען דאס פאר מעגין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והשביעית תשמטנה ונטשתה . דעם זיבעטין יאהר זאלסטו פארלאזין דיינע פעלדער . גישט מיט זיין גוטען ווילען פארלאזט ער זיא . נאר ווייל גאט הייסט . רטושין מיינט מען זיא זענען פאר לאזין מיט זיין גוטען ווילען . זיא זענען אליין אוועק גיגאנגען אונ מען ווייסט ניט וואו זיא זענען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אם על בנים רוטשה דיא מוטער מיט דיא קינדער זענען פארלאזין גיווארין . ווייל דיא מאנען זענען אליין אוועק גיגאנגען אונ האבען גילאזין דיא מוטער מיט דיא קינדער :

**ד** מרי . צו מרי בר איסק איז גיקומען א ברודער פון חוזאה . אונ האט גזאגט צו איהם גיב מיר העלפט פון דעם פארמעגין וואס דו האסט גיערשט פון אונזער פאטער . האט מרי גזאגט צו אים איך ווייס גאר ניט אויב דו ביסט מיינער א ברודער . איך קען דיך גאר ניט .

איז

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו מלמד שיצא בלא חתימת זקן ובא בחתימת זקן א"ל זיל אייתי סהדי דאחוה את א"ל אית לי סהדי ודחלי מיניה דגברא אלמא הוא א"ל לדידיה זיל אנת אייתי סהדי דלאו אחיך הוא אמר ליה דינא הכי המע"ה א"ל הכי דיינינן לך ולכל אלמי דחברך:

(דף מב) ה"א"ר יצחק לעולם יהא כספו של אדם מצוי בידו שנא' (דברים יד) וצרת הכסף בידך וא"ר יצחק לעולם ישליש אדם מעותיו שליש בקרקע ושליש בפרקמטיא ושליש תחת ידו. ואמר רבי יצחק אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין שנאמר (שם כח) יצו ה' אתך את הברכה באסמיך. תנא דבי רבי ישמעאל אין הברכה מצויה אלא בדבר שאין העין שולטת בו שנאמר יצו ה' אתך את הברכה באסמיך. ת"ר ההולך למוד את גרנו אומר יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתשלח

ברכה

בחתימת זקן: ויכר יוסף את אחיו. שכשיצא מהם היו כולם חתומי זקן והם לא הכירוהו שיצא מאצלם בלא חתימת זקן ובא בחתימת זקן: דלאו אחיך הוא. אותם עדים שיש לו לזה שבאו משם ומכירין בו שזה הוא הכירם אתם ויעידו שאינו בן אביך או בקש עדים אחרים:

מצוי בידו. לא יפקידנו לאחרים במקום אחר שאם תזדמן לו סחורה לשכר יהא מזומן לו: תחת ידו. להיות מזומן לו לצורך ריוח הבא פתאום: אין הברכה שמתברך ורבה מאליו פויי"ן בלע"ז: באסמיך. דריש ליה לשון דבר הסמוי מן העין: שאין עין שולטת בו. שנאמר באסמיך לשון גנזים:

---

איז דער ברודער געקומען פאר רב חסדא. האט רב חסדא געזאגט צום ברודער מרי האט אגוטע טענה געגן דיר אז ער קען דיך ניט. אונ עס קען זיין עס איז אמת אז ער קען דיך ניט. ווארום עס שטייט אין פסוק יוסף האט דער קענט זיינע ברידער. אונ דיא ברידער האבן אים ניט דער קענט. פאר וואס. ווייל יוסף איז אוועק געגאנגען פון זייא אן אבארד. אונ ווען זייא האבן אים געזעהן האט ער שוין געהאט אבארד. בייא דיר קען אויך אזוי זיין. מרי האט דיך געלאזן אין תוואה אן אבארד. אונ איצט ביסטו געקומען מיט אבארד. דריבער דער קענט ער דיך ניט. גיי ברייננ עדות אז דוא ביסט אברודער. האט דער ברודער געזאגט איך האב עדות נאר זייא האבן מורא פאר מרי ווייל ער איז אשטארקער מענטש. האט רב חסדא געזאגט צו מרי גיי דוא ברייננ עדות אז ער איז ניט דיין ברודער. האט מרי געזאגט צו רב חסדא איז אזוי דער דין אז איך דארף ברייננן עדות. דער וואס וויל אויס ציהען פון זיין חבר דער דארף ברייננן עדות. אונ ער וויל אויס ציהען פון מיר העלפט ירושה. דארף ער ברייננן עדות אז ער איז אברודער. האט רב חסדא געזאגט אזוי פסק'ט מען צו דיר אונ צו אלע מענטשן וואס זייא זענען שטארקער פאר זייערע חברים. אז דיא שטארקע זאלין ברייננן עדות:

ה אמר רבי יצחק האט געזאגט אייביג זאל אמענטש האבן זיין געלט בייא זיך טאמער טרעפט זיך צו קויפן אסחורה וואלוויל וואס מען קען פארדינען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט איינבינדען דיין געלט אין דיין האנט. נאך האט רבי יצחק געזאגט אייביג זאל אמענטש צו טיילין זיין געלט אין דרייא טייל. פאר אדריטעל זאל ער קויפן פעלדער. הייזער. פאר אדריטעל זאל ער קויפן סחורה צום האנדלען. אונ אדריטעל זאל ער האבן בייא זיך. טאמער טרעפט זיך אפלוצלונגער פאר דינסט. נאך האט רבי יצחק געזאגט אברכה ווערט נאר געפונען בייא דיא זאך וואס איז בדעקט פון אויג. וואס קיינער זעהט דאס ניט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבעטען אברכה זאל זיין מיט דיר. באסמיך. אין דיינע פארדעקטע זאכין וואס קיינער זעהט דאס ניט. דבי רבי ישמעאל האבן געלערנט אברכה ווערט נאר געפונען אויף דיא זאכין וואס דיא אויגין פון מענטשין קוקען ניט אויף דעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבעטען אברכה זאל זיין מיט דיר. באסמיך. אין דיינע פארדעקטע זאכין וואס קיינער זעהט דאס ניט. דיא רבנן האבן געלערנט דער וואס גייט מעסטין דיא תבואה וואס אין זיין שייער. איידער ער הייבט אן צו מעסטין זאל ער זאגין עס זאל זיין דער ווילען פון פאר דיר אונזער גאט דו זאלסט שיקען אברכה אין דיא ווערק פון אונזערע הענט. עס זאל פיל אויס געמאסטין ווערין. אז ער הייבט שוין אן צו מעסטין זאל ער זאגין געלויבט איז גאט וואס ער שיקט אברכה אין דעם בארג

תבואה

ברכה במעשה ידינו התחיל למוד אומר ברוך השולח ברכה בכרי הזה מדד ואח"כ בידך הרי ז׳ תפלת שוא לפי שאין הברכה מצויה לא בדבר השקיל ולא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי אלא בדבר הסמוי מן העין שנאמר יצו ה׳ אתך את הברכה באסמיך:

(דף מג ע"ב) ו **מתני׳** החושב לשלוח יד בפקדון ב"ש אומרים חייב וב"ה אומרים אינו חייב עד שישלח בו יד שנאמר (שמות כב) אם לא שלח ידו במלאכת רעהו וגו׳:

(דף מד) ז **מנא** ה"מ דת"ר (שם) על כל דבר פשע בש"א מלמד שחייב על המחשבה כמעשה ובה"א אינו חייב עד שישלח בו יד שנא׳ אם לא שלח ידו במלאכת רעהו. א"ל ב"ש לב"ה והלא כבר נאמר על כל דבר פשע א"ל ב"ה לב"ש והלא כבר נאמר אם לא שלח ידו כו׳ א"כ מה ת"ל על כל דבר פשע שיכול אין לי אלא הוא אמר לעבדו ולשלוחו מנין ת"ל על כל דבר פשע:

החושב לשלוח יד. אמר בפני עדים אטול פקדונו של פלוני לעצמי: חייב. כאונסיה מהיום כשולח והלאה אם נאנס חייב באחריות:
אמר לעבדו. שישלח יד וכן עשה. מניין. שהוא חייב:

אבל

---

תבואה: אז ער האט שוין אפ געמאסטן דער נאך האט ער געבעטן גאט זאל שיקן א ברכה אין דיא געמאסטענע תבואה. איז דאס אאומזיסטע תפלה. ווייל אין אזאך וואס איז געוואגן און אין אזאך וואס איז געמאסטן און אין אזאך וואס איז געציילט איז ניטא קיין ברכה: א ברכה איז נאר דא אין אזאך וואס איז פארשטעלט פון אויג. אז דער בעל הבית אליין ווייס ניט וויא פיל דארט איז דא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געביטען א ברכה זאל זיין מיט דיר אין דיינע פארדעקטע זאכן וואס דוא אליין ווייסט אויך ניט וויא פיל דארט איז דא:

ו מתניתין. החושב: אז איינער האט געטראכט ער זאל ניצען מיט דיא זאך וואס מען האט ביא אים בהאלטן. ער האט געזאגט פאר עדות דיא זאך וואס ראובן האט ביא מיר בעהאלטן וועל איך דאס נעמען פאר מיר. דער נאך איז דיא זאך געגנבת געווארן אדער פארלארן געווארן. איידער ער האט מיט דיא זאך גענוצט. בית שמאי זאגן ער דארף בצאהלן פאר דיא זאך און בית הלל זאגן ער ווערט אנדערש ניט חייב צו בצאהלן. סיידין ער האט שוין דיא זאך גינומען פאר זיך. דער נאך אז עס ווערט אשאדין דארף ער בצאהלין. ווארום אין דיא תורה שטייט ער זאל שווערין אויב ער האט ניט גינומען דיא זאך פון זיין חבר פאר זיך. שמועסט דיא תורה אז דער שאדין איז גיוועזן דער נאך וויא ער האט שוין דיא זאך גינומען פאר זיך. פרעגט דיא גמרא פון וואגען ווייסין מיר אז מען טראכט נאר איז מען שוין חייב. ווארום דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק על כל דבר פשע. בית שמאי זאגן דער פסוק לערנט אונז אז מען איז חייב אויף דעם טראכטין אזוי וויא אויף דעם טאהן. אז מען רעט נאר מען זאל דיא זאך נעמען פאר זיך ווערט ער שוין חייב צו בצאהלין אויף אלע שאדינס וואס עס ווערט אין דיא זאך. גלייך וויא ער וואלט שוין דיא זאך גינומען פאר זיך. און בית הלל זאגן ער ווערט אנדערש ניט חייב צו בצאהלין. סיידין ער האט שוין דיא זאך גינומען פאר זיך. דער נאך אז עס ווערט אשאדין דארף ער בצאהלין: ווארום אין דיא תורה שטייט ער זאל שווערין אויב ער האט ניט גינומען דיא זאך פון זיין חבר פאר זיך. שמועסט דיא תורה אז דער שאדין איז גיוועזן דער נאך וויא ער האט שוין דיא זאך גינומען פאר זיך. האבען בית שמאי גיזאגט צו בית הלל עס שטייט דאך אין פסוק על כל דבר פשע: אז מען רעט נאר איז מען שוין חייב. האבען בית הלל גיזאגט צו בית שמאי עס שטייט דאך אין פסוק אויב ער האט ניט גינומען דיא זאך פאר זיך. נאר צו וואס דען שטייט אין פסוק על כל דבר פשע. ווייל איך וואלט מיינען נאר אז ער אליין האט גינומען דיא זאך פאר זיך און עס טרעפט אשאדין דארף ער בצאהלין. אבער אז ער האט גיזאגט צו זיין קנעכט אדער צו זיין שליח זייא זאלין נעמען דיא

זאך

# הזהב פרק רביעי

(דף מח ע"ב) **א פיסקא** אבל אמרו מי שפרע מאנשי דור המבול ומאנשי דור הפלגה ומאנשי סדום ועמורה וממצרים בים הוא עתיד ליפרע ממי שאינו עומד בדבורו. איתמר אביי אמר אודועי מודעינן ליה רבא אמר מילט לייטינן ליה אביי אמר אודועי מודעינן ליה דכתיב (שם) ונשיא בעמך לא תאור רבא אמר מילט לייטינן ליה דכתיב בעמך בעושה מעשה עמך:

(דף מט) **ב איתמר** דברים רב אמר אין בהם משום מחוסרי אמנה ורבי יוחנן אמר יש בהם משום מחוסרי אמנה מיתיבי ר' יוסי ברבי יהודה אומר מה ת"ל (ויקרא יט) הין צדק והלא הין בכלל איפה הוא אלא לומר לך שיהא הן שלך צדק ולאו שלך צדק אמר אביי ההוא שלא ידברו אחד בפה ואחד בלב מיתיבי רבי שמעון

מודעינן ליה. דע שמי שהזור סופו להפרע ממך: בעושה מעשה עמך. בעמך דמשמע הכי והאי לאו עושה מעשה עמך הוא דכתיב שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב: דברים. בלא מעות (אינו קונה רב לטעמיה דאמר כעדו הוא קונה) · הין בכלל איפה. שהאיפה י"ב לוגין והאיפה ג' סאין ההין ע"ב לוגין: אלא שיהא הן שלך כו'. כלומר כשאתה מדבר הן או לאו קיים דבריך ואל תחזור בהם: שלא ידבר אחד בפה כו'. כשעה שהוא אומר הדבור לא יהא בדעתו לשנות אבל אם כשהגיע השער להתנ' זמן ושוה חוזר בו לפי שינוי השער

זאך און זיא האבען אזוי געטאהן. זייא האבען דיא זאך גענומען. און דער נאך האט געטראפי אשאדין. פון וואגען וייסין מיר אז מען דארף בצאהלין. שטייט אין פסוק על כל דבר פשע. אז ער האט גירעט צו איין אנדערין יענער זאל דאס נעמען פאר זיך. איז ער אויך חייב:

## פרק רביעי

**א** פיסקא. אבל: אז איינער האט עפעס גיקויפט בייא זיין חבר און ער האט חרטה. זאל בית דין צו אים זאגין ווער עס איז אפ גיצאהלט גיווארין פון דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקין גיווארין אין מבול. און פון דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן דער דור הפלגה. און פון דיא מענטשין כון סדום און עמורה. און פון דיא מצריים בייא דעם ים. דער וועט אפ גיצאהלט ווערין פון דעם מענטש וואס איז ניט מקיים זיינע רייד. זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט אביי זאגט מען פלוכט אים ניט נאר מען זאגט אים דו זאלסט וויסען אז דו וועסט חרטה האבען וועט גאט פון דיר גיצאהלט ווערין אזוי וויא ער איז גיצאלט גיווארין פון דיא אלע וואס עס שטייט אין דיא משנה. רבא זאגט מען פלוכט אים אזוי וויא עס שטייט אין דיא משנה. אביי זאגט מען זאגט אים נאר. און מען פלוכט אים ניט. ווארום עס שטייט אין פסוק ונשיא בעמך לא תאור אנשיא אין דיין פאלק זאלסטו ניט פלוכין. רבא זאגט מען פלוכט אים יא. ווארום עס שטייט אין פסוק בעמך. אין דיין פאלק. אז ער טוהט אזוי וויא דיין פאלק. אזוי וויא איד דארף טאהן. ער זאגט ניט ליגען. טאר מען אים ניט פלוכין. אבער אז ער זאגט ליגען. מעג מען אים פלוכין:

**ב** איתמר. מיר האבען גילערנט אז איינער האט גיקויפט אזאך בייא זיין חבר נאר מיט רייד. ער האט אים ניט גיגעבין געלט. און ער הט ניט גינומען דיא זאך צוא זיך. זייא האבען נאר אפ גירעט צווישען זיך או דער זאל דיא זאך פר קויפען און דער זאל קויפען. אויב איינער האט חרטה. רב זאגט ער הייסט ניט אאומגלייביגער מענטש. און רבי יוחנן זאגט ער הייסט אאומגלייביגער מענטש. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט רבי יוסי ברבי יהודה זאגט צוא וואס שטייט אין פסוק הין צדק. דוא זאלסט האבען אריכטיגען העמער. אז עס שטייט מען זאל האבען אריכטיגע איפה. ווייל מען דארף האבען אריכטיגע מאס. בארפין דאך אלע מאסין זיין ריכטיג. וואס איז דער אונטער שייד אאיפה אדער אהין. נאר הין מיינט מען ניט אמאס. נאר הין איז דער טייטש יא. אז דוא זאגסט יא זאל דאס זיין ריכטיג. און אז דוא

זאגסט

שמעון אומר אף על פי שאמרו טלית קונה דינר זהב ואין דינר זהב קונה טלית מ"מ כך הלכה אבל אמרו מי שפרע מאנשי דור המבול ומאנשי דור הפלגה הוא עתיד ליפרע ממי שאינו עומד בדבורו תנאי היא דתנן מעשה ברבי יוחנן בן מתיא שאמר לבנו צא ושכור לנו פועלים הלך ופסק להם מזונות וכשבא אצל אביו א"ל בני אפילו אתה עושה להם כסעודת שלמה בשעתו לא יצאת ידי חובתך עמהם שהם בני אברהם יצחק ויעקב אלא עד שלא יתחילו במלאכה צא ואמור להם ע"מ שאין לכם עלי אלא פת וקטנית בלבד ואי ס"ד דברים יש בהם משום מחוסרי אמנה היכי א"ל ויל הדר בך שאני התם דפועלים גופייהו לא סמכא דעתייהו כ"ט מידע ידעי דעל אבוה סמיך:

אין כאן חסרון אמנה: אבל אמרו חכמים כו'. סיפא קתני בחוזר בו אין רוח חכמים נוחה הימנו אלמא יש כאן משום מחוסרי אמנה: הכא היא דאפליגו רבי יוחנן בן מתיא דפליג: מעשה ברבי יוחנן כו'. מעשה היא בשוכר את הפועלים: שלא נכנו להשכר בהתלו עד שלא יתחילו במלאכה ולפסוק להם מזונות קלים: לא סמכא דעתייהו. על דברי הבן:

אמר

---

זאגסטו ניין זאל דאס זיין ריכטיג וויא דוא האסט גזאגט. יא אדער ניין. זאלסטו ניט חרטה האבן. נאר אזוי זאלסטו מקיים זיין. איז דאך אקשיא אויף רב. ענטפערט דיא גמרא אביי זאגט דער פסוק מיינט אז א מענטש זאל ניט מיט זיין ריידין מיט זיין מויל יא אונ מיינען אין הארצין ניין. אדער ריידין מיט זיין מויל ניין אונ מיינען אין הארצען יא. אבער אז ער האט גזאגט יא אונ האט גימיינט אין הארצען אויך יא. אדער ער זאגט ניין אונ מיינט אין הארצען אויך ניין. נאר דער נאך האט גיטראפען אסיבה וואס ער מוז חרטה האבען אונ ער האט חרטה. הייסט ער ניט אאומגלייביגער מענטש. פרעגט דיא גמרא מיר הא בען גילערנט רבי שמעון זאגט אפילו מיר האבען גזאגט אז ראובן האט גיהאט אקלייד אונ ער האט זיא פאר קויפט צוא שמעון פאר אגאלדענעם רענדיל. אויב שמעון האט גינומען צוא זיך דאס קלייד. אפילו ראובן הט נאך ניט גינומען דעם רענדיל פון שמעון. קען שוין קיינער ניט חרטה האבען. אבער אז ראובן הט גינומען דעם רענדיל פון שמעון. אונ שמעון האט נאך ניט גנומען דאס קלייד פון ראובן. קען מען חרטה האבען. אזוי איז טאקי דער דין. נאר מען האט גזאגט ווער עס איז אפ גיצאהלט גיווארין פון דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען גיווארין אין מבול. אונ פון דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן דער דור הפלגה. דער וועט אפ גיצאהלט ווערין פון דעם מענטש וואס איז ניט מקיים זיינע רייד. זעהן מיר דאך אז מען טאר ניט חרטה האבען. ענטפערט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך. ווארום מיר האבען גילערנט רבי יוחנן בן מתיא האט אמאהל גזאגט צוא זיין זוהן גייא דינג פון אונזערט וועגין ארבעיטער. איז ער גיגאנגען אונ האט זייא צוא גזאגט צוא געבין עסין. אז ער איז גיקומען צוא זיין פאטער. האט דער פאטער צוא אים גזאגט מיין זוהן אפילו דוא וועסט מאכען פון זייערט וועגין אסעודה אזוי וויא דיא סעודה וואס מען פלעגט מאכען פאר שלמה המלך אין דער צייט ווען ער איז גיוועזן אמלך. האסטו נאך אויך ניט גיטאהן דיין שולדיגקייט צוא זיי. ווארום זייא זענען דיא קינדער פון אברהם יצחק יעקב. אונ זייערע סעודות זענען גיוועזן גרעסער וויא דיא סעודות פון שלמה המלך: נאר אזוי טוה איידער זייא וועלין אן הייבען ארבעטין גייא זאג זייא איך דינג אייך אויף דעם תנאי איר זאלט פון מיר ניט מער פאר לאנגען נאר ברויט מיט ארבעס. אונ אז מיר וועלין זאגין אז איינער זאגט צוא אזאך צוא זיין חבר. אונ ער איז ניט מקיים הייסט ער אאומגלייביגער מענטש. וויא אזוי האט רבי יוחנן גיהייסען זיין זוהן ער זאל חרטה האבען. איז דאך אקשיא אויף רבי יוחנן. ענטפערט די גמרא דארטין איז אנדערש די ארבעטער אליין האבען זיך באלד אין אנהייב ניט פר לאזט אויף די רייד פון דעם זוהן. ווארום זייא ווייסען אז ער מוז פרעגין ביי זיין פאטער. אונ וויא זיין פאטער וועט זאגין אזו וועט בלייבען:

אמר

ג אמר רב פפי אמר לי רבינא לדידי אמר לי ההוא מרבנן ורב טבות שמיה ואמרי לה רב שמואל בר זוטרא שמיה דאי הוו יהבי ליה כל חללא דעלמא לא הוה משני בדבוריה וכו':

ואפילו בירושלים. שאין מעשר טמא נפדה שם דכתיב כי ירחק ממך המקום ונתתה בכסף ולא כשהוא בירושלים:

(דף נ) ד א"ר אלעזר מנין למעשר שני שנטמא שפודין אותו (ע"ב) אפי' בירושלים שנא' (דברים יד) כי לא תוכל שאתו ואין שאת אלא אכילה שנאמר (בראשית מג) וישא משאת מאת פניו:

(דף נח ע"ב) ה ת"ר (ויקרא כה) לא תונו איש את עמיתו באונאת דברים הכתוב מדבר אתה אומר באונאת דברים או אינו אלא באונאת ממון כשהוא אומר (שם) וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך הרי אונאת ממון אמור הא מה אני מקיים לא תונו איש את עמיתו באונאת דברים הא כיצד אם היה בעל תשובה אל יאמר לו זכור מעשיך הראשונים אם היה בן גרים אל יאמר לו זכור מעשה אבותיך אם היה גר ובא ללמוד תורה אל יאמר לו פה שאכל נבילות וטריפות שקצים ורמשים יבא ללמוד תורה שנאמרה מפי הגבורה אם היו יסורין באים עליו או אם היו חולאים באים עליו או שהיה מקבר את בניו אל יאמר לו כדרך שאמרו לו חבריו לאיוב (איוב ד) הלא

---

ג אמר. רב פפי האט גזאגט רבינא האט מיר גזאגט איינער פון די רבנן ער הייסט רב טבות. אנדערע זאגין ער הייסט רב שמואל בר זוטרא. האט ער מיר גזאגט ווען מען וואלט אים געבין דאס פאר מעגין פון די גאנצע וועלט. וואלט ער ניט עגדערין זיינע רייד:

ד אמר. רבי אלעזר האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז מעשר שני איז טמא גיווארין לייזט מען אים אויס מיט געלט אפילו אין ירושלים. ווארום עס שטייט אין פסוק כי לא תוכל שאתו שאת איז דער טייטש עסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וישא משאת מאת פניו. מען האט גיטראגין חלקים עסין פון יוסף צוא זיינע ברידער. זאגט דער פסוק אויב דוא קענסט ניט עסין די מעשר שני. ווייל זייא זענען טמא גיווארין. זאלסטו זייא אויס טאהשין אויף געלט:

ה תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק לא תונו איש את עמיתו דער פסוק פר זאגט איר זאלט ניט דר צארינן איינער דעם אנדערין מיט רייד. פרעגט די גמרא דוא זאגסט אז תונו איז דער טייטש צערינען: אונ דער פסוק מיינט איינער זאל ניט דער צערינען דעם אנדערין מיט רייד. טאמער איז ניט אזוי: נאר תונו איז דער טייטש נארין. אונ דער פסוק מיינט איינער זאל ניט נארין דעם אנדערין מיט געלט: ענטפערט דיא גמרא אז אין פסוק שטייט אז דוא וועסט פאר קויפען אזאך צו דיין חבר. אדער דוא וועסט קויפען אזאך פון דיין חבר זאלט איר ניט נארין איינער דעם אנדערין. שטייט דאך שוין איינער זאל ניט נארין דעם אנדערין מיט געלט. וואס דען מיינט דער פסוק לא תונו איש את עמיתו. איר זאלט ניט דער צערינען איינער דעם אנדערין מיט רייד. וואס מיינט מען דער צערינען מיט רייד. אויב איינער איז ניט פרום גיוועזן דער נאך האט ער תשובה גיטאהן. זאל מען ניט זאגין צוא אים גידיינק נאר וואס דוא האסט אמאהל גיטאהן: אויב ער איז אזוהן פון אגר. זאל מען ניט זאגין צו אים גידיינק נאר וועהר דיינע עלטערין זענען גיוועזן. אויב ער אליין איז אגר אונ ער קומט לערנען תורה. זאל מען ניט זאגין צוא אים דיא מויל וואס האט גיגעסין נבלות אונ טרפות שקצים ורמשים. זאל קומען לערנען תורה וואס איז גזאגט גיווארין פון דיא מויל פון גאט. אויב יסורים קומען אויף אמענטשין. אדער קראנקייטין קומען אויף אמענטשין. אדער ער הט בגראבין זיינע קינדער. זאל מען ניט זאגין צוא אים אזוי וויא דיא חברים האבען גזאגט צוא איוב. ווייל אויף דיר זענען גיקומען יסורים געווים ביסטו ניט פרום. דוא האסט נאר מורא גיהאט פר גאט

וייל

הלא יראתך כסלתך תקותך ותום דרכיך זכור נא מי הוא נקי אבד. אם היו חמרים מבקשים תבואה ממנו לא יאמר להם לכו אצל פלוני שהוא מוכר תבואה ויודע בו שלא מכר מעולם רבי יהודה אומר אף לא יתלה עיניו על המקח בשעה שאין לו דמים שהרי הדבר מסור ללב וכל דבר המסור ללב נאמר בו (ויקרא יט) ויראת מאלהיך. א"ר יוחנן משום ר"ש בן יוחאי גדול אונאת דברים מאונאת ממון שזה נאמר בו (שם כה) ויראת מאלהיך וזה לא נאמר בו ויראת מאלהיך ורבי אלעזר אומר זה בגופו וזה בממונו ר' שמואל בר נחמני אמר זה ניתן להשבון וזה לא ניתן להשבון:

ו תני תנא קמיה דרב נחמן בר יצחק כל המלבין פני חבירו ברבים כאילו שופך דמים א"ל שפיר קאמרת דחזינא ליה דאזיל סומקא ואתי חיורא א"ל אביי לרב דימי במערבא במאי זהירי א"ל באחוורי אפין דא"ר חנינא הכל יורדין לגיהנם חוץ מג' הכל ס"ד אימא כל היורדין לגיהנם עולים חוץ מג'. שיורדים ואינם עולים ואלו הן הבא על אשת איש והמלבין פני חבירו ברבים והמכנה שם רע לחבירו מכנה היינו מלבין אע"ג

שהרי הדבר מסור ללב. ולפיכך נאמר בו ויראת מאלהיך שאי שהרי ליתן טעם למה נאמר בו יראת מקשה ליה והא"ק שהרי כל הדברים כולן אין עוברן ורעתן מסורות להכיר אלא ללבו של (עובהו וידע) [עושה הוא יודע] אם לעקל אם לעקלקלות ויכול הוא לומר לא עשיתי כי אם לטובה הייתי סבור שיש לך תבואה למכור והייתי חפץ לקנות מקח זה: וכל דבר המסור ללב. של אדם נאמר בו הוי ירא מן היודע מחשבות אם לטובה אם לתועה:

הכל ס"ד. וכי הכל יורדין. ה"ג כל היורדין לגיהנם

---

ווייל דוא האסט געוואלט ער זאל דיר געבין רייכקייט. דוא ביסט גינאנגען אין גאנצין וועג ווייל דוא האסט גיוואלט מען זאל דיר געבין דיין האפענונג. גידיינק נאר וועלכער ריינער מענטש ווערט פארלארין. טאר מען אזוי ניט זאגין. אויב פורמאנס וואס פארין מיט אייזען. מיט פורען. פרעגין ביא איינעם ווער פאר קויפט תבואה. זאל ער זייא ניט זאגין גייט צו יענעם ער פאר קויפט תבואה. אונ ער ווייס אז יענער האט קיין מאהל ניט פאר קויפט תבואה. רבי יהודה זאגט אמענטש זאל ניט גיין דינגען אזאך צום קויפען. ווען ער האט ניט קיין געלט. ווייל דיא זאכען פון גינארין דעם חבר ווייס קיינער ניט נאר דיא הארץ פון מענטש. ווארום פאר מענטשין קען ער זיך פאר ענפערין. איך האב גימיינט ער האט תבואה צוא פאר קויפין. אדער איך האב יא געלט אין קעשענע אונ האב טאקי גיוואלט קויפין דיא זאך. אונ אויף אלע זאכין וואס קיינער ווייסט ניט נאר זיין הארץ. האט דיא תורה גזאגט דו זאלסט מורא האבען פאר גאט. ער ווייסט וואס דו האסט גיטראכט. רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין: גינארין דעם חבר מיט רייד איז אגרעסערע עבירה וויא אים גינארין מיט געלט. ווארום ביא גינארין מיט רייד שטייט אין דיא תורה דו זאלסט מורא האבען פאר גאט. אונ ביא גינארין מיט געלט שטייט ניט דוא זאלסט מורא האבען פאר גאט. אונ רבי אלעזר זאגט אז מען פארשעמט אמענטשין ווערט דעם מענטשינס גוף ווארויל ביי מענטשין. הט ער אשאדין גטאן זיין גוף. אונ אז ער גינארט אים אין געלט. האט ער אים נאר געלט אשאדין גיטאהן. רבי שמואל בר נחמני זאגט דעם שאדין פון געלט קען מען צוריק געבין אונ דעם שאדין פון גוף קען מען ניט צוריק געבין:

ו תנו. אתנא האט גילערנט פאר רב נחמן בר יצחק דער וואס פאר שעמט זיין חבר צווישען פיל מענטשין. איז גלייך וויא ער וואלט זיין בלוט פאר גאסין: האט רב נחמן גזאגט צום תנא דו זאגסט ריכטיג. וואדום מיר זעהן עס גייט אוועק דיא רויטקייט פון זיין פנים. אונ דער פנים ווערט ווייס אזוי וויא אטויטער. אביי האט גיזאגט צוא רב דימי דיא מענטשין פון ארץ ישראל אין וועלכע זאך זענען זייא מער געהיט. האט רב דימי גיזאגט זייא זאלין ניט ווייס מאכין דעם חברס פנים: זייא זאלין ניט פארשעמען. ווארום רבי חנינא האט גיזאגט אלע מענטשין גידערין אין גיהנם. נאר דרייא מענטשין ניט. פרעגט דיא גמרא נידערין דען אלע אין גיהנם. נאר אזוי מיינט מען. אלע מענטשין וואס נידערין אין גיהנם גייען ארויף פון גיהנם נאר דרייא מענטשין זענען דא וואס נידערין אין גיהנם אונ גייען ניט ארויף צוריק. דאס זענען דיא דרייא מענטשין

דער

אע"ג דדש ביה בשמ"ה . אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן (דף נט) נוח לו לאדם שיבא על ספק אשת איש ואל ילבין פני חבירו ברבים מנא לן כדדרש רבא מ"ד (תהלים לה) ובצלעי שמחו ונאספו וגו' קרעו ולא דמו אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע גלוי וידוע לפניך שאם היו מקרעין בשרי לא היה דמי שותת לארץ ולא עוד אלא אפי' בשעה שעוסקים בנגעים ואהלות אומרים לי דוד הבא על אשת איש מיתתו במה ואני אומר להם מיתתו בחנק ויש לו חלק לעה"ב אבל המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעה"ב. (ואמר) מר זוטרא בר טוביה אמר רב ואמרי לה אמר רב (הונא) [חנא] בר ביזנא אמר רבי שמעון חסידא ואמרי לה א"ר יוחנן משום ר"ש בן יוחאי נוח לו לאדם שיפיל עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים מנ"ל כתמר דכתיב (בראשית לח) היא מוצאת והיא שלחה אל חמיה :

עולים : דדש ביה. כבר הורגל בכך שמכנין אותו כן ואין פניו מתלבנות ומ"מ זה להכלימו מתכוין : ובצלעי. בשביל אשתי זו שמתחלה חשבתי לה כמו ויבן ה' את הצלע : כדדרש רבא דטובה מעשה של דוד ובת שבע משלך וספק אשת איש היא שהיוצא למלחמת בית דוד גט כריתות כותב לאשתו על מנת שאם ימות שתהא מגורשת מעכשיו ולא תזקק ליבם וכל אותן הימים היא ספק מגורשת אם מת מגורשת מתחלה ואם לא מת לא נתגרשה : שמחו ונאספו קרעו ולא דמו. אם קרעוני לא מצאו דם : היא מוצאת והיא שלחה. אע"פ שהיו מוציאין אותה לשריפה לא אמרה לכן ליהודה נבעלתי אלא שלחה לו למי

א"ר

---

דער וואס איז מונה מיט אשה וואס האט אמאן . אונ דער וואס פאר שעמט זיין חבר צווישען פיל מענטשין . אונ אז ער רופט זיין חבר מיט אמיאוסין נאמען , פרעגט דיא גמרא אז ער רופט זיין חבר מיט אמיאוסין נאמען פאר שעמט ער דאך אים . האט מען דאך דאס שוין גירעכינט. ענטפערט דיא גמרא אפילו ער איז גיוואנט מיט דעם נאמען ; אלע מענטשין רופין אים דעם נאמען . אונ ער ווערט שוין גאר ניט פארשעמט . פון דעסטוועגין דער וואס רופט אים דעם נאמען וויל ער וויל אים פארשעמען . וועט ער נידערין אין גיהנם אונ וועט קיין מאהל ניט ארויף גיין . רבה בר בר חנה האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין עס איז בעסער אמענטש זאל מונה זיין מיט אאשה וואס עס איז אספק טאמער איז זיא אאשת איש . אונ ער זאל ניט פארשעמען זיין חבר צווישען פיל מענטשין . פון וואנען וויסין מיר דאס . אזוי וויא רבא האט גידרשת . עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיזאגט ובצלעי שמחו ונאספו . פון וועגין מיין וייב בת שבע האבען זייא זיך גיפרייט אונ האבען זיך פאר זאמילט . קרעו ולא דמו . ווען זייא וואלטין מיין לייב צוריסען ווארט קיין בלוט ניט גיגאנגען . דוד האט גיזאגט רבונו של עולם עס איז באוואסט פאר דיר אז זייא וואלטין גריסען מיין לייב . וואלט מיין בלוט ניט גערונען אויף דיא ערד . אונ נאך מער טוהען מיינע פיינד . אפילו ווען זייא לערנען דיא מסכת נגעים אדער דיא מסכת אהלות . זאגין זייא צו מיר דוד . דער וואס איז מונה מיט אאשה וואס האט אמאן . וועלכע מיתה קומט אים (וייל דוד האט מונה גיוועזען מיט בת שבע) . אונ איך זאג זייא זיין מיתה איז חנק ומען זאל אים דער ווערגין) אבער ער האט עולם הבא . אבער דער וואס פאר שעמט זיין חבר צווישין פיל מענטשין דער האט ניט קיין עולם הבא . אונ בת שבע איז גיוועזען אספק צוא זיא איז אאשת איש אדער ניין ; ווארום ווען איר מאן אוריה איז גיגאנגען אין דער מלחמה . האט ער איר גיגעבין אגט מיט אתנאי . אויב ער וועט גיהרגת ווערין אין דער מלחמה זאל דאס זיין אגט פון איצט . אונ אויב ער וועט קומען צוריק פון דער מלחמה זאל ניט זיין דער גט . אונ דיא גאנצע צייט וואס אוריה איז גיוועזען אין דער מלחמה . האט מען נאך ניט גיקענט וויסען אויב זיא איז גיגט אדער ניין . מר זוטרא בר טוביה האט גיזאגט פון רבס וועגין . אנדערע זאגין רב חנא בר ביזנא האט גיזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין . אונ אנדערע זאגין רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין עס איז בעסער אמענטש זאל זיך אריין ווארפין אין אפייערדיגען קאלך הויבין אונ ער זאל ניט פאר שעמען זיין חבר צווישען פיל מענטשין . דאס ווייסין מיר פון תמר . עס שטייט אין פסוק מען האט גיפירט תמר צום פאר ברענען אונ זיא האט ניט גיוואלט זאגין אז זיא איז מעוברת פון יהודה . נאר זיא האט געשיקט זאגין איך בין מעוברת פון דעם מענטש וואס

דער

ז א"ר חנינא בריה דרב אידי מ"ד (ויקרא כה) לא תונו איש את עמיתו עם שאתך בתורה ובמצות אל תונהו. אמר רב לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו שמתוך שדמעתה מצויה אונאתה קרובה :

ח א"ר אלעזר מיום שחרב ב"ה ננעלו שערי תפלה שנא' (א"כה ג) גם כי אזעק ואשוע שתם תפלתי ואע"פ ששערי תפלה ננעלו שערי דמעות לא ננעלו שנאמר (תהלים לט) שמעה תפלתי ה' ושועתי האזינה אל דמעתי אל תחרש. ואמר רב כל ההולך אחר עצת אשתו נופל בגיהנם שנאמר (מ"א כא) רק לא היה כאחאב וגו' א"ל רב פפא לאביי והא אמרי אינשי אתתך גוצא גחין ותלחוש לה לא קשיא הא במילי דעלמא והא במילי דביתא. ל"א הא במילי דשמיא הא במילי דעלמא :

ט אמר רב חסדא כל השערים ננעלים חוץ משערי אונאה שנאמר (עמוס ז) והנה ה' נצב על חומת אנך ובידו אנך אמר רבי אלעזר הכל נפרע בידי שליח

פירוש

שאלה לו אני כהן ואם יודע הוא מעצמו יודה : עמיתו. עם אתו : באונאת אשתו. באונאת דברים לצערה : אונאתה קרובה. לבא פורענות אונאתה ממהר לבא : שמעה תפלתי. אין לשונו מלשון בקשה שמבקש מהקב"ה שישמע תפלתו אבל אל תחרש יש לשמעו מלשון בקשה ולועג כמו אני בוכה שאין דרכך לשתוק ולא להחריש. אל תחרש אל תעשה אל תתן משמעים לשון בקשה ומשמעין לשון עתיד כגון אל יתן למוט הרי לשון בקשה. ויאמר יעקב לא תתן לי תאומה הוא לשון עתיד : רק לא היה כאחאב. סיפא דקרא אשר הסתה אותו איזבל אשתו : אתתך גוצא. אתתך קטנה כפוף עצמך ושמע דבריה : כל השערים. של תפלה ננעלו : חוץ משערי אונאה. הצועק על אונאת דברים אין השערים ננעלים

---

דער שטעקן מיט די פעדים זענען זיינע. ווערט יהודה מודה זיין איז גוט. ווערט ער ניט מודה זיין וועט זיא גיין פאר ברענט ווערין אונ וועט ניט פאר שעמען יהודה :

ז אמר. רבי חנינא בריה דרב אידי האט געזאגט עס שטייט אין פסוק לא תונו איש את עמיתו. א מענטש זאל ניט נארין זיין חבר. עמיתו איז צוויא ווערטער. עם אתו. ער זאל ניט נארין דעם פאלק וואס מיט אים. דער מענטש וואס איז גלייך מיט דיר אין תורה אונ אין מצות זאלסטו אים ניט נארין: רב האט געזאגט אייביג זאל א מענטש זיין געהיט ער זאל ניט דער צערינען זיין ווייב ווארום וויל א אשה וויינט באלד. קען ער געשווינד געשטראפט ווערין :

ח אמר. רבי אלעזר האט געזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארין זענען פאר שלאסין געווארין די טויערין פון תפלה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אפילו איך וועל שרייען אונ בעטין איז פאר מאכט מיין תפלה. אונ אפילו די טויערין פון תפלה זענען פאר שלאסין: אבער די טויערין פון טרערין זענען ניט פארשלאסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט הער מיין תפלה אונ פאר נעם מיין געשריי. צוא מיינע טרערין וועסטו געוויס ניט שווייגין. נאך האט רב געזאגט דער וואס גייט נאך די עצה פון זיין ווייב פאלט ער אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז ניט געווען אזוי א שלעכטער מלך וויא אחאב. ווייל זיין ווייב איזבל האט אים אן גערעט. האט רב פפא געזאגט צו אביי מענטשין זאגין דאך אז דיין ווייב איז א קליינע זאלסטו דיך איינבייגין אונ זאלסט ביא איר פרעגין א עצה. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אין וועלטליכע זאכין זאל ער ביא איר ניט פרעגין א עצה. אונ אין שטוב זאכין זאל ער ביא איר יא פרעגין א עצה. אנדערע זאגין אזוי. אין געטליכע זאכין זאל ער ביא איר ניט פרעגין א עצה. אונ אין וועלטליכע זאכין זאל ער ביא איר יא פרעגין א עצה :

ט אמר. רב חסדא האט געזאגט אלע טויערין פון תפלה זענען פאר שלאסען געווארין. נאר אז איינער שרייט צוא גאט ווייל זיין חבר דער צערינט אים מיט רייד. פאר אים איז קיין טויער פאר שלאסען. זיין תפלה קומט צוא גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והנה ה' נצב על חומת אנך ובידו אנך גאט שטייט אויף דעם כעס פון דער צערנונג אונ אין זיין האנט איז די דער צערנונג ודיא גמרא טייטשט דעם ווארט חומת גלייך וויא עס וואלט געשטאנען חמת. כעס. גאט שטייט אונ פאר נעמט דאס געשריי וואס מען שרייט צוא אים אויף דעם כעס וואס מען האט אים דער צערינט. הרי"ף. רבי אלעזר זאגט אויף אלע עבירות שטראפט גאט

דורך

של ה תין מאונאה שנאמר ובידו אנך א"ר אבהו ג' אין הפרגוד ננעל בפניהם אונאה וגזל ועבודה זרה. אונאה דכתיב ובידו אנך. גזל דכתיב (ירמיה ו) חמס ושוד ישמע בה על פני תמיד. ע"ז דכתיב (ישעיה סה) העם המכעיסים אותי על פני תמיד:

י אמר רב יהודה לעולם יהא אדם זהיר בתבואה בתוך ביתו שאין מריבה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא על עסקי תבואה שנא' (תהלים קמז) השם גבולך שלום חלב חטים ישביעך. אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי כד משלם שערי מכדא נקיש ואתי תיגרא בביתא. ואמר רב חיננא בר פפא לעולם יהא אדם זהיר בתבואה בתוך ביתו שלא נקראו ישראל דלים אלא על עסקי תבואה שנאמר (שופטים ו) והיה אם זרע ישראל וגו' וכתיב (שם) וידל ישראל מאד מפני מדין. אמר רבי חלבו לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו שאין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו שנא' (בראשית יב) ולאברם היטיב בעבורה והיינו דאמר להו רבא לבני מחוזא אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו:

תנן

כפניו: ככל ע"י שליח. נפרעין על כל עבירה ע"י שליח: ובידו. לא מסרם לשליח: פרגוד. מחיצה שבין שכינה לנגד מרום: אינו ננעל. להפסיק לפניהן מן המקום אלא תמיד רואה אותם עד שיפרע: ובידו אנך. משמע שהיא תמיד אצלו (וממשמש) בה: על פני. לפני ואין מהלך בינו לבין העבירה: גבולך שלום. אימתי כשחלב חטים ישביעך הקב"ה: מכדא. כד שמונחים בו שעורים: נקיש ואתי תיגרא. הכגר מקשקש ובא ואני שמעתי הכד מקשקש כדרך כלי ריקם שנשמע בו קול הברה כשמקשקשין עליו: וידל ישראל. לעיל מיניה כתיב (ויפנו) [ויחנו] עליהם וישחיתו את יבול הארץ: אוקירו נשייכו. כבדו נשותיכם: מחוזא. עיר שהיא רגלה דר בתוכה כך שמה:

התנו

דורך אשליח. נאר פאר דער צערנונג שטראפט גאט אליין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובידו אנך. דאס דער צערנונג איז ביי גאט אין האנט צוא שטראפין דעם מענטש וואס דער צערונט. רבי אבהו זאגט דריי זאכען זענען דא וואס פאר זייא ווערט ניט פאר מאכט מיט אוואנט. נאר גאט קוקט שטענדיג אויף זייא ביז ער שטראפט יענעם. אז איינער דער צערינט זיין חבר. און אז איינער גזלת ביא זיין חבר. און אז איינער דינט עבודה זרה. אויף דער צערונג שטייט אין פסוק ובידו אנך. דעם שטראף פון דער צערנונג האלט גאט אין האנט. אויף גזלה שטייט אין פסוק חמס און שוד ווערט געהערט אין דיא שטאט ירושלים. און דיא עבירה שטייט איביג פאר מיר (חמס איז אז איינער נעמט אוועק אזאך ביא זיין חבר. און ער בצאהלט אים פר די זאך. נאר זיין חבר וויל ניט פר קויפען. און שוד איז אז איינער נעמט אוועק אזאך ביא זיין חבר און בצאהלט אים ניט). אויף עבודה זרה שטייט אין פסוק דאס פאלק וואס דער צערענען מיך. זייער עבירה שטייט איביג פאר מיר:

י אמר. רב יהודה האט געזאגט איביג זאל א מענטש זיין געהיט אין זיין שטוב זאל זיין תבואה וברויט. ווארום אז עס איז ניטא צוא עסין ווערט א קריג אין שטוב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געטאהן שלום אין דיין גרענעץ. אין דיין שטוב. מיט וואס האט ער געמאכט דעם שלום. ווייל ער האט דיך זאט געמאכט מיט פעטע ווייץ. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אז עס לאזט זיך אויס דיא גערשטין פון קרוג. ואז עס איז ניטא וואס צוא עסין. קלאפט דיא קריג אין דיא טיר און זיא קומט אריין אין שטוב. רב חיננא בר פפא האט געזאגט איביג זאל א מענטש זיין געהיט אין זיין שטוב זאל זיין תבואה. ברויט. ווארום יודין זענען נאר גירופען געווארין ארעמע לייט וויל זייא האבען ניט געהאט קיין תבואה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיא יודין פלעגין זייען. פלעגין רוהען אויף זייא מדין. און די איבעריגע פעלקער. און פלעגין צוא נעמען זייא התבואה. זענען דיא יודין זייער ארעם געווארין פר מדין. רבי חלבו האט געזאגט איביג זאל א מענטש זיין געהיט צוא געבין כבוד זיין ווייב. ווארום דיא ברכה וואס ווערט געפונען ביי א מענטשין אין שטוב איז נאר פון וועגין זיין ווייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צוא אברהם האט ער גיגעבין גוטס פון וועגין שרה. גאט האט גיגעבין גוטס צוא אברהם וויל שרה איז ביא אים טייער געוועזן. וועין ריינו. דאס איז וואס רבא פלעגט זאגין

צוא

**יא תנן** התם חתכו חוליות ונתן חול בין חוליא לחוליא ר' אליעזר מטהר וחכמים מטמאים (ע"ב) וזה הוא תנור של עכנאי מאי עכנאי א"ר יהודה אמר שמואל שהקיפוהו דברים כעכנא זו וטמאוהו תנא באותו היום השיב ר' אליעזר כל תשובות שבעולם ולא קיבלו הימנו אמר להם אם הלכה כמותי חרוב זה יוכיח נעקר חרוב ממקומו מאה אמה ואמרי לה ד' מאות אמה אמרו לו אין מביאין ראיה מן החרוב חזר ואמר להם אם הלכה כמותי אמת המים יוכיחו חזרו אמת המים לאחוריהם אמרו לו אין מביאין ראיה מאמת המים חזר ואמר אם הלכה כמותי כותלי בית המדרש יוכיחו הטו כותלי בית המדרש ליפול גער בהם רבי יהושע אמר להם אם תלמידי חכמים מנצחים זה את זה בהלכה אתם מה טיבכם לא נפלו מפני כבודו של ר' יהושע ולא זקפו מפני כבודו של ר"א ועדיין מטין ועומדים חזר ואמר להם אם הלכה כמותי מן השמים יוכיחו יצתה בת קול ואמרה מה לכם אצל ר"א שהלכה כמותו בכל מקום עמד רבי יהושע על רגליו

ואמר

**פירוש**

ההכי חוליות . תנור העשוי חוליות מגרסו בכבשן כדרך כלי חרס והה"כ נורף כחוליות ונותן חול בין חוליא לחוליא : ר' אליעזר מטהר . שאינו כלי חרס אלא בנין כעין כלי גללים וכלי אדמה שאין מקבלין טומאה : וחכמים מטמאין . דאזלי בתר חוליות שאר התורים שלהם שהיו עשויין כעין קדרות גדולות ופיו למעלה ונורף בכבשן כשאר קדרות ומיטלטלין אלא שהיה מושיבו על הארץ או על הדף ומדביק את [טסלות] הטיט סביב על (צוליו) [צולו] לפשוטו עב סיקלוט ויחזיק את חומו : עכנאי . נחש

---

צוא דיא מענטשין פון מתוזא איר זאלט טייער האלטען אייערע ווייבער וועט איר רייך ווערין :

**יא** תנן . מיר האבען גילערנט אהויבין וואס איז גימאכט פון שטיקער . אונ מען הט אריין גישאטין זאמד צווישען דיא שטיקער . רבי אליעזר זאגט דער הויבין קען ניט טמא ווערין . אונ דיא חכמים זאגין ער קען יא טמא ווערין . דאס איז דער הויבין פון עכנאי . פאר וואס רופט מען דעם הויבין עכנאי . רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין ווייל מען האט דעם הובין ארום גערינגעלט מיט רייד אזוי וויא אשלאנג וואס רינגעלט ארום אונ נעמט דעם ווידל אין מויל . אונ עס איז געבליבען אז דער הויבין איז טמא . זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט אין דעם טאג האט רבי אליעזר גיענפערט אלע ענפערונג וואס עס קען נאר זיין . צוא ווייזין אז דער הויבין איז טהור . אונ מען האט ניט אן גינומען פון אים . האט רבי אליעזר גזאגט צוא דיא חכמים אויב דער דין איז וויא איך . זאל דער באקסין בוים בעווייזין . איז דער באקסין בוים אוים גערסען געווארין פון זיין ארט אונ איז גיקומען אהער . הונדערט איילין איז גיוועזן ווייט דער באקסין בוים . אנדערע זאגין ער איז גיוועזן ווייט פיר הונדערט איילין . האבען דיא חכמים גזאגט צוא רבי אליעזר מען ברייננט ניט קיין בעווייזונג פון אבאקסין בוים . האט רבי אליעזר גזאגט צוא דיא חכמים אויב דער דין איז וויא איך . זאל דער קוואל וואסער בעווייזין . האט זיך דער קוואל וואסער אפ גערוקט אינטער זיך צוריק . האבען דיא חכמים גזאגט צוא רבי אליעזר מען ברייננט ניט קיין בעווייזונג פון אקוואל וואסער . דער נאך האט רבי אליעזר גזאגט אויב דער דין איז ווי איך זאלין דיא וועגט פון בית המדרש בעווייזין . האבען זיך דיא וועגט פון בית המדרש איין גיבויגען איין צוא פאלען . האט רבי יהושע אויף זייא אגישריי גיטאהן אונ האט גזאגט צוא זייא אויב תלמידי חכמים קריגען איינער מיט דעם אנדערין אין אדין . וואס הילט איר . זענען דיא וועגט ניט איין גיפאלען ווייל זייא האבען גיגעבין כבוד צוא רבי יהושע . אונ זייא האבען זיך ניט אויף גישטעלט. ווייל זייא האבען גיגעבין כבוד צוא רבי אליעזר . אונ דיא וועגט שטייען נאך איין גיבויגען . דער נאך האט רבי אליעזר גזאגט אויב דער דין איז וויא איך . זאל מען בעווייזין פון הימעל . איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט וואס האט איר אייך צוא קריגען מיט רבי אליעזר . וועלכע זאך רבי אליעזר זאגט איז דער דין וויא ער זאגט . האט רבי יהושע זיך גישטעלט אויף דיא פיס אונ האט גזאגט דיא תורה איז ניט אויף דעם הימעל . וואס מיינט מען זיא איז ניט אויף דעם הימעל . האט רבי ירמיה גזאגט דיא תורה איז איין מאהל גיגעבין גיווארין אויף דעם בארג סיני . מיר קוקען נישט אויף דעם קול פון הימעל . דוא האבט איין מאהל

געשריבען

ואמר (דברים ל) לא בשמים היא מאי לא בשמים היא א"ר ירמיה [שכבר נתנה תורה מהר סיני] אין אנו משגיחין בבת קול שכבר כתבת בתורה בהר סיני (שמות כג) אח־י רבים להט־ת . אשכחיה רבי נתן לאליהו א"ל מאי עביד קב"ה בההוא שעתא א"ל קא חייך ואמר נצחוני בני נצחוני בני אמרו אותו היום הביאו כל טהרות שטיהר רבי אליעזר ושרפום ונמנו עליו וברכוהו ואמרו מי ילך ויודיענו אמר להם רבי עקיבא אני אלך שמא ילך אדם שאינו הגון ויודיענו ונמצא מחריב את כל העולם כולו מה עשה ר"ע לבש שחורים ונתעטף שחורים וישב לפניו ברחוק ד' אמות א"ל רבי אליעזר עקיבא מה יום מיומים א"ל ר' כמדומה לי שחבריך בדילין ממך אף הוא קרע בגדיו וחלץ מנעליו ונשמט וישב ע"ג קרקע זלגו עיניו דמעות לקה העולם שליש בזיתים ושליש בחטים ושליש בשעורים וי"א אף בצק שבידי אשה טפח . תנא אך גדול היה באותו היום שבכל מקום שנתן בו עיניו ר' אליעזר נשרף ואף ר"ג היה בא בספינה עמד עליו נחשול לטבעו אמר כמדומה לי שאין זה אלא בשביל ר' אליעזר בן הורקנוס עמד על רגליו ואמר רבש"ע גלוי וידוע לפניך שלא לכבודי עשיתי ולא לכבוד בית אבא עשיתי אלא לכבודך שלא ירבו מחלוקת בישראל

נח

דרכו לפשות כעגולה להכניס זכבו אלא פיו : כל טהרות שטיהר ר' אליעזר . ע"י מעשה שאירע כאותה הלכה זו בבהמ"ד שנפלה טומאה לאויר תנור זה והזו ועשו על גביו טהרות וטיהרם ר"א והביאום ושרפום לפניו : לבש שחורים . ענין נער ואבל : אף הוא קרע בגדיו . שהמנודה חייב בקריעה : וחלץ מנעליו שהמנודה אסור בנעילת הסנדל במ"ק : ונשמט . מן הכסא : טפח . נתקלקל : אך גדול . מכה גדולה : ר"ג נשיא היה ועל פיו נעשה : שלא

געשריבען אין דיא תורה אויף דעם בארג סיני מען זאל נייגין דעם דין ופסקנן דעם דין וויא פיל מענטשין זאגין . ניט וויא איינער זאגט . רבי נתן האט געטראפען אליהו הנביא אונ האט גזאגט צוא אים וואס טוהט גאט איצט אין דער צייט . האט אליהו גזאגט גאט לאכט : אונ ער זאגט מיינע קינדער זענען גירעכט מיינע קינדער זענען גירעכט . מען האט גזאגט דעם טאג האט מען גיבראכט אלע זאכען וואס רבי אליעזר האט מטהר גיוועזן . אונ מען האט זייא פאר ברענט . אונ מען האט גיציילט דיא דעות פון דיא חכמים אונ מען האט אים מחרים גיוועזן . אונ מען האט גזאגט ווער וועט גיין אים זאגין אז ער איז אין חרם . האט רבי עקיבא גזאגט איך וועל גיין . טאמער וועט גיין אמענטש אפראסטער אונ וועט אים פלוצלונג זאגין אז ער איז אין חרם . וועט רבי אליעזר חרוב מאכען דיא וועלט . וואס האט רבי עקיבא גיטאהן . ער האט אן גיקליידט שווארצע קליידער אונ האט זיך איין געוויקלט אין שווארצע קליידער . אונ ער האט זיך גיזעצט פאר רבי אליעזר ווייט פון אים פיר איילין . האט רבי אליעזר גזאגט צוא אים . עקיבא וואס איז היינט אנדערש וויא אלע טאג . האט רבי עקיבא גזאגט צוא רבי אליעזר . רבי מיר דוכט אז דיינע חברים שיידין זיך אפ פון דיר . האט רבי אליעזר גיוואוסט אז ער איז אין חרם . האט ער צעריסען זיינע קליידער . אונ האט אויס גיטאהן זיינע שיך . אונ ער האט זיך אראפ גירוקט פון דיא שטוהל אונ האט זיך גיזעצט אויף דיא ערד . אונ טרערין האבען גיגאסען פון זיינע אויגען . אונ דיא וועלט איז גישלאגען גיווארין . אדריטול איילבירטען זענען קאליע גיווארין . אונ אדריטול ווייץ איז קאליע גיווארין . אונ אדריטול גערשטין איז קאליע גיווארין . אנדערע זאגין אפילו דיא טייג וואס דיא ווייבער האבען גיהאלטין אין דיא הענט אונ גיקנעטין איז אויך קאליע גיווארין . מיר האבען גילערנט אגרויסער שלאק איז גיוועזן דעם טאג . יעדער ארט וואס רבי אליעזר האט אויף אים אקוק גיטאהן . איז ער פאר ברענט גיווארין . רבי גמליאל איז דעם טאג גיוועזן מיט אשיף אויף דעם ים . האט אוואל וואסער אים גיוואלט דער טרינקען . האט רבן גמליאל גזאגט מיר דוכט אז מען וויל מיך דער טרינקען פון וועגין רבי אליעזר בן הורקנוס . האט רבן גמליאל זיך גישטעלט אויף דיא פים אונ האט גזאגט רבונו של עולם דו ווייסט דאך דעם אמת אז איך האב דאס ניט גיטאהן פון וועגין מיין כבוד . אונ ניט פון וועגין מיין פאטערס כבוד . נאר פון דיין כבוד וועגין . עס זאל ניט גימערט ווערין

קריג

נח הים מזעפו. א'מא שלום דביתהו דר"א אחתיה דר"ג הואי מהוא מעשה ואילך לא הות שבקת ליה לר"א למיפל על אפיה ההוא יומא ריש ירחא הוה ואיחלף לה בין מלא לחסר א"ד [אתא] עניא קרי אבבא אפיקה ליה ריפתא אשכחתיה דנפל על אנפיה אמרה ליה קום קטלת לאחי אדהכי נפק שפורא מבית ר"ג דשכיב א"ל מנא ידעת אמר ליה כך מקובלני מבית אבי אבא כל השערים ננעלין חוץ משערי אונאה:

יב ת"ר המאנה את הגר עובר בג' לאוין והלוחצו עובר בב' מאי שנא מאנה דכתיבי ג' לאוין (שמות כב) וגר לא תונה (ויקרא יט) וכי יגור אתכם גר בארצכם לא תונו אותו (שם כה) ולא תונו א יש את עמיתו וגר בכלל עמיתו הוא לוחצו נמי ג' כתיבי (שמות כב) ולא תלחצנו (שם כג) וגר לא תלחץ (שם כב) ולא תהיה לו כנושה וגר בכלל הוא אלא אחד זה ואחד זה בג'. תניא ר"א הגדול

ירדו מתלוקת. שלא יתגלגל היחיד לחלוק על הרבים: אימא שלום. קך שמה: בין מלא לחסר כשהיה היתה סבורה החדש חסר וקבוע ביום ל' ולא יפול ביום החדש על פניו והיה מלא ולא נקבע עד יום ל' אחד ולא נזכרה בו ביום ל' ונפל על פניו: מבית אבי אבא: מבית דוד אבי במשפחה בבה נשיאים היתה והם מבית דוד: חוץ משערי אונאה. לפי שצער הלב הוא קרוב להוריד דמעות·

המאנה את הגר אונאת דברים: הלוחצו. דוחקו: לא תהיה לו כנושה. להך הוא שדוחקו לתבוע חובו: כ"ג מ"ם מהנהדכהיג ביה תלתא וגר לא תונה לא תונו אותו לא תונו איש את עמיתו וגר

קריג אין דער תורה ביי יודין, דיא תורה האט איין מאהל גזאגט אז דיא דעה פון איין מענטש דארף בטל ווערין געגין דיא דעה פון פיל מענטשין. דארף אזוי בלייבין. האט דער ים גירוהט פון זיין כעס. אימא שלום דיא ווייב פון רבי אליעזר איז גיוועזן אשוועסטער פון רבן גמליאל. פון דער מעשה אונ ווייטער פלעגט זיא ניט לאזין איר מאן רבי אליעזר ער זאל פאלין אויף זיין פנים זאגין תחנון. אמאהל איז גיוועזן ראש חודש איז איר פארטאהשט גיווארין דיא טעג. זיא האט גימיינט אז יענער חודש איז ניין אונ צוואנציג טעג. איז היינט ראש חודש. וועט ער ניט פאלין תחנון. האט זיא אים היינט ניט גערהיט פון תחנון פאלין. אונ אין אמת איז היינט ניט גוועזן ראש חודש. נאר מארגין וועט זיין ראש חודש. איז ער היינט יא גיפאלין תחנון. אנדערע זאגין אזוי איז גיוועזן. אהערעם מאן האט געבעטין ביי דיא טיר מען זאל אים עפעס געבין. האט זיא אים ארויס גיטראגין אשטיקול ברויט. וויא זיא איז גיקומען צוריק האט זיא גיטראפין איר מאן רבי אליעזר איז גיפאלין תחנון. האט זיא גזאגט צוא אים שטיי אויף האסט גיהרגת מיין ברודער. דער וייל איז ארויס גיגאנגען אקול פון רבן גמליאלס שטוב אז רבן גמליאל איז גישטארבין. מען האט גיפרעגט ביי אימא שלום פון וואנען האסטו גיוואסט אז דיין ברודער איז גישטארבין. האט אימא שלום גיענטפערט אזוי האב איך גילערנט פון דעם גרעסטען פון דער משפחה. דאס איז דוד המלך. אלע טויערין פון תפלה זענען פארשלאסין. נאר אז מען איז מתפלל אויף אצער וואס אמענטש האט גיטאהן זיין חבר. ווערט מען באלד גיענטפערט דער מענטש זאל גישטראפט ווערין:

יב תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דער וואס דערצערינט אגר איז ער עובר אויף דריי לאוין. אונ דער וואס דריקט אים איז ער עובר אויף צוויא לאוין. פרעגט דיא גמרא פאר וואס אז מען דערצערינט אגר איז מען עובר אויף דרייא לאוין וייל עס שטייען דרייא פסוקים. אגר זאלסטו ניט דערצערינגען. אז מיט אייך וועט וואהנען אגר אין אייער לאנד זאלט איר אים ניט דערצערינגען. איר זאלט ניט דערצערינגען איין מענטש דעם אנדערין. שטייט דער ביי דער ווארט עמיתו. עמיתו איז דער טייטש עם אתו. דער פאלק וואס איז גלייך מיט דיר אין תורה אונ מצות זאלסטו אים ניט דער צערינגען. אונ אגר איז דאך אויך גלייך מיט דיר אין תורה אונ מצות טארסטו אים אויך ניט דער צערינגען. אויף צו דריקען דעם גר שטייט דאך אויך דרייא פסוקים. דו זאלסט אים ניט צו דריקען. אגר זאלסטו ניט צו דריקען. דו זאלסט ניט זיין צו אים אזוי וויא אמאנער. דו זאלסט אים ניט צו דריקען ער זאל דיר באלד בצאהלין. דאס שטייט ביי איוד. נאר אגר איז גלייך צו איוד צו אלע זאכין. נאר סיי ער דער צערינט דעם

גר

הגדול אומר כפני מה דוהירה תורה בל"ו מקומות ואמרי לה במ"ו מקומות בגר מפני שם רו רע מ"ד. (:ס) וגר לא תונה ולא תלחצנו כי גרים הייתם תנא (משום) רבי נתן [אומר] מום שבך אל תאמר לחברך והיינו דאמרי אינשי דזקיף ליה זקיפא בדיותקיה לא נימא ליה לחבריה זקיף ביניתא:

(דף ס) יג מתני' רבי יהודה אומר לא יחלק התנווני קליות ואגוזים להתינוקות מפני שהוא מרגילן לבא אצלו וחכמים מתירין ולא יפחות את השער וחכ"א זכור לט ב לא יבור את הגריסין דברי אבא שאול וחכמים מתירים ומודים שלא יבור על פי מגורה שאינו אלא כגונב את העין

כלל עמיהו הוא לותגו נמי וכו': מום שבך אל תאמר לחברך. דכיון דגרים הייתם גנאי הוא לכם להזכיר שם גירות: מאן דאית ליה זקיפא וכו'. מי שיש לו תלוי במשפחתו לא יאמר לעבדו או לבן ביתו תלה לי דג זה שכל שם תליה גנאי הוא לו: לא יפחות את השער. למכור בזול מפני שמרגיל לבא אלו ומקפח מזונות חבירו: זכור לטוב. שמתוך כך אוכלי פירות מוכרים בזול: גריסין. פולין גרוסות כריחים א' לב': לא יבור את הפסולת. שמתוך שבראין יפות הוא מעלה בדמיהן יותר מן הפסולת שנטל מהם: וחכמים מתירין. טעמא מפרש בגמרא: ע"פ המגורה. למעלה להראות יפה ואת הפסולת שבתוכו לא בירר: לפי שאינו אלא

אין

גר אונ ווייל ער דריקט אים צו. איז ער אלץ עובר אויף דריי לאוין. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר הגדול זאגט פאר וואס האט די תורה פאר זאגט אין זעקס אונ דרייסיג ערטער. אנדערע זאגען אין זעקס אונ פערציג ערטער אז מען זאל ניט דער צערינען דעם גר. ווייל זיין אפקערונג איז שלעכט. אז ער וועט זעהן עס איז אים ניט גוט צווישען יודען. וועט ער צוריק ווערין אגוי. עס שטייט אין פסוק דעם גר זאלסטו ניט דער צערינען אונ זאלסט אים ניט צו דריקען ווארום איר זענט גיוועזען גרים. מיר האבען גילערונט רבי נתן זאגט דעם פעלער וואס דוא האסט זאלסטו ניט זאגען צו דיין חבר. ווייל איר זענט אליין גיוועזען גרים זאלט איר ניט דער מאנען דעם נאמען גר: דאס איז וואס מענטשין זאגען דער וואס האט אגיהאנגענעם אין זיין משפחה. זאל ער ניט זאגען צום חבר איינג אויף דעם פיש. ער זאל גאר ניט דער מאנען מיט זיין מויל דעם ווארט איינגען:

יג מתניתין. רבי יהודה זאגט אקרעמער טאר ניט געבין צוא די קינדער זאנגען געטריקנטע אדער ניס. ווייל ער גיוויינט זייא. זייא זאלין קומען צו אים קויפין. ציהט ער אפ די פרנסה פון אנדערע קרעמער. נאר אלע קרעמער זאלין זיין גלייך. צוא וועמען די קינדער וויהלען זאלין זייא גיין קויפין: אונ די חכמים זאגין מען מעג אזוי טאהן. ווארום זאלין אנדערע קרעמער אויך געבין די קינדער אנדערע זאכין זייא זאלין קומען צוא זייא קויפין. נאך אדין איז אקרעמער טאר ניט לאזין וואוועלער דעם מקח. ווייל אלע וועלין קומען קויפין בייא אים ציהט ער דאך אפ די פרנסה פון יענע קרעמער. אונ די חכמים זאגין ער זאל דער מאנט ווערין צוא גיטען, דורך אים וועלין אלע לאזין וואוועלער. נאך אדין איז אקרעמער טאר ניט אויס קלויבין די ווערעמדיגע ארבעס צו פאר קויפין ריינע. ווייל ער צו הט ארויף דעם מקח מער וויפיל עס איז ווערט. קעשל אקווארט ארבעס מיט ווערעמדיגע קאסט אגילדין. אונ ער האט אויס געקליבען פון די קווארט ארבעס ווערעמדיגע אקוואטירול. איז דאך פאר קויפט גיווארין דריא קוואטירלאך ריינע ארבעס פאר אגילדין. אז ער גיט איצט אגאנצע קווארט ריינע ארבעס דארף ער נעמען פערציג גראשין. אז ער נעמט אבער פאר אקווארט ריינע ארבעס פופציג גראשין. נארט ער דאך דעם קויפער מיט צעהן גראשין. ווייל ער מיינט אז אין אקווארט ארבעס איז דא ווערעמדיגע מער וויא אקוואטירול. קאסט דאך ריינע ארבעס טייערער. דריבער טאר מען ניט. אזוי זאגט אבא שאול. אונ די חכמים זאגין מען מעג אזוי טאהן. ווייל יעדער מענטש קען וויסען וויא פיל ווערעמדיגע ארבעס עס איז דא אין אקווארט. וויים ער וויא פיל מען דארף צאהלין פאר אקווארט ריינע ארבעס. אונ וואס דער קרעמער נעמט אביסעל טייערער גיט אים דער קויפער מיט זיין גוטען ווילען. ער זאל ניט האבען ארבעט צו קלויבין די ארבעס. אונ דאס זענען די חכמים מודה צו אבא שאול אז מען טאר ניט אויס קלויבין די ווערעמדיגע ארבעס וואס ליגט פון הויבין. אונ

פון

אין מפרכסין לא את האדם ולא את הבהמה ולא את הכלים :

(ע"ב) **יד ההוא** עבדא סבא דאזיל צבעיה לרישיה ולדקניה אתא לקמיה דרבא אמרו לו זבנן א"ל ויהיו עניים בני ביתך אתא לקמיה דרב פפא בר שמואל זבניה יומא חד א"ל אשקיין מיא אזל חווריה לרישיה ולדקניה א"ל חזי דאנא קשיש מאבוך קרי אנפשיה צדיק מצרה נחלץ וגו' (משלי יא) :

# איזהו נשך פרק חמישי

[דף סא ע"ב) **א לא** תגנובו (ויקרא יט) דכתב רחמנא למה לי לכדתניא לא תגנובו על מנת למיקט לא תגנובו ע"מ לשלם תשלומי כפל א"ל רב ייטר לרב אשי לאו דכתב רחמנא במשקלות למה לי א"ל לטומן משקלותיו במלח האי גזל מעליא הוא

פירוש

כגונב את דעת הבריות זו : אין מפרכסין . מפרש בגמרא: לא את האדם. עבד כנעני העומד לימכר : צבעיה שהיה זקנו לבן וצבעו שחור (ומראה) [ונראה] כבחור : זבנן . קנה אותי לעבד וכנעני היה דעבד עברי אסור לאחר הורבן שאין היובל נ"ג : ויהיו עניים . משנה היא . טוב לי לפרנס עניי ישראל ויתמטוו : דקמיה . זקנו : צדיק מצרה נחלץ . זה רבא :

לא תגנובו דכתב רחמנא למה לי . לילף מרבית ואונאה שאסרו מהכרו ממון לא תגנוב דעברת כדברים לא קמיבעיא ליה דהזהרה לגוב כפשוט הוא בדאמריק בסנהדרין : למיקט . לצער : ע"מ לשלם כפל . שרוצה להנהותו ויודע בו שלא יקבל : לאו דמשקלות . לא תעשו עול : וגו' לטומן משקלותיו .

פון אינוויניג וועט ער ניט אויס קלייבן . ווייל דאס איז נאר צו גנבנן די אויג פון מענטשן . דער וואס קויפט מיינט אז די גאנצע ארבעס איז אזוי ריין וויא די וואס איז פון הויבען . און אפילו ער זאגט ניט אז די ארבעס איז אויס געקליבענע . נאר ער שווייגט . טאר מען אויך ניט . ווארום דער קויפער נארט זיך אליין . ער מיינט וויא זענען אין גאנצין ריין . און אין אמת זענען וויא ווערעמדיג אינווייניג (ועהי"טו) . נאך אדין איז אז איינער וויל פאר קויפען אקנעכט אכנעני אדער אבהמה . אדער כלים . זאל ער זייא ניט אויס פוצען און שיין מאכין . דער קויפער זאל זיך ניט גינארין :

**יד ההוא** . אמאהל האט אאלטער קנעכט אפ גיפארבט די האר פון זיין קאפ און זיין בארד . וויא זאלין אויס זעהן שווארץ . וועט מען מיינען אז ער איז איונגער מאן . און ער איז גיגאנגען זיך פאר קויפין פאר אקנעכט : איז ער גיקומען צו רבא און האט גזאגט צו אים קויף מיך פאר אקנעכט . האט רבא גזאגט צו אים דער תנא האט גזאגט די ארעמע לייט זאלין זיין דיינע שטוב מענטשין . אז דו דארפסט קנעכט זאלין דיך בעדינען . זאלסטו בעסער נעמען יודישע ארעמע לייט פאר קנעכט . איז דער קנעכט גיקומען צו רב פפא בר שמואל . האט רב פפא אים גיקויפט . אמאהל האט רב פפא גזאגט צום קנעכט גיב מיר אטרונק וואסער : איז גיגאנגען דער קנעכט און האט אפ גיוואשין די פארב פון זיין קאפ און פון זיין בארד און ער האט גזאגט צו רב פפא זעה אז איך בין עלטער פאר דיין פאטער און דו פערלאנגסט איך זאל דיך בעדינען האט רב פפא אויף זיך גיליינט דעם פסוק דער צדיק (רבא) איז ארויס גיצויגן גיווארין פון די צרה . און צו מיר איז זיא גיקומען :

## פרק חמישי

**א לא** : צו וואס האט די תורה גישטעלט מען זאל ניט גנבנן פרעמדע געלט . מאדאך מען טאר ניט נעמען פראצענט און אז איינער קויפט אזאך בייא זיין חבר טאר מען ניט נארין . טאר מען דאך געווים ניט גנבנן . זאגט די גמרא די תורה זאגט מען טאר ניט גנבנן אפילו ער מיינט ניט דאס נעמען פאר זיך . ער וויל נאר יענעם דער צערינען . און מען טאר ניט גנבנן מען זאל בצאהלין טאפיל . למשל ער וויל שיינקען איינעם אמתנה און יענער וויל ניט נעמען אמתנה . וויל ער בייא אים גנבנן ער זאל דארפין בצאהלין אים טאפיל . טאר מען דאס אויך ניט . רב ייטר האט גזאגט צוא רב אשי צוא וואס האט די תורה געשריבען אז מען טאר ניט געבין אפאלשע וואג . דאס איז דאך גזלה . און די תורה האט דאך שוין גזאגט איין

באהל

לעבור עליו משעת עשיה. ת"ר (ספ) לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה (במשפט כמשמעו) במדה זה מודד קרקע שלא ימדוד לאחד בימות החמה ולאחד בימות הגשמים במשקל שלא יטמין משקלותיו במלח ובמשורה שלא ירתיח והלא דברים ק"ו ומה משורה שהיא א' משלשים וששה (ושלשה) בלוג הקפידה עליו תורה ק"ו להין וחצי הין ושלישית ההין ורביעית ההין ולוג וחצי לוג ורביעית הלוג. אמר רבא למה לי דכתב רחמנא יציאת מצרים ברבית יציאת מצרים גבי ציצית יציאת מצרים במשקלות. אמר הקב"ה אני הוא שהבחנתי במצרים בין טפה של בכור לטפה שאינה של בכור אני הוא שעתיד ליפרע ממי שתולה מעותיו בנכרי ומלוה אותן לישראל ברבית וממי שטומן

משקלות ו

שמנה או הפרש טומן במלח להכבידו וכשהוא לוקח במשקל לוקח בהלו: מ עש עשיה. משעת העמדה ואפילו לא שקל בהן: לא ימדוד לאחד בימות החמה כו'. אחין הבאין לחלוק את השדה לא ימדוד המודד לאחד בימות החמה ולאחד בימות הגשמים בחבל מפני שהחבל לח בימות הגשמים ומתפשט כל צרכו ובימות החמה מתוך יובשו הוא נעמד וכווץ: משורה. מדת הלח היא: ירתיח. אשקומ"א בלע"ז בממלא את המדה כשמוליך לה יין ולאחר זמן נמלאת הבלה: יציאת מצרים גבי רבית. בפרשת בהר סיני: גבי משקלות. בקדושים תהיו: שהבחנתי במצרים. הרי שבאו עשרה רווקים אל מצרית אחת ונתעברה מהן בעבר עיבורים עשר בכורות שהן בכורות של אביהן כלם מתו: תולה מעותיו בנכרי. מלוה מעותיו לישראל ברבית ואומר

מאהל אז מען טאר ניט גזלנן: האט רב אשי געזאגט די תורה מיינט אז איינער בעהאלט זיינע געוויכטער אין זאלץ. די פונטען זאלין שווערער ווערין. אז ער וועט קויפען סחורה זאל ער קויפען אויף די שווערע וואג. דאס טאר מען ניט. פרעגט די גמרא געוויס טאר מען דאס ניט. דאס איז דאך אויך אמתה גזלה. ענטפערט די גמרא די תורה מיינט אזוי ווי ער לייגט נאר אריין די פונטען אין זאלץ. זייא זאלין שווערער ווערין ער זאל קענען נארין. אפילו ער האט נאך ניט גינארט. איז ער שוין עובר אויף אלאו פון אפאלשע וואג. די רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט טאהן קיין אומרעכט אין משפט אין מדה אין משקל און אין משורה. משפט מיינט מען אדין תורה: מדה מיינט מען אמאס פון ערד. אז מען מעסט ערד מעסט מען מיט אשטריק. און אז צוויא מענטשין האבען זיך גידארפט טיילען מיט ערד. זאל מען נישט מעסטין צוא איינעם אום זומער און צום אנדערין אים ווינטער מיט דעם זעלביגען שטריק. ווארום זומער איז דער שטריק קירצער. ווייל ער איז איין געטריקענט: און ווינטער איז דער שטריק לענגער. ווייל ער איז נאס קען מען אים גוט אויס ציהען. וועט איינער האבען ווייניגער ערד ווי דער אנדערער. במשקל מיט אזוג מיינט מען. ער זאל ניט בעהאלטען זיינע פונטען אין זאלץ. במשורה איז אמאס פון נאסע זאכען. זאגט די תורה ווען ער מעסט משקה זאל ער נישט מעסטין מיט אשאום. ווארום די מאס איז ניט פול: איז דאך א קל וחומר. מאדאך משורה וואס דאס איז גאר אקליינע מאס. זיא איז אזעקס און דרייסיג חלק פון אקווארט. האט די תורה גזאגט מען זאל ניט נארין מיט דעם ביסל שאום: אז מען מעסט מיט אהין און מיט אהאלבע הין און מיט אדריטיל הין און מיט אפערטל הין מיט אלוג מיט אהאלבין לוג. דארף ער געוויס זעהן ער זאל ניט מעסטין מיט שאום. רבא האט גזאגט צוא וואס האט די תורה גישטעלט יציאת מצרים ביא פראצענט. יציאת מצרים ביי ציצית. יציאת מצרים ביי אפאלשע וואג. ביי די דריי זאכען שטייט איך בין איער גאט וואס איך האב אייך ארויס גינומען פון מצרים. גאט האט גזאגט איך האב גיוואוסט אין מצרים וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין פון ערשטין טראפין זרע. און וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין ניט פון ערשטין טראפין זרע: דאס מיינט מען וועלכער מצרי איז אבכור צוא זיין פאטער. איז ער גישטארבען. און וועלכער מצרי איז ניט גיוועזן אבכור צוא זיין פאטער האט ער גילעבט. וועל איך וויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם וואס זאגט אז דאס איז גוישע געלט. און ער פר בארגט זייא צוא אידין אויף פראצענט. און אין אמת איז דאס גאר זיין געלט. און איך וועל וויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם וואס בעהאלט זיינע פונטען אין זאלץ זייא זאלין שווער ווערין.

און

משקלותיו במלח וממי שתולה קלא אילן בבגדו ואומר תכלת הוא :

ב רבינא איקלע לסורא דפרת א"ל רבי חנינא מסורא דפרת לרבינא יציאה דכתב רחמנא גבי שרצים למה לי א"ל אמר הקב"ה אני הוא שהבחנתי בין טפה של בכור לטפה שאינה של בכור אני עתיד ליפרע ממי שמערב קרבי דגים טמאים בקרבי דגים טהורים ומוכרן לישראל א"ל אנא המעלה קא קשיא לי מאי שנא [הכא] המעלה דכתב רחמנא א"ל לכדתנא דבי רבי ישמעאל דתנא דבי רבי ישמעאל אמר הקב"ה אלמלא העליתי את ישראל ממצרים אלא בשביל דבר זה שאינן מטמאים בשרצים דיי א"ל ומי נפיש אגרייהו טפי מרבית ומציצית וממשקלות אמר ליה אע"ג דלא נפיש אגרייהו טפי מאיסי למיכלינהו :

ג [פיסקא] איזהו תרבית המרבה בפירות וכו' [אטו כל הני דאמרינן עד השתא לאו רבית הוא א"ר אבהו עד כאן של תורה מכאן ואילך של דבריהם] וכן אמר

של נכרי כס: קלא אילן. צבע כדומה לתכלת והגמרא אמר סתיל תכלת והכלת דמיו יקרים שצבוע כ"ס הלזון שאינו עולה מן הים אלא אחת לשבעים שנה : סורא דפרת . כורא היושבת על נהר פרת ואין זו סורא כתס : גבי שרצים . כויוצי ביון : השמ"מ כי אני ה' המעלה אתכם מארץ מצרים : אלא בשביל דבר זה . כדמפ"ש לקמיה בהן מעולים ונאים ואינן נמאכים בשקצים הללו להכי כתיב לשון עילוי שמעלה גדולה היא אלא :

של תורס . דרך הלואה : עד כאן יכין רשע וצדיק

---

אונ איך וועל וויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם וואס פארבט זיין קלייד מיט דיא פארב פון אזוי אבוים . אונ ער זאגט דאס איז תכלת : ווארום תכלת וואס דיא תורה האט גזאגט איז אטייערע פארב . ווארום איין מאהל אין זיבעציג יאהר גייט ארויס פון'ם אוואריעם וואס ער הייסט חלזון . אונ מיט זיין בלוט ווערט גיפארבט . אונ דאס הייסט תכלת . אונ דיא פאלשע מענטשין נעמען אזוי אפארב פון אבוים : אונ זאגין דאס איז דער תכלת :

ב רבינא איז אמאהל גיקומען אין דיא שטאט סורא וואס ביא דעם טייך פרת . האט רבי חנינא גזאגט צו רבינא פר וואס האט דיא תורה גישטעלט ביא שרצים יציאת מצרים עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט עסין שרצים ווארום איך בין דער גאט וואס האב אייך אויף גיבראכט פון מצרים . האט רבינא גזאגט צוא רבי חנינא גאט האט גזאגט איך האב געוואוסט אין מצרים וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין פון ערשטין טראפין זרע . אונ וועלכער מצרי איז גיבארין גיווארין ניט פון ערשטין טראפין זרע . דאס מיינט מען וועלכער מצרי איז גיוועזין אבכור צוא זיין פאטער . איז ער גישטארבין . אונ וועלכער מצרי עס איז ניט גיוועזין אבכור צו זיין פאטער האט ער גילעבט . וועל איך וויסען גיצאהלט צוא ווערין פון דעם מענטש וואס צוא מישט דיא פעטס פון דיא טרפה פיש מיט דיא פעטס פון כשרה פיש אונ פאר קויפט זייא צוא אידין : האט רבי חנינא גזאגט צוא רבינא איך פרעג אויף דעם ווארט מעלה . אויף גיבראכט . אין דיא גאנצע תורה שטייט איך האב אייך ארויס גיצויגען פון מצרים . אונ דא שטייט איך האב אייך אויף גיבראכט פון מצרים . האט רבינא גזאגט דאס איז אזוי וויא רבי ישמעאל האט גילערינט . גאט האט גזאגט ווען איך וואלט אויף גיבראכט דיא יודין פון מצרים נאר פון וועגין דיא זאך וואס זיי זענען זיך ניט מטמא צוא עסין שרצים . וואלט מיר אויך גינוג גיוועזין . האט רבי חנינא גיפרעגט איז דען דער שכר פון ניט עסין שרצים גרעסער וויא ניט נעמען פראצענט . אדער וויא צוא גיין אין ציצית . אדער וויא ניט צו געבין אפאלשע וואג . האט רבינא גזאגט דער שכר פון ניט עסין שרצים איז טאקי ניט גרעסער וויא דער שכר פון אלע מצות . נאר זייא זענען אבער מיאוס צו עסין זייא . דריבער שטייט ביא שרצים דער ווארט המעלה . ווייל המעלה איז טייטש גרויסקייט . דאס איז אגרויסקייט פאר יודין אז זייא פר מיאוסען זיך ניט צוא עסין שרצים :

ג פיסקא . איזהו . וועלכעס הייסט מערונג . אז ער מערט זיין פאר דינסט דורך פירות . פרעגט דיא גמרא דיא אלע זאכען וואס דיא משנה האט גזאגט ביז איצט . ווערט רען נישט גימערט זיין געלט . האט רבי אבהו גזאגט ביז איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט

אמר רבא עד כאן של תורה מכאן ואילך של דבריהם עד כאן (איוב כז) יכין רשע וצדיק ילבש עד כאן ותו לא אלא אפילו עד כאן יכין רשע וצדיק ילבש:

(דף סב) **ד תניא** שנים שהיו מהלכין בדרך וביד אחד מהם קיתון של מים אם שותים שניהם מתים ואם שותה אחד מהם מגיע לישוב דרש בן פטורא מוטב שישתו שניהם וימותו ואל יראה אחד במיתת חבירו עד שבא ר"ע ולימד (ויקרא כה) וחי אחיך עמך חייך קודמין לחיי חבירך:

**ה אמר** רב כהנא הוה יתיבנא בשלהי פרקי דרב ושמעית דקאמר קרי קרי ולא ידענא מאי קאמר

ילבש. שאם מת והניח לבניו מעות של רבית אין חייבים להחזיר וע"ז נאמר יכין וגו' הכי תניא לה בתוספתא: עד כאן ותו לא. בתמיה כ"ש דרבית דרבנן אין הבן חייב להחזיר: אפילו עד כאן. דרבית דאורייתא הוא: יכין. האב שהוא רשע וימות ולא יחזיר והבן שהוא צדיק אינו חייב להחזיר: אם ישתו שניהם ימותו בצמא שאין מספיקין לשניהם: ואם ישתה האחד מגיע לישוב. וימצא מים: עמך. חייך קודמין: בשלהי. פרקין כשסיים לדרוש באחרי ולא שמעתי תחלת דבריו: שמעתי דקאמר קרי קרי. שמעתי דורש ומזכיר דלוטין

---

וואס דיא תורה האט גיאסרת, למשל ער פאר בארגט הונדערט גילדין מען זאל אים צוריק געבין הונדערט מיט צעהן. פון איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט. וואס די תורה האט ניט גיאסרת. נאר דיא רבנן האבען גיאסרת. עס איז גיוועזן אהאנדיל צווישען זייא. אונ דורך דעם האנדיל איז גינומען גיווארין פראצענט. אונ אזוי האט רבא גזאגט ביז איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט וואס דיא תורה האט גיאסרת. פון איצט שמועסט דיא משנה פון אזעלכע פראצענט וואס דיא תורה האט ניט גיאסרת. נאר דיא רבנן האבען גיאסרת. ביז איצט שמועסט מען פון אזעלכע פראצענט אז ער איז גישטארבין אונ הט גילאזין דיא פראצענט געלט צוא דיא קינדער. דארפין זייא ניט אוועק געבין. אויף אים זאגט דער פסוק דער רשע וועט אן גרייטען אונ דער צדיק וועט אן קליידין. פרעגט דיא גמרא די פראצענט וואס מען שמועסט ביז איצט וואס דיא תורה האט גיאסרת דארף דער זוהן ניט אוועק געבין. אבער אנדערע פראצענט דארף ער יא אוועק געבין: דיא פראצענט וואס דיא משנה שמועסט ווייטער וואס זענען נאר אסור פון דיא רבנן דארף דאך געוויס דער זוהן ניט אוועק געבין. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען אפילו דיא פראצענט וואס דיא משנה שמועסט ביז איצט וואס דיא תורה האט גיאסרת דארף דער זוהן אויך ניט אוועק געבין. ווייל עס שטייט אין פסוק דער רשע וועט אן גרייטען אונ דער צדיק וועט אן קליידין: אונ דיא פראצענט וואס נאר די רבנן האבען גיאסרת. דארף געוויס דער זוהן ניט אוועק געבין:

ד תניא. מיר האבען גילערונט צוויא מענטשין זענען גיגאנגען אין וועג. אונ איינער האט גיהאט אקריגול וואסער. אויב ביידע וועלין טרינקען פון דיא וואסער. וועלין ביידע שטארבען פון דארשט. ווארום דיא וואסער וועט ניט גינוג זיין פאר ביידע ביז זייא וועלין גיקומען צוא אבוואהנטין ארט. אונ אויב איינער וועט טרינקען וועט ער קומען ביז צוא אבוואונטען ארט. אבער דער חבר וועט שטארבען פאר דארשט. בן פטירא האט גידרשת בעסער זאלען זייא ביידע טרינקען אונ ביידע זאלען שטארבען. אונ איינער זאל ניט זעהן וויא זיין חבר וועט שטארבען. ביז רבי עקיבא איז גיקומען אונ האט גילערונט עס שטייט אין פסוק וחי אחיך עמך. דיין ברודער זאל לעבין מיט דיר. דיין לעבין איז פריער וויא דיין חברס לעבין. דריבער דער וועם די וואסער איז זיינע. זאל ער טרינקען אונ בלייבען לעבין: אונ וועם דער חבר וועט שטארבען. קען ער ניט פאר זארגין:

ה אמר. רב כהנא האט גזאגט איך בין אמאהל גיזעסן ביים דער דרשה פון רב איך בין אבער גיקומען צום סוף דרשה. אונ דעם אן הייב דרשה האב איך ניט גיהערט. איך האב נאר גיהערט וויא רב האט גזאגט פלוצערין פלוצערין. אונ איך ווייס ניט וואס ער הט גימיינט. וויא רב איז אויף גישטאנען פון דער דרשה האב איך געזאגט צוא דיא תלמידים וואס האט דאס רב גזאגט עטליכע מאהל דעם ווארט פלוצערין. האבען דיא תלמידים גזאגט צוא מיר אזוי האט

קאמר בתר דקם רב אמרי להו מאי קרי קרי דקאמר רב אמרי לי הכי קאמר רב האי מאן דיהיב זוזי לגינאה אקרי וקא אולי עשרה קרי בני זרתא בזוזא וא"ל יהיבנא לך בני גרמידא איתנהו שרי ליתנהו אסור פשיטא מהו דתימא כיון דממילא קא רבו שפיר דמי קמ"ל :

(ע"ב) ו רב יוסף בר חמא תקיף עבדי דאינשי דמסיק בהו זוזי ועביד בהו עבידתא אמר ליה (רבה) [רבא] בריה מאי טעמא עביד מר הכי א"ל אנא כרב נחמן סבירא לי דאמר ר"נ עבדא נהום כריסיה לא שוי א"ל אימור דאמר ר"נ כגון דארו עבדיה דמרקד בי כובי עבדי אחריני מי אמר א"ל אנא כי הא דרב דניאל בר [רב] קטינא אמר רב סבירא לי דאמר התוקף עבדו של חבירו ועושה בו מלאכה פטור (דף סה) דניחא ליה דלא נסתרי עבדיה א"ל ה"מ היכא דלא מסיק ביה זוזי מר כיון דמסיק בהו זוזי מיחזי כרבית :

ולעין סמיד: יהיבנא לך . לאחר זמן: בני גרמידא. אמה אמה: איתנהו . אם יש לו בגנו גדולות בני אמה: ליתנהו . ועודן קטנות אסור:

תקיף עבדי דאינשי דמסיק בהו זוזי . מחזיק בעבדים של בעלי חובות שלו וכופם לעשות מלאכתו:

נהום כריסיה . לחם מאכלו והריני זה ביום מלאכתו:

דארו עבדיה . כך שמו: דמרקד בי כובי . לינן היה ומרקד בחנויות לשתות יין: דלא נסתרי עבדיה . שלא ירגיל להיות בטל ויתעלל נסתרי התי"ו משמשת כדרך המתפעלים בתיבות שי"ן וסמ"ך כאשר יתפעל שב ויאמר האחר שהתי"ו מתמלעת להפסיק אותיות השורש ונגזרת כף הכתוסף את השתוחה וכן בלשון גמרא מסתרי מסתמיך ותהוי אתקיל :

מרבה

---

רב זאגט . אז איינער האט געגעבן געלט צוא אגערטנער ער זאל אים געבן פלוצערין . איצט האט מען פאר קויפט צעהן פלוצערין וואס יעדער פלוצער איז לאנג אהאלב איל פאר אגילדין . האט דער גערטנער געזאגט איך וועל דיר געבן צעהן פלוצערין פאר אגילדין וואס יעדער פלוצער וועט זיין לאנג אאייל . אויב דיא פלוצערין וואס זענען לאנג אאייל זענען שוין דא . מעג ער אים געבין . אבער אז דיא פלוצערין וואס זענען לאנג אאייל זענען נאך ניטא . זייא זענען נאך קליין גאר זייא זיצען אין דיא ערד אונ וועלין נאך וואקסען . טאר מען ניט . פרעגט דיא גמרא געוויס טאר מען ניט . דאס איז דאך פראצענט . פר וואס פאר קויפט ער אים וואלוועל ווייל ער גיט אים פאר אויס געלט . ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען ווייל דיא קליינע פלוצערין זענען שוין דא גיהערין זיי שוין צום קויפער . אונ ווס זייא ווערין גרעסער דם וואקסען זייא דאך פון זיך אליין . זאל מען מעגין . הט רב געזאגט אז דאס טאר מען אויך ניט :

ו רב יוסף בר חמא פלעגט חאפען דיא קנעכט פון דיא מענטשין וואס ער האט בייא זייא גימאנט געלט . אונ ער האט גינייט דיא קנעכט זייא זאלין ביי אים ארבעטין . הט זיין זוהן רבא צוא אים געזאגט פאר וואס טוהסטו אזוי אזוי . האט רב יוסף געזאגט צו זיין זוהן איך האלט ווי רב נחמן . וואס ער זאגט אקנעכט איז ניט ווערט דיא ברויט פון זיין בויך . ער פאר דינט ניט זיין עסין . אונ איך גיב דאך דעם קנעכט עסין אונ זיין ארבעט איז ווייניגער ווערט . פר דין איך דאך גאר ניט . האט רבא געזאגט צום פאטער ווען האט דאס רב נחמן געזאגט נאר אויף זיין קנעכט דארו וואס ער טאנצט צווישען דיא קראמען פאר אגלעזיל וויין ; אבער אויף אנדערע קנעכט האט רב נחמן ניט געזאגט אז זייא פאר דינען ניט זייער ברויט . האט רב יוסף געזאגט איך האלט אזוי וויא רב דניאל בר רב קטינא האט געזאגט פון רבם וועגין אז איינער חאפט זיין חברס קנעכט אונ ער ארבעט מיט אים דארף ער ניט בצאהלין צו זיין חבר . ווארום דער חבר וויל אז ער האט ניט צו געבין זיין קנעכט ארבעט . זאל ער ארבעטין ביי איין אנדערין . דר קנעכט זאל זיך ניט גיוואוינען ארום צוא גיין ליידיג . ווארום פון ליידיג גיין ווערט מען פויל . אונ איך חאפ נאר אויך אזעלכע קנעכט וואס גייען ליידיג . האט רבא געזאגט צום פאטער דאס איז נאר אז ער מאנט ניט קיין געלט בייא דעם בעל הבית פון קנעכט . אבער דוא . ווייל דוא מאנסט געלט בייא דיא בעלי בתים פון דיא קנעכט . זעהט אויס אז דו ארבעסט מיט זייערע קנעכט פאר פראצענט :

(דף ע ע"ב) ז מרבה הונו בנשך והרבית לחונן דלים יקבצנו (משלי כח) מאי לחונן דלים א"ר כגון שבור מלכא :

(דף עא) ח תני רב יוסף (שמות כב) אם כסף תלוה את עמי גוי עמי ונכרי עמי קודם עני ועשיר עני קודם ענייך ועניי עירך ענייך קודמין עניי עירך ועניי עיר אחרת עניי עירך קודמין [אמר מר עמי ונכרי עמי קודם פשיטא אר"נ אמר לי הונא לא נצרכה דאפילו לנכרי ברבית ולישראל בחנם]. תניא א"ר יוסי בא וראה כמה סמיות עיניהם של מלוי ברבית אדם קורא לחבירו רשע יורד עמו עד לחייו והם מביאים עדים ולבלר וקולמוס ודיו וכותבין וחותמין פלוני זה כפר באלהי ישראל. תניא ר"ש בן אלעזר אומר כל מי שיש לו מעות ומלוה אותן שלא ברבית עליו הכתוב אומר (תהלים טו) כספו לא נתן בנשך ושחד על נקי לא לקח עושה אלה לא ימוט לעולם הא למדת שכל המלוה ברבית נכסיו מתמוטטין. והא קא חזינן דלא מוזפי ברבית וקא מתמוטטין

שבור מלכא. מלך פרס היה ונוטל מ ונן מישראל ונותן בהם גוים דלים :
עמי ונכרי. באין ללות עמי קודם : ענייך ועניי עירך. ענייך בהם קרובך וממשפחתך : ענייך קודמין. דכתיב עמך הקרובים לך : עניי עירך קודמין. לעניי עיר אחרת דהנך הוי עמך טפי : יורד עמו עד לחייו. רגיל להתקוטט עמו כאילו הכהו וכאילו בא להורגו ואני שמעתי רשאי לירד לתוך אומנתו של חבירו ולמעט מזונותיו של חבירו וקשה בעיני שיתירו חכמים לישראל להקם ולגזול רעה ועוד דאמרינן בכתובות עד י"ב שנה מהגלגל אדם עם כנו מכאן ואילך יורד עמו לחייו ומאי יורד לתוך אומנות אורח הא לייסרו ולכופו לתורה קאמר: פלוני כפר. שהלוה לישראל. ברבית: מתמוטטין דוק הכי עושה אלה לא ימוט הא אם נתן בנשך ימוט :

ז מרבה. דער וואס מערט זיין פר מעגן דורך פראצענט. וועט ער דס זאמלען פר ארעמע לייט. פר וועלכע ארעמע לייט. האט רב נזאגט אזוי ווי דער מלך שבור פון די מדינה פרס פלעגט טאהן. ער פלעגט נעמען געלט ביי יודין אונ פלעגט צו טיילען די ארעמע גוים.

ח תני. רב יוסף האט גילערונט עס שטייט אין פסוק אויב דוא וועסט פאר בארגין געלט מיין פאלק. אז איוד אונ אגוי קומען בארגין געלט. זאל ער פריער בארגין דעם יודין. אז אארעם מאן אונ אריינער קומען בארגין געלט זאל ער פריער בארגין דעם ארעם מאן. אויב אארעם מאן דיינער אקרוב אונ אארעם מאן כון דיין שטאט קומען בארגין געלט. זאלסטו פריער בארגין דעם ארעם מאן וואס ער איז דיין קרוב. אויב אארעם מאן פון דיין שטאט אונ אארעם מאן פון אפרעמדע שטאט קומען בארגין געלט. זאלסטו פריער בארגין דעם ארעם מאן פון דיין שטאט. פרעגט דיא גמרא פריער שטייט אז איוד אונ אגוי קומען בארגין געלט זאל מען פריער בארגין דעם יוד. געווים דארף מען פריער בארגין דעם יוד. האט רב נחמן גיזאגט הונא האט מיר גיזאגט דער פסוק מיינט אפילו דער גוי וויל געבין פראצענט. אונ דער יוד וויל אומזיסט. זאל מען פריער בארגין דעם יודין. מיר האבען גילערונט רבי יוסי זאגט קום אונ זעה וויא פאר בלענדט זענען דיא אויגין פון דיא מענטשין וואס פאר בארגין געלט אויף פראצענט. אז אמענטש רופט זיין חבר רשע. וועט זיך דער חבר קריגען מיט אים גלייך וויא ער וואלט ביא אים דאס לעבין גינומען. אונ דיא מענטשין וואס פאר בארגין געלט אויף פראצענט זייא ברייגגען עדות אונ אשרייבער אונ אפעדער. טינט צוא שרייבין אונ חתמען דער מענטש האט גיליי קנט אין גאט. גאט האט גיזאגט מען זאל ניט נעמען פראצענט אונ ער נעמט. מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן אלעזר זאגט דער וואס האט געלט אונ ער פאר בארגט זייא ניט אויף פראצענט. אויף אים זאגט דער פסוק זיין געלט האט ער ניט גיגעבין אויף ביסונג. אויף פראצענט. אונ ער האט ניט גינומען שוחד צו בעשולדיגען דעם פרומען אונ דעם גירעכטין. דער וואס טוהט דיא אלע זאכין וועט זיך ניט אוים גליטשען אויף אייביג. ער וועט זיין פאר מעגן ניט פאר לירען אויף אייביג. לערנען מיר פון דאנען דער וואס פאר בארגט יא זיין געלט אויף פראצענט. וועט זיין פארמעגין פארלארין ווערין. פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך דיא וואס פאר בארגין ניט אויף פראצענט אונ פון דעסטוועגין פארלירען זייא זייער פאר מעגין. האט

הללו מהני. נטין ועולין והללו כו'. והכי משמע קרא עושה אלה לא ימוט לעולם כלומר ואם ימוט אין מוטהו מוטה עולה אבל הנותן בנשך ימוט לעולם: צדיק גמור אינו בולע. ואע"פ שמתמוטט עולה ואינו נבלע לעולם:

תקיף. כופה: גוהרקא. עגלה מוכנת למרכבת אדם ובלשון אשכנז רייטוואגן: בהם תעבודו. ובאחיכם נמי תעבודו:

מספידין. כדאמרינן בפרקין מתמוטטין לעולם: משה חכם. ליכא מעליא נקט: לא

מתמוטטין אמר רבי אלעזר הללו מתמוטטין ועולים והללו מתמוטטין ואינם עולים (חבקוק א) למה תביט בוגדים תחריש בבלע רשע צדיק ממנו א"ר הונא צדיק ממנו בולע צדיק גמור אינו בולע:

(דף ע"ג ע"ב) ט רב סעורם אחוה דרבא הוה תקיף אנשי דלא מעלי ומעייל להו בגוהרקא דרבא אמר ליה רבא שפיר קעבדת דתניא ראית שאינו נוהג כשורה מנין שאתה רשאי להשתעבד בו ת"ל (ויקרא כה) לעולם בהם תעבודו ובאחיכם יכול אפילו נוהג כשורה ת"ל ובאחיכם בני ישראל איש באחיו וגו':

(דף עה ע"ב) י תניא רשב"י אומר מנין לנושה בחברו מנה ואינו רגיל להקדים לו שלום שאסור להקדים לו שלום ת"ל (דברים כג) נשך כל דבר אשר ישך אפילו דבור אסור:

יא תניא ר"ש אומר מלוי ברבית יותר ממה שמרויחין מפסידין ולא עוד אלא שמשימין משה רבינו חכם ותורתו אמת ואומרים אילו היה יודע משה רבינו שהיה ריוח בדבר לא היה כותבו. כי אתא רב דימי אמר מנין לנושה בחברו מנה ויודע שאין

---

רבי אלעזר גיזאגט דיא וואס פאר בארגן ניט אויף פראצענט אויב זייא פארלירען זייער פארמעגן ווערין זייא צוריק רייך. אונ דיא וואס פאר בארגן אויף פראצענט פאר לירען זייער פארמעגן אונ ווערין ניט צוריק רייך. אין פסוק שטייט חבקוק הנביא האט גיזאגט פאר גאט פאר וואס קוקסטו אויף דיא פאלשע מענטשין דוא שווייגסט אז דער רשע שלינגט איין דעם וואס ער איז פרימער פאר אים. האט רב הונא גיזאגט דער רשע קען נאר איין שלינגען דעם וואס ער איז פרימער פאר אים. אבער דעם אמת'ן צדיק קען ער ניט איין שלינגען:

ט רב סעורם דער ברודער פון רבא פלעגט כאפין מענטשין וואס זענען ניט גוט ניט פרום אונ פלעגט זייא איינשפאנען אין דעם רייטוואגין פון רבא. האט רבא גיזאגט צוא זיין ברודער דוא טוהסט גוט. ווארום מיר האבען גילערנט אז דוא זעהסט אמענטש וואס פירט זיך ניט וויא איוד דארף זיך פירען. פון וואגען ווייסין מיר אז דוא מעגסט ארבעטין מיט אים. שטייט אין פסוק אייביג זאלט איר דינען מיט זייא אונ מיט אייערע ברידער. איר זאלט ארבעטין מיט דיא גוישע קנעכט אונ מיט אייערע ברידער אויך. איך וואלט מיינען אפילו דער יוד וואס פירט זיך וויא איוד דארף זיך פירען מעג מען אויך מיט אים ארבעטין. שטייט אין פסוק מיט אייערע ברידער דיא יודין איין ברודער מיט דעם אנדערין זאל ניט שווער ארבעטין:

י תניא. מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן יוחי זאגט למשל אז ראובן מאנט בייא שמעון הונדערט גילדין. אונ ביז איצט פלעגט שמעון ניט זאגין צו ראובן פריער גוט מארגין. נאר אז ראובן האט צו שמעון גזאגט גוט מארגין. האט שמעון אים גיענפערט צוריק גוט מארגין. אדער גוט יאהר. אונ היינט אז שמעון האט גיבארגט געלט בייא ראובן. וויל שמעון איהם זאגין פריער גוט מארגין. פון וואגען ווייסין מיר אז דאס טאר מען ניט. שטייט אין פסוק נשך כל דבר אשר ישך. דו זאלסט ניט נעמען קיין בייסונג. אלע רייד פון בייסונג זאלסטו ניט נעמען. אפילו פראצענט פון רייד טאר מען אויך ניט נעמען.

יא תניא. מיר האבען גילערנט רבי שמעון זאגט דיא מענטשין וואס פאר בארגן געלט אויף פראצענט. האבען שאדין מער וויא זייא פאר דינען. אונ נאך מער זייא מאכין משה רבינו פאר אנאר. אונ זיין תורה פאר אליגען. זייא זאגין ווען משה רבינו וואלט וויסען אז עס איז אפאר דינסט פון דעם פראצענט. וואלט ער גאר ניט געשריבען אז מען טאר ניט. אז רב

דימי

הויה לו כנושה. לא תהא בעיניו כנושה׳ בו שירא׳ ויבוש: לראשנו. ל׳ נושה כדמתרג׳ כרשיא הרי אנו כאלו בשני דינים: עובר משום לפני עור. שעולה על רוחו של לוה לכפור: קללה. כשהובעו וזה כופר הכל מקללין אותו ואומרים שהוא דובר על צדיק עתק: ומשתלי. ישכח הל אותי והגרום קללה לעצמו: ג׳ צועקים. בב״ד של מטה: ואין נענין. שהרי הם גרמו לעצמן: קונה אדון לעצמו. מפרש לקמן: הולה מעותיו בנכרי. אמר מעות שלי משתמש בהן של פלוני

שאין לו שאסור לעבור לפניו ת״ל (שמות כב) לא תהיה לו כנושה ר׳ אמי ור׳ אסי דאמרי תרוייהו כאילו דנו בשני דינין שנאמר (תהלים סו) הרכבת אנוש לראשנו באנו באש ובמים. אמר רב יהודה אמר רב כל מי שיש לו מעות ומלוה אותם שלא בעדים עובר משום (ויקרא יט) ולפני עור לא תתן מכשול וריש לקיש אמר גורם קללה לעצמו שנא׳ (תהלים לא) תאלמנה שפתי שקר הדוברות על צדיק עתק אמרי ליה רבנן לרב אשי קא מקיים רבינא כל מה דאמור רבנן שלח ליה בהדי פניא דמעלי שבתא לישדר לי מר עשרה זוזי דאתרמי לי קטינא דארעא לזבן שלח ליה ניתי מר סהדי ונכתב כתבא שלח ליה אפילו אנא נמי שלח ליה כ״ש מר דטריד בגירסא ומשתלי וגורם קללה לעצמו. ת״ר ג׳ צועקים ואינם נענים ואלו הן מי שיש לו מעות ומלוה אותם שלא בעדים. והקונה אדון לעצמו. ומי שאשתו מושלת עליו. הקונה אדון לעצמו מאי היא א״ד תולה נכסיו בנכרי א״נ הכותב

נכסיו

---

דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל האט ער גזאגט פון וואגען הייסין מיר אז איינער מאנט בייא זיין חבר הונדערט גילדין אונ ער ווייסט אז דער חבר האט ניט צו בצאהלין. אז ער טאר ניט גיין פאר בייא זיין חבר. ווארום דער חבר וועט פארשעמט ווערין. שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט זיין צו אים אזוי וויא אמאנער. אז דו וועסט גיין פאר בייא אים וועט ער מיינען דו מאנסט אים. רבי אמי אונ רבי אסי זאגין ביידע עס איז גלייך וויא ער וואלט אים געמשפט מיט צווייא דינים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו האסט גימאכט רייטין אבענטשין ודו האסט גרוים גימאכט אמענטשין ער זאל אונז מאנען. זענען מיר גיקומען אין פייער אונ אין וואסער. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין דער וואס האט געלט אונ ער פאר בארגט זייא אן עדות. איז ער עובר אויף אלאו פאר אבלינדין זאלסטו ניט געבין אשטרויכלונג. ווארום ער האט גיבראכט דער צו אז דער לוה זאל לייקענען דאס געלט. אונ ריש לקיש זאגט דער מלוה ברייננט נאך אויף זיך קללות. ווארום אז ער מאנט בייא זיין חבר דאס געלט. אונ דער חבר לייקנט. וועלין אנדערע זאגין אז דער חבר האט טאקי ניט גיבארגט. אונ ער מאנט אומזיסט. וועט מען אים פלוכין מיט קללות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאלין פאר שטומט ווערין דיא פאלשע לעפצין וואס זייא ריידין אויף דעם צדיק שטארקע רייד. דא וועט מען אויך זאגין. דער לוה איז אצדיק. ער האט גאר ניט גיבארגט. אונ דער מלוה איז ארשע ער מאנט אומזיסט. וועט מען אים פלוכין. דיא רבנן האבען גזאגט צו רב אשי רבינא איז מקיים אלץ וואס דיא רבנן זאגין. אמאהל האט גיטראפין ערב שבת פארין נאכט האט רב אשי גשיקט צו רבינא ער זאל אים בארגין צעהן גילדין. עס האט זיך מיר גיטראפין צו קויפין אשטיקול פעלד פערט מיר צו צעהן גילדין. האט רבינא געשיקט צוא רב אשי ברייננ עדות אונ שרייב אוועקסיל וועל איך דיר בארגין. האט רב אשי געשיקט צוא רבינא אפילו איך דארף אויך האבען עדות מיט אוועקסיל. האט רבינא געשיקט צוא רב אשי דוא דארפסט געוויס האבען עדות מיט אוועקסיל. ווייל דוא ביסט שטענדיג פאר נומען מיט דיין לערנען וועסטו פאר געסין. אונ אז איך וועל דיך מאנען אונ דוא וועסט זאגין מיר קומט ניט. וועט מען מיך פלוכין איך מאן דיך אומזיסט. דיא רבנן האבען גילערנט דריי שרייען צוא בית דין. אונ בית דין ענפערין זייא ניט. ווייל זייא האבען אליין גיבראכט אויף זיך דיא שרעקין. דאס זענען דיא דרייא. דער וואס האט געלט אונ ער פאר בארגט זייא אן עדות. דער נאך אז דער לוה לייקנט. ווער קען אים בית דין העלפין. אונ דער וואס קויפט אבעל הבית אויף זיך. אונ דער וואס זיין ווייב גיוועלטיגט אויף אים. זאגט דיא גמרא וואס מיינט מען ער האט גיקויפט אבעל הבית אויף זיך. אנדערע

זאגין

נכרי סס שלא שהביא את עצמו וסעמים שהכרי שומע ומעמיד עדים וקונעו בדיניהם : דהאי למתחדיה לבעה״ב כנודר והיינו מקיים שמעו עליו שאמר ליקח טלית לפלוני עני ולא קנה לו :

נכסיו לבניו בזיוו א״ד דביש ליה בהא מתא ולא אזיל למתא אחריתי :

## האומנין פרק ששי

(דף עח) א ומשנה השוכר את החמור להוליכה בהר והוליכה בבקעה וכו׳ ומתה חייב

ואמרי בגמ׳ הא מני רבי מאיר היא דאמר כל המעביר על דעתו של בעל הבית (ע״ב) נקרא גזלן ואמרי בגמ׳ הי ר״מ וכו׳ אלא הא ר׳ מאיר דתניא] ר״ש בן אלעזר אומר משום ר״מ הנותן דינר לעני ליקח לו חלוק לא יקח בו טלית טלית לא יקח בו חלוק מפני שמעביר על דעתו של בעה״ב ודלמא שאני ההם דאתי למיחשדי׳ דאמרי אינשי אמר פלניא זבנינא ליה לבושא לפלוני עניא ולא זבן ליה א״נ זבנינא ליה גלימא ולא זבן ליה

---

וואגין דער מענטש פרעגט אלין זאגין או זיין פאר מעגין גיהער צו דעם גוי ווייל ער האט ניט גיוואלט ווייזין אז ער איז רייך . דער חייל האט מען דאס דער צוילט דעם גוי . איז דער גוי גיקומען מיט עדות אונ האט צוא גינומען דעם מענטשינס פאר מעגין . וואס קען איצט דער מענטש שרייען . אנדערע זאגין דער וואס שרייבט אפ זיין פאר מעגין צוא זיינע קינדער ווען ער לעבט נאך . דיא קינדער וועלין צוא גענמען דאס פאר מעגין אונ ער וועט בלייבין א ארעם מאן . וואס קען איצט דער מענטש שרייען . אנדערע זאגין אז איינעם איז שלעכט אין די שטאט אונ ער גייט ניט אין איין אנדער שטאט :

## פרק ששי

א משנה : השוכר . אז איינער הט גדונגען א אייזיל ער זאל מיט אים פארין אויף א בארג . אונ ער איז מיט אים גיפארין אין א טאהל . אונ דער אייזיל איז גיפייגערט דארף ער בצאהלין . זאגט די גמרא די משנה איז גילערנט גיווארין אזוי ווי רבי מאיר . וואס ער זאגט דער וואס טוהט אנדערש וויא דער בעל הבית האט אים גיהייסען . הייסט ער א גזלן . זאגט דיא גמרא וואו האט דאס רבי מאיר גזאגט . ווארום מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן אלעזר האט גזאגט פון רבי מאירס וועגין אז איינער גיט א גילדין צוא א ארעם מאן ער זאל קויפען פאר דעם גילדין א העמד . זאל ער ניט קויפען פאר דעם גילדין א קלייד . אונ אז ער האט גזאגט צום ארעם מאן ער זאל קויפען פאר דעם גילדין אקלייד טאר ער ניט ענדערין זיינע רייד אונ קויפען פאר דעם גילדין א העמד . ווייל ער טאר ניט אנדערש טאהן נאר וויא דער בעל הבית הייסט אים . זעהן מיר אז רבי מאיר האלט מען טאר ניט טאהן אנדערש וויא דער בעל הבית הייסט . פרעגט דיא גמרא טאמער איז דארט א אנדער טעם וואס דער ארעם מאן טאר ניט ענדערין וויא דער בעל הבית זאגט אים . ווייל מען וועט דעם בעל הבית חושד זיין ער האט ניט מקיים גיוועז דעם נדר . למשל מען האט גיהערט דער בעל הבית האט גזאגט ער וועט קויפען פאר דעם ארעם מאן א קלייד וואס הייסט לבושא . (אאובער קליידו . אונ דער בעל הבית האט טאקי גיגעבין דעם ארעם מאן געלט ער זאל קויפען אאובער קלייד אונ דער ארעם מאן האט גיקויפט פאר דעם געלט א העמד . אז מענטשין וועלין זעהן דער ארעם מאן האט ניט קיין קלייד . וועלין זייא זאגין דער בעל הבית האט גזאגט איך וועל קויפען א קלייד פאר יענעם ארעם מאן אונ ער הט ניט גקויפט . אונ זייא וועלין ניט וויסען אז ער האט מקיים גיוועז זיין נדר אונ ער האט טאקי גיגעבין געלט צום ארעם מאן אויף א קלייד נאר דער ארעם מאן האט ניט גיקויפט . אדער דער בעל הבית האט גזאגט צום ארעם מאן ער וועט קויפען פאר אים א קלייד וואס הייסט גלימא . א קאפאטע . אונ דער בעל הבית האט טאקי גיגעבין דעם ארעם מאן געלט ער זאל קויפען א קאפאטע . אונ דער ארעם מאן האט גיקויפט פר דעם געלט איין אנדער מלבוש . אז מענטשין וועלין זעהן דעם ארעם

אם כן ליתני מפני החשד מאי מפני שמעביד על דעתו של בעה"ב ש"מ משום דשני הוא וכל המעביר על דעת בעה"ב נק"א גזלן :

ב [פיסקא] השוכר את החמור והבריקה או שנעשית אנגריא אומר לו וכו'. מאי והבריקה הכא תרגימו נהוריתא רבא אמר אבוקת ההוא דא"ל אבוקת בכלתא דמלכא א"ל במאי בטלי כסף או בטלי דהב א"ד בטלי כסף אמר וקטלוהו א"ר בטלי דהב אמר ושבקוהו :

(דף עט ע"ב) ב ת"ר השוכר את החמור לרכוב עליה איש לא תרכוב עליה אשה אשה רוכב עליה איש ואשה בין גדולה ובין קטנה אפילו מעוברת ואפילו מניקה השתא מניקה אמרת מעוברת מבעיא. אמר רב פפא מעוברת והיא מניקה קאמר

נהוריתא. מולי"א בלע"ז היולא בחמור הטין :
אבוקת י'. התולעים התליעו רגליה :
אבוקת במלתא דמלכא. להיות עם באיכל פילגים של אוצר המלך : בטלי כסף. כלי ספחן : בטלי דהב. כלי נמר נביעים חדוש : וקטלוהו שאין עם אוכל כלי פסין :
ואשה בין גדולה בין קטנה. פכק לרכוב עליה אשה מרכיב עליה כל אשה שירצה בין שהיא גדולה בין שהיא קטנה ושהיא מניקה. שהיא ב' גופים והולד לבד אמרת הרכב עם ולדה : מעוברת. דחד גופא היא

---

מאן האט ניט קיין קאפאטע. ווערין זיא זאגין דער בעל הבית האט ניט מקיים גיוועזן זיין נדר. אונ אין אמת האט דער בעל הבית זיין נדר מקיים גיוועזן. ער האט דעם ארעם מאן גיגעבין געלט אויף אקאפאטע. נאר דער ארעם מאן האט ניט גיקויפט. דריבער טאר ניט דער ארעם מאן קויפען פאר דעם געלט נאר וואס דער בעל הבית הייסט אים. אבער איין אנדערער מעג יא ענדערין דיא רייד פון בעל הבית. ענטפערט דיא גמרא אויב דער טעם איז ביי דעם ארעם מאן מען זאל ניט חושד זיין דעם בעל הבית. זאל באלד דיא גמרא זאגין דריבער זאל דער ארעם מאן קויפען וואס דער בעל הבית הייסט אים מען זאל ניט חושד זיין דעם בעל הבית. פאר וואס זאגט דיא גמרא דעם טעם ער זאל ניט ענדערין דיא רייד פון בעל הבית. גיוויס מיינט מען ניט ווייל מען וועט חושד זיין דעם בעל הבית. נאר אן חושד זיין טאר מען אויך ניט ענדערין דיא רייד פון בעל הבית. ווארום ווער עס ענדערט דיא רייד פון בעל הבית הייסט ער אגזלן :

ב פיסקא. השוכר. אז איינער האט גידונגען אאייזיל והבריקה. אדער מען האט גינומען דעם אייזיל צוא דיא ארבעט פון מלך: פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען והבריקה. דא אין בבל זאגט מען והבריקה איז דער טייטש זיא איז בלינד גיווארין. זיא האט בעקומען אפעלער אויף דיא שווארציל פון אויג. רבא זאגט והבריקה מיינט מען אבוקת. ווערעם האבען צוא געסין די פיס פון דעם אייזיל. איינער האט אמאהל גזאגט אבוקת במלתא דמלכא. איך האב גיזעהן ווערעם האבען צוא געסין דיא קליידער פון מלך. האט מען ביי אים גיפרעגט וועלכע קליידער. דיא לייוואנדענע קליידער וואס זייא גלאנצין וויא זילבער. אדער דיא וואלענע קליידער וואס זייא זענען גיפארבט וויא גאלד. אנדערע זאגין ער האט גזאגט דיא לייוואנדענע קליידער האבען דיא ווערעם צוא געסין. האט מען אים גיהרגת. ווייל ער האט גזאגט ליגען. ווערים עסין ניט קיין לייוואנד. אנדערע זאגין ער האט גיזאגט דיא וואלענע קליידער האבען דיא ווערעם צוא געסין: האט מען איהם אוועק גילאזט. ווייל עס קען זיין עס איז אמת. ווארום ווערעם עסין וואל:

ג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אז איינער דינגט אאייזיל אויף אים זאל רייטען אזכר. טאר ניט רייטין אויף אים אאשה. אונ אז ער האט גידונגען דעם אייזיל אויף אים זאל רייטען אאשה. מעג אזכר אויך רייטין אויף אים. אונ אז ער האט גידונגען דעם אייזיל אויף אים זאל רייטען אאשה. מעגין רייטין אויף אים אלע ערליי ווייבער. אגרויסע אונ אקליינע אפילו אמעוברתה. אונ אפילו אאשה וואס זייגט אקינד מעג זיא רייטען אויף דעם אייזיל מיט דעם קינד. פרעגט דיא גמרא אז דוא זאגסט אאשה וואס זייגט אקינד מעג זיא רייטען אויף דעם אייזיל

קאמר אמר אביי ש"מ בניתא אכריסה הקלא למאי נ"מ למקח וממכר :

(דף פג) ג רבה בר בר חנה תברי ליה הנהו שקולאי חביתא דחמרא שקל לגלימייהו אתו אמרו לרב א"ל הב להו גלימייהו א"ל דינא הכי א"ל אין (משלי ב) למען תלך בדרך טובים יהיב להו גלימייהו אמרי ליה עניי אנן וטרחינן כולי יומא וכפינן ולית לן מידי אמר ליה זיל הב להו אגרייהו אמר ליה דינא הכי א"ל אין (שם) וארחות צדיקים תשמור :

יבעיא : ש"מ . מדקתני אפי' מעוברת דמשמע שאמעוברת כבדה מן הריקניה : בלי בניתא. דג שנמכר בשוק במשקל: אכריסה הקלא לפי כריסה כובדה אם כריסה גדול משקלה יותר: למקח וממכר. אם ראית דג שכריסו גדול אל תקנהו במשקל אלא א"כ יוציא את מעיו :
שקולאי . מבלי משאות : תברי ליה . שלא במקום מדרון ונפשעה : בדרך טובים לפנים משורת הדין : וארחות צדיקים תשמור . כיסיה דקרא הוא :
אלו רשעים שבו . שמניחין להם יכולת להלך ברשעתם ואין נפרעין מהם : תורח השמש לעוה"ב :

## הפועלים פרק שביעי

(פ"ג) א דרש רבי זירא ואמרי לה תנא רב יוסף מ"ד (תהלים קד) תשת חשך ויהי לילה בו תרמוש כל חיתו יער תשת חשך ויהי לילה זה העולם הזה שדומה ללילה בו תרמוש כל חיתו יער אלו רשעים שבו שדומין לחיות שביער תזרח השמש יאספון

---

אייזיל מיט דעם קינד וואס דאס זענען צוויי מענטשין . ווייסען מיר שוין אהיין אז אמעוברהה מעג נעווים רייטען אויף דעם אייזיל . צוא וואס דער ציילט ד א גמרא אז אמעוברהע מעג רייטין אויף דעם אייזיל . האט רב פפא געזאגט דיא גמרא מיינט אז זיא איז מעוברת אונ זייגט אויך . מעג זיא רייטען אויף דעם אייזיל מיט דעם קינד . אביי זאגט וייל דיא גמרא לערונט אפילו אמעוברהע מעג אויך רייטען אויף דעם אייזיל . זעהן מיר אז אמעוברהע אשה איז שווערער וויא אליידיגע . ווייסען מיר אז אפיש ווענט נאך דעם בויך . אז ער האט אגרויסען בויך וועגט ער שווערער . דאס דארף מען ווייסען געגין קויפען . אז מען קויפט פיש זאל מען ניט קויפען אפיש מיט אגרויסען בויך . וויל דיא קישקעס וועגין פיל :

ד רבה בר בר חנה האט גידונגען טרעגערס זי א זאלין טראגין פעסער ויין . האבען דיא טרעגערס צוא בראכען אפאס וויין . האט רבה צוא גינומען זייערע קליידער זייא זאלין אים בצאלין פאר דיא פאס וויין . זענען דיא טרעגערס גיקומען צוא רב אונ האבען אים דער ציילט . הט רב גזאגט צו רבה גיב זייא זייערע קליידער . האט רבה גזאגט צו רב איז דער דין אזוי . הט רב גזאגט צוא רבה יא אזוי דארף זיין . דוא זאלסט גיין אין גוטען וועג . אפילו עס קומט זייא זאלין בצאלין פון דעסטוועגין זאלסטו זייא שיינקען . האט רבה זייא צוריק גיגעבין זייערע קליידער . האבען דיא טרעגערס גזאגט צו רב מיר זענען ארעמע לייט אונ מיר האבען גיארבעט אגאנצין טאג אונ מיר זענען הונגעריג אונ מיר האבען ניט וואס צוא עסין . האט רב גזאגט צוא רבה גייא בצאהל זייא פאר זייער ארבעט . האט רבה גזאגט צוא רב איז דער דין אזוי אז איך זאל זייא בצאהלין . האט רב גזאגט יא דוא דארפסט זייא בצאהלין . וויל דוא דארפסט היטען די וועג פון דיא צדיקים :

## פרק שביעי

א דרש . רבי זירא האט גידרשת . אנדערע זאגין רב יוסף האט דאס גילערנט . עס שטייט אין פסוק דו האסט גימאכט פינסטערניס זאל זיין בייא נאכט . בייא נאכט קריכען ארום אלע חיות אין וואלד . דו האסט גימאכט פינסטערניס זאל זיין בייא נאכט . דאס מיינט מען דיא וועלט וואס זיא איז גליך צו נאכט . קריכען ארום אלע חיות אין וואלד . דאס מיינט מען דיא רשעים וו ס זענען אויף דער וועלט . וואס זייא זענען גליך צוא דיא חיות וואס אין וואלד . אז דיא זוהן הייבט אן צוא שיינען ווערין זייא פאר זאמעלט . אונ זייא גייען זיך לייגין אין זייערע וואהנונגען

יאספון ואל מעונותם ירבצון תזרח השמש לצדיקים ויאספון רשעים לגיהנם ואל מעונותם ירבצון אין לך כל צדיק וצדיק שאין לו מדור לפי כבודו יצא אדם לפעלו יצאו צדיקים לקבל שכרן ולעבודתו עדי ערב במי שהשלים עבודתו עדי ערב:

ב רבי אלעזר ברבי שמעון אשכח לההוא פרהגונא דקא תפיס גנבי א״ל היכי יכלית להו לאו בחיותא מתילי דכתיב בהו בו תרמוש כל חיתו יער א״ד מהאי קרא קאמר ליה (תהלים י) יארוב במסתר כאריה בסכה דלמא שקלת צדיקי ושבקת רשעי א״ל מאי איעביד הורמנא דמלכא הוא א״ל תא אגמרך היכי תעביד עול בארבע שעי לחנותא כי חזית איניש דקא שתי חמרא וקא נקיט כסא בידיה וקא מנמנם שאיל עילויה אי צורבא מרבנן הוא וניים אקדומי קדים לגירסיה, אי פועל הוא קדים קא עביד עבידתיה אי עבידתי׳ בליליא רדודי רדיד ואי לא גנבא הוא ותפסיה אשתמע

ואל מעונותם ירבצון. לצדיקים: עדי ערב. עד יום מותם: פרהגונא. ממונה של מלך: תפיס גנבי. כוד, אחריהם ותופסן: היכי יכלת להו. להבין מחשבותם; לאו כחיותא מתילי. וכי לא כחיות משלו שמתחבאות ביום במסתריהם: דלמא. כגי דשקלת צדיקי נינהו: הורמנא דמלכא הוא. מצות המלך היא: בארבע שעי. שהיא שעת סעודה והכל נכנסים בחנויות: וסועדין: אקדומי אקדים לגירסיה. השכים בעוד לילה ולכך הוא מנמנם: ואי פועל הוא. שכיר יום: ואי עבידתיה בליליא. אומן שמלאכתו בלילה: רדודי רדיד. תרגום וירקעו את פחי ורדידו מוחא הוטי נחשת וברזל לעשות מחטים ואומנותו בלילה לפי שמושכין בכלי אומנותו שמנוקב בנקבים דקים זה דק מזה ואין קולו נשמע בלילה ואפי׳ לא נשמע קול פטיש בביתו באותו לילה אין לך לתופסו על כך דילמא רדודי רדיד: גנבא הוא. ולכך הוא ישן שניעור בלילה לארוב עוברי דרכים או לחתור

---

וואהנונגען. דיא זוהן וועט אויף שיינען צו דיא צדיקים. אונ דיא רשעים וועלין ווערין פארזאמעלט אין גיהנם. אין זייערע וואהנונגען וועלין זייא ליגען. יעדער צדיק האט אוואהנונג אין גן עדן נאך זיין כבוד. דער מענטש גייט ארויס צו זיין ארבעט: דיא צדיקים וועלין ארויס גיין נעמען שכר פאר זייער תורה אונ מצות. צו זיין ארבעט גייט ער ביז נאכט דאס מיינט מען דעם צדיק וואס האט אויס גיקאזן זיין ארבעט ביז נאכט. ער האט גילערנט תורה אונ האט געהיט מצות ביז ער איז גישטארבין:

ב רבי אלעזר ברבי שמעון האט אמאהל גיטראפין איינעם פון דיא פאליציי וואס ער זוכט גנבים אונ חאפט זייא. האט רבי אלעזר גיזאגט צו דעם שר וויא אזוי קענסטו חאפין דיא גנבים. זייא זענען דאך גלייך צוא דיא חיות וביי טאג זענען זייא בעהאלטין. אונ ביי נאכט טוהן זייא אויך זייערע זאכין מיט גרוים חכמה. אזוי וויא דער פסוק זאגט אויף זייא ביי נאכט קריכען ארום אלע חיות אין וואלד. דאס מיינט מען דיא רשעים קריכען ארום אויף דער וועלט אזוי וויא חיות. אנדערע זאגין פון דעם פסוק האט רבי אלעזר גיזאגט צום שר דער רשע לאקערט אין פאר בארגעניש אזוי וויא דער לייב ליגט אין זיין ביידיל אונ לאקערט צוא פאנגען. טאמער דיא וואס דו האפסט זענען צדיקים. אונ דיא רשעים לאזטו ארום גיין. האט דער שר גיזאגט צו רבי אלעזר וואס קען איך טאהן דאס איז אגיבאט פון קיסר אויף מיר אז איך מיז חאפין דיא גנבים. האט רבי אלעזר גיזאגט צום שר קום איך וועל דיך לערנען וויא זוא זאלסט טאהן. אז עס וועט קומען דיא פערטע שעה אויפין טאג זאלסטו אריין גיין אין דיא שיי נקען ווא מען פארקויפט עסין אונ טרינקען. אז דוא וועסט זעהן אמענטש זיצט אונ טרינקט וויין. אונ ער האלט דיא גלאז וויין אין האנט אונ שלאפט. זאלסטו פרעגין אויף אים ווער ער איז. אויב ער איז אלמדן אונ שלאפט. איז ער געווים אויף גישטאנען גאנץ פריא לערנען. שלעפערט אים איצט. אויב ער איז אארבעטער איז ער געווים אויף גיעטאנען גאנץ פריא צוא זיין ארבעט. אויב זיין ארבעט איז ביי נאכט: האט ער געווים גיארבעט אגאנצע נאכט. שלעפערט אים איצט. אויב ער איז ניט אלמדן אונ ניט אארבעטער. דריבער איז ער געווים אגנב. איז ער אויף גיוועזן אגאנצע נאכט מעגסטו אים חאפין. דיא עצה פון רבי אלעזר איז גיהערט גיווארין ביי דעם מלך. דאט מען

כותים: קריינא דאגרתא. מכל הוא: פרוונקא. שליח: חומץ בן יין. רשע בן צדיק: יבא בעל הכרם. הקב"ה כי כרם ה' צבאות בית ישראל: ויכלה. ויטול את קוציו כל כרם: קרי עליה. על הכובס: וקפוהו הלחיהו: קם. רבי אלעזר: תותי זקי א. המת פתן: על נערה המאורסה. שהיא בסקילה וכל סכקלין נתלין: ודאות שלכם. מקום שיש

**אשתמע מלתא בי מלכא אמרו קריינא דאגרתא איהו ליהוי פרוונקא אתיוה לרבי אלעזר ברבי שמעון וקא תפיס גנבי ואזיל שלח ליה ר' יהושע בן קרחא חומץ בן יין עד כתי אתה מוסר עמו של אלהינו להריגה שלח ליה קוצים אני מכלה מן הכרם. שלח ליה יבא בעל הכרם ויכלה את קוציו. יומא חד פגע בו ההוא כובס קרייה תומץ בן יין אמר מדחציף בולי האי ש"מ רשיעא הוא אמר להו תפסוהו ותפסוהו לבתר דנח דעתיה אזל בתרייהו לפרוקיה ולא מצי קרי עליה (משלי כא) שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו זקפוהו כם תותי זקיפא וקא בכי א"לרבי אל ירע בעיניך שהוא ובנו בעלו נערה מאורסה ביום הכפורים הניח ידו על בני מעיו ואמר שישו בני מעי שישו ומה ספקות שלכם כך ודאות שלכם עאכ"ו מובטח אני בכם שאין רמה ותולעה שולטת בכם ואפ"ה לא סיתבא דעתיה אשקייה סמא דשינתא ועיילוה לביתא דשישא וקרע לכ יכיה הוו ספקי מיניה דיקולי**

---

גיזאגט דער וואס קען גייענען דעם בריף. דער זאל זיין דער שליח אוועק צו טראגן דעם בריף. דאס איז אמשל אויף רבי אלעזר. וויל רבי אלעזר ווייס דיא עצה וויא אזוי צו חאפין גנבים. זאל ער זייא גיין חאפין. האט מען גיבראכט רבי אלעזר ברבי שמעון פאר דעם מלך אונ מען האט אויף אים גיבאטין ער זאל חאפין דיא גנבים. אונ ער פלעגט זייא חאפין. האט רבי יהושע בן קרחה געשיקט צוא רבי אלעזר דוא ביסט עסיג דער זוהן פון וויין. דוא ביסט א רשע דער זוהן פון אצדיק. ביז וויא לאנג וועסטו איבער געבין דיא פאלק פון אונזער גאט צום הרגנן. האט רבי אלעזר געשיקט צוא רבי יהושע איך נעם ארויס דיא דערנער פון ווין גארטין. איך נעם ארויס דיא רשעים פון דיא יודין. האט רבי יהושע געשיקט צוא רבי אלעזר זאל קומען דער בעל הבית פון דעם ווין גארטין אונ ער זאל ארויס נעמען זיינע דערנער. זאל גאט אליין ארויס נעמען דיא רשעים. אמאהל האט אוועשער בגעגינט רבי אלעזר בן שמעון. האט דער וועשער גירופין אויף רבי אלעזר דו ביסט עסיג דער זוהן פון ווין. האט רבי אלעזר גיזאגט וויל ער איז אזוי אעזות פנים. געוויס איז ער ארשע. האט רבי אלעזר גיזאגט צו זיינע מענטשין חאפט אים. האבין זייא אים גיחאפט. דער נאך וו א עס איז געשטילט גיווארין דער כעס פון רבי אלעזר אויף דעם וועשער. איז ער געגאנגען נאך זיינע מענטשין אונ האט זייא גיבעטין זייא זאלין אים אפ לאזין. אונ זייא האבען אים ניט גיוואלט אפ לאזין. האט רבי אלעזר גילייענט דעם פסוק אויף דעם וועשער. דער וואס היט זיין מויל אונ זיין צונג ער זאל ניט ריידין וואס מען דארף ניט) היט ער זיין לייב פון צרות. אונ דעם וועשער האט מען אויף גיהאנגען. איז רבי אלעזר גישטאנען אונטער דעם גיהאנגענעם אונ האט גיוויינט. האבען מענטשין גיזאגט צו רבי אלעזר רבי זאל דיך ניט מצער זיין אויף דעם וועשער וואס מען האט אים גיהאנגען. ווארום ער מיט זיין זוהן האבען מזנה גיוועזען אום יום כפור מיט אמיידיל וואס אתתן האט איר מקדש גיוועזן. האט רבי אלעזר גילייגט זיינע הענט אויף זיין בויך אונ האט גזאגט פרייט אייך מיינע גידערים איר זאלט אייך פרייען. מאראך אויף דיא מענטשין וואס אייך איז גיוועזן אספק אויב זייא זענען רשעים: איז דער וואס גיווארין אז זייא זענען רשעים. ווא אייך איז נאגט צוא געוויס אז זייא זענען רשעים. איז טאקי געוויס אז זייא זענען רשעים. איך בין פאר זיכערט אויף אייך מיינע גידערים אז דיא ווערעם פון קבר וועלין אויף אייך ניט גיוועלטיגען. זאגט דיא גמרא פון דעסטוועגין איז רבי אלעזר ניט בערוהיגט גיוועזן. טאמער האט מען דורך אים גיהרגת ערליכע מענטשין אויך. האט מען אים ניגעבין טרינקען אשלאף טרונק. אונ מען האט אים אריין גינומען אין אשטוב פון מארמער שטיין אונ מען האט אויף גישפאלטין זיין בויך אונ מען האט ארויס גינומען פון זיין בויך קערב פול מיט פעטס. אונ מען האט דיא פעטס

גילייגט

ריקולי דיקולי דתרבא ומותבי בשמשא בתמוז ובאב ולא מסריה כל תרבי נמי לא סריח כל תרבי לא סריח שורייקי סומקי מסריח הכא אף ע"ג דאיכא שורייקי סומקי לא מסריח קרי אנפשיה (תהלים טז) אף בשרי ישכון לבטח ואף רבי ישמעאל בר' יוסי מטא (דף פד) כי האי מעשה לידיה פגע ביה אליהו א"ל עד מתי אתה מוסר עמו של אלהינו להריגה אמר ליה מאי איעביד הורמנא דמלכא הוא א"ל אביך ערק לאסיא את ערק ללודקיא :

ג כי הוו מקלעי רבי ישמעאל ברבי יוסי ורבי אלעזר ברבי שמעון בהדי הדדי הוה עייל בקרא דתורי בינייהו ולא הוה נגען בהו אמרה לה ההיא מטרוניתא בניכם אינם שלכם אמרו לה שלהם גדול משלנו . כל שכן . א"ד הכי אמרו לה (שופטים ה) כי כאיש גבורתו . א"ד הכי אמרו לה אהבה דוחקת את הבשר ולמה להו לאהדורי לה והכתיב (משלי כו) אל תען כסיל כאולתו שלא להוציא לעז על בניהם. א"ר יוחנן אבריה דרבי ישמעאל ברבי יוסי כחמת

בת

טעם כדבר כגון הך דנייחי בחמתא : דיקולי דתרבא . כלים מלאים שומן לפי שבעל בשר היה אחד : בשמשא . לראות אם יסריח וירום תולעים : כל תרבא לא מסרח . אלא א"כ יש בשר עמו : שורייקי סומקי . גוונים אדומים והם מין הבשר : כי האי מעשה לידיה . מינהו המלך לתפוש גנבים ולסטים :

לגבי הדדי . פנים אל פנים : בקרא דתורי . למד בקר : בינייהו . בין בטניהם מתחת כריסן מתוך שכריסן גדול : מטרוניתא . שרית נכרית : אינם שלכם . שאינכם יכולין להזקק לנשותיכם : שלהן גדול משלנו . כרסן של נשותינו גדול משלנו : כי כאיש גבורתו . אבר התשמיש . ל"א שלהן גדול תאוה של אשה מרובה משל איש : כל שכן . שהתאוה מרובה ואינכם מקקן לכן ונבעלות לאחרים : אהבה דוחקת

---

ניזייגט אויף דיא זוהן אין דעם חדש תמוז אונ אב . אונ דיא פעטס איז ניט פאר שטונקען געווארין . פרעגט דיא גמרא אלע פעטס ווערט ניט פאר שטונקען . ענטפערט דיא גמרא אלע פעטס ווערין ניט פארשטונקען אז אין זייא איז ניטא רויטע פלעקין ווז אין זייא איז ניטא קיין פלייש . אבער אז עס איז דא רויטע פלעקין ועס איז דא פלייש אין דיא פעטס . ווערט יא פארשטונקען . אבער דא בייא רבי אלעזר אפילו עס איז גיוועזן רויטע פלעקין ועס איז גיוועזן פלייש אין דיא פעטס . פון דעסטוועגין איז ניט פאר שטונקען געווארין . האט רבי אלעזר אויף זיך געזייגט דעם פסוק אפילו מיין פלייש וועט רוהען זיכער אין קבר . צו רבי ישמעאל ברבי יוסי איז אויך געטראפין געווארין אזוי אזאך אזוי וויא צוא רבי אלעזר . דער מלך האט געבאטין אויף רבי ישמעאל ער זאל כאפין גנבים . האט אליהו הנביא בעגעגנט צוא רבי ישמעאל אונ האט געזאגט צו אים ביז וויא לאנג וועסטו איבער געבין דיא פאלק פון אונזער גאט צום הרגנן . האט רבי ישמעאל געזאגט צוא אליהו וואס זאל איך טאהן . עס איז אגיבאט פון מלך אויף מיר . האט אליהו געזאגט דיין פאטער איז אנטלאפין אין אסיא דוא אנטלויף אין לודקיא :

ג כי . אז רבי ישמעאל ברבי יוסי אונ רבי אלעזר ברבי שמעון האבען זיך בעגעגנט איינער מיט דעם אנדערין אונ זייא זענען געשטאנען אפנים געגען אפנים . האט געקענט דורך גיין צווישען זייא אונטער זייערע בייכער אפאר אקסין . אונ דיא אקסין האבען זייא ניט אן גערירט . האט א פירשטין צוא זייא געזאגט אייערע קינדער זענען ניט פון אייך . ווארום מיט אזעלכע גרויסע בייכער קענט איר דאך ניט זיין בייא אייערע ווייבער . האבין זייא געזאגט צוא דיא פירשטין דיא בייכער פון אונזערע ווייבער זענען גרעסער וויא אונזערע בייכער . האט דיא פירשטין געזאגט זענען דאך גע ווים דיא קינדער ניט אייערע . אנדערע זאגין אזוי האבען זייא איר גיענפערט אזוי וויא דער מענטש איז אזוי איז זיין שטארקייט . איז דער גליד אויך גרויס דריבער קענען מיר זיין בייא אונזערע ווייבער . אנדערע זאגין אזוי האבען זייא איר געענפערט דיא ליבשאפט קוועטשט צו זאמען דאס לייב . פרעגט דיא גמרא צו וואס האבען זייא איר גידארפט ענפערין אויף אזעלכע זאכין . עס שטייט דאך אין פסוק דוא זאלסט ניט ענפערין דעם נאר אויף זיינע נארישע קשיות . ענפערט דיא גמרא דריבער האבין זייא איר געענפערט זיא זאל ניט זאגין שלעכטע רייד אויף זייערע קינדער אז זייא זענען ממזרים . רבי יוחנן זאגט דיא מילה פון רבי ישמעאל ברבי יוסי איז געוועזן גרויס אזוי וויא אלאגיל פון ניין קווארט . רב פפא זאגט דיא מילה פון

רבי

אם הכשר. ומתוך שהאותם מרובה על האותנו כשר שמינו נדהקו: כי דקורי דהרפניא. כלים שעושין בהרפניא:
אשתיירי. נותרתי: שופריה. זוהרורי חלתו וקירון זיור פניו: מבי סילקי. כשיאת מכיה האומן שהוא להוב ממהרה להב האש (בבו): סילקי. בניכתו מן האש: פרצידי. גרעיניו: ונהדר ליה כלילא. יכונכנהו בפה לפיו כביו של ורד אדום: זיהרורי דנפקי מיניה. על פני הכרך: מעין. ודלה הכל: הדרת פנים. זקן: עולי עין. עולים למעלה מן העין וכיון מלמטה שהיא היתה יכולה לבליע בכן:

בת תשעה קבין. א"ר פפא אבריה דרבי יוחנן כהמת בה המשת קבין ואמרי לה בת שלשה קבין דרב פפא גופיה כי דקורי דהרפניא:

**ד** א"ר יוחנן אנא אישתיירי משפירי ירושלים האי מאן דבעי מיחזי שופריה דר' יוחנן נייתי כסא דכספא מבי סילקי ונימלייה פרצידי דרומנא סומקא וניהדר ליה כלילא דורדא סומקא לפומיה ונותביה בין שמשא לטולא ההוא זהרורי מעין שופריה דרבי יוחנן. איני והאמר מר שופריה דרב כהנא מעין שופריה דר' אבהו ושופריה דרבי אבהו כעין שופריה דיעקב אבינו ויעקב אבינו מעין שופריה דאדם הראשון ואילו רבי יוחנן לא קחשיב ליה שאני רבי יוחנן דהדרת פנים לא הויא ליה. רבי יוחנן הוה אזיל ויתיב אשערי טבילה אמר כי סלקן בנות ישראל מטבילת מצוה לפגעו בי כי היכי דליהוי להו בני שפירי כוותי גמירי אורייתא כוותי אמרי ליה רבנן מר לא מסתפי מעינא בישא אמר להו אנא מזרע יוסף קאתינא דלא שלטי ביה עינא בישא דכתיב (בראשית מט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין וא"ר אבהו אל תקרי

---

רבי יוחנן איז געוועז גרויס אזוי וויא א לאגיל פון פינף קווארט. אנדערע זאגין אזוי וויא א לאגיל פון דרייא קווארט. אונ דיא מילה פון רב פפא איז געוועזן גרויס אזוי וויא דיא קערב וואס ווערין געמאכט אין הרפניא: (דעם פירוש פון דער הגדה וועסטו געפינען אין סוף סדר נזיקין)

**ד** אמר. רבי יוחנן זאגט איך בין געבליבען פון דיא שיינע מענטשין וואס זענען געוועזן אין ירושלים. זאגט דיא גמרא דער וואס וויל זעהן די שיינקייט פון רבי יוחנן. זאל ער נעמען א זילבערנעם כוס אזוי וויא דער גאלד שמיד האט אים נאר פערטיג געמאכט אונ האט ארויס גענומען פון פייער. אונ ער זאל אריין שיטען אין דעם כוס פול קערנער פון רויטע מילגרויכען. אונ ער זאל מאכען ארום דעם כוס פון הויבין אזוי וויא א קרוין פון רויטע רויזין אונ ער זאל שטעלין דעם כוס צווישען דיא זוהן אונ דעם שאטען (אויף דעם ארט וואו דיא זוהן לאזט זיך אוים אונ דער שאטען הייבט זיך) און דיא שטראלען וואס עס וועט זיין אויף דער ערד פון דיא זוהן וואס וועט שיינען דורך דעם כוס. איז א ביסעל פון רבי יוחנן'ס שיינקייט. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום דער רבי האט געזאגט דיא שיינקייט פון רב כהנא איז א ביסעל פון דיא שיינקייט פון רבי אבהו. אונ דיא שיינקייט פון רבי אבהו איז א ביסעל פון דיא שיינקייט פון יעקב אבינו. אונ דיא שיינקייט פון יעקב אבינו איז א ביסעל פון דיא שיינקייט פון אדם הראשון אונ רבי יוחנן רעכענט מען גאר ניט צווישען דיא שיינע. ענטפערט דיא גמרא דאס לייב פון רבי יוחנן איז טאקי געוועזן זייער קלאר אונ שיין נאר ער איז ניט געוועזן בעוואקסין מיט א שיינעם בארד. איז דער פנים ניט שיין געוועזן: זאגט דיא גמרא רבי יוחנן פלעגט גיין זיצען בייא דיא טוירען פון דיא מקוה. ער האט געזאגט אז דיא יודישע טעכטער ווען ארויס גיין פון טבילה זאלין זייא מיך באגעגענען ווען זייא קוקען אויף מיר. וועלין זייא האבען קינדער וואס וועלין זיין אזוי שיין וויא איך. אונ וועלען קענען לערנען תורה אזוי וויא איך. האבען דיא רבנן געזאגט צו רבי יוחנן האסטו ניט מורא פאר א עין הרע. האט רבי יוחנן צו זייא געזאגט איך קום ארויס פון דיא קינדער פון יוסף: וואס אויף זייא געוועלטיגט ניט דער עין הרע. ווארום עס שטייט אין פסוק בן פורת יוסף בן פורת. יוסף איז א זוהן מיט חן. עלי עין. רבי אבהו זאגט זאלסט ניט לייענען עלי עין. נאר זאלסט לייענען עולי עין. דיא קינדער פון יוסף זענען אויף דעם אויג. ניט דיא אויג געוועלטיגט אויף זייא. זייא שלעכט צו מאהן. נאר זייא געוועלטיגען אויף דיא אויג אונ האבען ניט מורא פאר איר. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט

פון

תקרי עלי עין [אלא עולי עין]. רב יוסי בר חנינא אמר מהכא (בראשית מח) וידגו לרוב בקרב הארץ. מה דגים שבטים מים מכסים אותם ואין העין שולטת בהם אף זרעו של יוסף אין העין שולטת בהם יומא חד הוה קא סחי רבי יוחנן בירדנא חזייה ריש לקיש ושוור לירדנא אבתריה א"ל חילך לאורייתא א"ל שופרך לנשי א"ל אי הדרת בך יהיבנא לך אחתי דשפירא מינאי קביל עליה בעי למיהדר לאתויי מאניה ולא מצי הדר אקרייה אתנייה ושוייה גברא רבא יומא חד הוה מפלגי בי מדרשא הסייף והסכין והפגיון והרומח ומגל יד ומגל קציר מאימתי מקבלין טומאה משעת גמר מלאכתן ומאימת גמר מלאכתן רבי יוחנן אמר משיצרפן בכבשן ר"ל אמר משיצחצחן במים א"ל לסטאה בלסטיותיה ידע א"ל ומאי אהנית לי התם רבי קרו לי הכא רבי קרו לי א"ל אהנאי לך דאקרבינך תחת כנפי השכינה חלש דעתיה דרבי יוחנן חלש ריש לקיש אתאי אחתיה קא בכיא אמרה ליה עשה בשביל בני אמר לה

עזבה

פירוש: חזייה. ר"ל שהיה לסטים: בזור. קפץ: א"ל. רבי יוחנן: חילך לאורייתא. כמה כחך יפה לכבול עול תורה: שופרך. יופיך: לנשי. ראוי לנשים: ולא מצי. לקפוץ כבראשונה דמשקבל עליו עול תורה תשש כחו: הסייף והסכין. משנה היא בסדר טהרות: הפגיון. א"פי"ד: ומגל יד ומגל קציר. פלצי"ש בלע"ז: ליסטאה בליסטיותיה ידע. לפי שהיית לסטים אתה בקי באותן כלי אומנות ליסטיות: רבי קרו לי. רבן של ליסטים והאז לכם הייתי: אהנאי אהנית. דרבי יוחנן אהנתו דר"ל: וקא בכיא. קמיה דרבי יוחנן להתפלל על בעלה: עזבה יתומיך אני אחיה

פון דעם פסוק וידגו לרוב בקרב הארץ. זייא זאלין זיין אזוי פיל וויא פיש אין דער לאנד. אזו וויא דיא פיש וואס אין ים בדעקט זייא דיא וואסער אונ דיא אויג געוועלטיגט ניט אויף זייא. אזוי דיא קינדער פון יוסף געוועלטיגט ניט דיא אויג אויף זייא. אמאהל האט רבי יוחנן זיך געבאדין אין ירדן. האט ריש לקיש אים געזעהן איז ער אויך אריין געשפרונגען אין ירדן צוא רבי יוחנן. האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש דיין כח וואלט גוט געוועזען צו תורה לערנען. האט ריש לקיש גזאגט צו רבי יוחנן דיין שיינקייט פאסט פאר ווייבער. האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש אויב דו וועסט תשובה טאהן (ווארום ריש לקיש איז געוועזן אגזלן). וועל איך דיר געבין פאר אווייב מיין שוועסטער וואס זיא איז שענער וויא איך. האט ריש לקיש אויף זיך גינומען צו טאהן תשובה. האט ער געוואלט צוריק אשפרונג טאהן נעמען זיינע קליידער. האט ער ניט געקענט אזוי אשפרונג טאהן וויא פריער. ווארום וויא ער האט אויף זיך גינומען דעם יאך פון דיא תורה איז שוין שוואך געווארין זיין כח. האט רבי יוחנן גילערנט מיט ריש לקיש תורה נביאים כתובים משניות ביז ער האט אים געמאכט פאר אגרויסין למדן אמאהל האט מען געקריגט אין בית המדרש אין אדין אשווערד אונ אמעסער אונ אשפיז וואס מען בראט אויף אים פלייש אונ אשפיז וואס מען האלט אין דער מלחמה צוא שטעכין מיט אים. אונ אקליינער שעפ וואס מען שניידט מיט אים תבואה. אונ אגרויסער שארפ נאקאסעו וואס מען שניידט מיט אים היי. ווען קענען זייא טמא ווערין. ווען זייא ווערין פערטיג. ווען ווערין זייא פערטיג. רבי יוחנן זאגט אז מען ברענט זייא אין פייער צום שטארקין זענען זייא שוין פערטיג. ריש לקיש זאגט אז מען בעגיסט אויף זייא קאלטע וואסער ווען מען נעמט זייא ארויס פון פייער דאמאלס ווערין זייא פערטיג. האט רבי יוחנן גזאגט צו ריש לקיש אגזלן ווייס זיינע גזלנישע כלים. ווייל דוא ביסט געוועזן אגזלן ווייסטו ווען דיא כלים ווערין פערטיג. האט ריש לקיש גזאגט צוא רבי יוחנן וואס פאר אטובה האסטו מיר געטאהן. דארט ביי דיא גזלנים האט מען מיך גירופען רבי. אונ דא רופט מען מיך אויך רבי. האט רבי יוחנן גזאגט צוא ריש לקיש איך האב דיר געטאהן אטובה איך האב דיך געבראכט אונטער דיא פליגעל פון גאט. איך האב דיך געמאכט פאר איוד. איז רבי יוחנן געווארין אין צער פון דיא רייד פון ריש לקיש: איז ריש לקיש קראנק געווארין. איז געקומען דיא שוועסטער פון רבי יוחנן (דיא ווייב פון ריש לקיש) אונ האט געוויינט פאר רבי יוחנן. ער זאל בעטין פאר גאט אויף איר מאן ער זאל לעבין. אונ זיא האט גזאגט צוא רבי יוחנן טוה פון וועגין מיינע קינדער. אונ בעט פאר גאט מיין מאן זאל לעבין. האט רבי יוחנן גזאגט צוא איר פאר

לאז

(ירמיה מט) עזבה יתומיך אני אחיה עשה בשביל אלמנותי אמר לה (שם) ואלמנותיך עלי תבטחו נח נפשי' דרבי שמעון בן לקיש והוה קא מצטער רבי יוחנן בתריה טובא אמרו רבנן מאן ליזיל ליתביה לדעתיה נזיל ר' אלעזר בן פדת דמחדדין שמעתתיה אזיל יתיב קמיה כל מלתא דהוה אמר ר"י א"ל תניא דמסייעא לך אמר את כבר לקישא בר לקישא כי הוה אמינא מלתא הוה מקשי לי כ"ד קושייתא ופריקנא ליה כ"ד פירוקי וכמילא רווחא שמעתא ואת אמרת תניא דמסייעא לך אטו לא ידענא דשפיר קאמינא הוה קאזיל וקרע מאניה וקא בכי ואמר היכא את בר לקישא היכא את בר לקישא והוה קא צווח עד דשף דעתיה מיניה בעו רבנן דרחמי עליה ונח נפשיה :

(ע"ב) ה ואפילו הכי לא ככך רבי אלעזר בר' שמעון ארעתיה קביל עליה יסורין באורתא הוו מייכין ליה שיתין נמטי לצפרא נגדי מתותיה שיתין משיכלי דמא וכיבא למחר עבדה ליה דביתהו שיתין מיני לפדא ואכיל להו וברי ולא הוה שבקה ליה דביתהו למיפק לבי מדרשא כי היכי דלא לדהקוהו רבנן באורתא אכר

ואלמנותיך עלי תבטחו . פסוק בירמיה : מצטער . מתחרט על שהמית שלא היה מוצא תלמיד ו"ק כמותו : דשף דעתיה . נטרפה ממנו דעתו ונשתטה : ואפילו הכי . דאמר רבי אל' בר רבי שמעון נעיל פסקות שלכה לך : לא ככך . דעתיה אהכי מלבקש רחמים ומהילה ייסורין שמא חטא באחד מן כל יקים : באורתא הוו מייכין ליה שיהין נמטי : בערב היו מקבלין תחתיו מי שכנו ס' לבדים שקורין פלטס"ר : משיכלי . כמין ערבות קטנות שמשתמשים בהם מים ושופכין ובלשון לע"ז קונקר"ן:ונגדי מתותיה שיתין משיכלי דמא וכיבא . ומוציאים (מגופו) מתחתיו ששים עריבות מלאות דם וכלאב דם לקוי שלבין שזבו ממנו מבהן שבא עליו : מיני לפדא . מיני מאכל

---

לאז דיינע יתומים איך וועל זייא דער נערין . האט זיא גזאגט צו רבי יוחנן טוה פון מיינעט וועגין איך זאל נים בלייבען אלמנה . האט רבי יוחנן צוא איר גזאגט אז דוא וועסט בלייבען אלמנה וועכטו דיך אויף מיר פאר זיכערין . איז רבי שמעון בן לקיש גישטארבין . דער נאך הט רבי יוחנן גיהאט גרויס צער פאר וואס דורך אים איז ריש לקיש גישטארבין . האבען די רבנן גזאגט ווער פון אונז זאל גיין ברוהיגען רבי יוחנן . האבען זייא גזאגט רבי אלעזר בן פדת זאל גיין ווייל ער איז צחריף אונ אגרויסער למדן וועט ער שוין וויסען וואס מיט אים צוא רידין . איז רבי אלעזר גינאנגען צוא רבי יוחנן אונ איז גיזעסין פאר אים . אויף יעדער זאך וואס רבי יוחנן הט גזאגט . האט רבי אלעזר צו אים גזאגט מיר האבען גילערנט אזוי ווא דוא זאגסט . האט רבי יוחנן גזאגט צוא רבי אלעזר ביסטו דען אויך אזוי וויא דער זוהן פון לקיש: איך פלעג זאגין אזאך האט ער מיך גיפרעגט פיר אונ צוואנציג קשיות . אונ איך פלעג אים ענטפערין פיר אונ צוואנציג תירוצים . פון דעם פלפול פלעגט דער בריי טערט ווערין דער דין . אונ דוא זאגסט מיר האבען גילערנט אזוי וויא דוא זאגסט . וויס איך דען אליין ניט אז איך זאג גוט . איז רבי יוחנן גינאנגען אונ האט צו ריסען זיינע קליידער אונ האט געוויינט . אונ האט גזאגט . וואו ביסטו זוהן פון לקיש . וואו ביסטו זוהן פון לקיש . אונ ער האט אזוי לאנג געשריגען ביז זיין פארשטאנד איז פון אים אוועק גינאנגען : אונ ער איז משוגע גיווארין . האבען דיא רבנן גיבעטין פאר גאט פון זיינעט וועגין אונ ער איז גישטארבין :

ה ואפילו . זאגט דיא גמרא אפילו רבי אלעזר ברבי שמעון האט גזאגט ואין סימן בו צוא זיין בויך פרייט אייך מיינע גידערים איך בין אויף אייך פאר זיכערט אז ווערעם וועלן אייך ניט עסין אין קבר . ווייל געחים זענען דיא אלע מענטשין וואס איך האב גיחאפט רשעים . פון דעסטוועגין האט זיך רבי אלעזר ברבי שמעון אויף דעם ניט פארלאזין . ווארום טאמער איז דאך גיהרגת גיווארין דורך אים אערליכער מאן . האט ער אויף זיך גינומען יסורים . ביי נאכט פלעגט מען ליינין אונטער אים זעכציג פילשטשין . אין דער פריא פלעגט מען ארויס נעמען פון אונטער אים זעכציג מילטערם בלוט מיט אייטער . פון דיא מכות וואס ער האט גיהאט . ביי טאג הט דאס ווייב גימאכט פון זיינעט וועגין זעכציג ערליי שפייזין אונ ער פלעגט זייא אויף עסין אונ פלעגט גיזונד ווערין . זיין ווייב פלעגט אים ניט לאזין גיין אין בית המדרש . דיא רבנן זאלין אים

אמר להו אחי ורעי בואו בצפרא אמר להו זילו מפני ביטול תורה יומא חד שמעה דביתהו אמרה ליה את קא מייתית להו עילווך כלית ממון של בית אבא אימרדה אזלת לבי נשא סליקו ואתו הנך שיתין ספונאי עיילו ליה שיתין עבדי כי נקיטי שיתין ארנקי ועבדו ליה שיתין מיני לפדא ואכיל להו יומא חד אמרה לה לברתה זיל בקי באבוך מאי קעביד האידנא אתיא אמר לה זיל אמרי לאמך שלנו גדול משלהם קרי אנפשיה (משלי לא) היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה אכל ושתי וברי נפק לבית מדרשא אייתו לקמיה שיתין מיני דמא טהרינהו הוו קא מרנני רבנן ואמרי ס"ד לית בהו חד ספק אמר להו אם כמותי הוא יהיו כלם זכרים ואם לאו תהיה נקבה אחת בינידהם היו כולם זכרים ואסיקו להו אלעזר על שמיה . תניא אמר רבי כמה פריה ורביה ביטלה רשעה זו

מי שראל

שעושים מהאגים : אמר להו . למלאכים : ביטול תורה . שהיה עוסק ונכנסו תמיד בביתו : את מייתת להו עליך . אתה מביאן עליך : כליה ממון . במאכל ורקבות בגדים : ספונאי . יורדי הים באניות : עיילו ליה שיתין עבדי . לפי שעמד עליהם נחשול של ים והתפללו לה' לא בזכותו של רבי אלעזר ונצולו בזכותו וכשעלו מן הים שלחו לו דורון : אמרה לה . אמתו לברתה : בכי באבוך . כדקי באביך מהו עושה . בכי ל' בקיאות וידיעה : אמר . ר"א לבהו זילי אמרי : שלנו . עושר גדול משלהם : היתה כאניות סוחר . על התורה נאמר וכרי . כתחוק : נפק לבי מדרשא . אותו היום שלא עכבתו אמתו : שיתין מיני דמא . שהראו לו הנשים לראות אם דם נדה הוא או אם דם טוהר דקיימא לן חמשה דמים הם טמאים באשה ושאר מראה דמים טהורים : טהרינהו . להתיר לבעליהן בלא טבילה : יהיו כולם זכרים . יתעברו כולן הלילה זכרים : רשעה . זו מלכות

---

אים ניט צוא קוועטשין זיינע מכות . ביא נאכט פלעגט רבי אלעזר זאגין צוא דיא מכות מיינע ברידער אונ מיינע גוטע פריינד קומט : אין דער פריא פלעגט ער זאגין צו דיא מכות גייט אוועק פון מיר . איר זאלט מיך ניט שטערין פון לערנען . אמאהל האט דם וויב גיהערט וויא ער רופט דיא מכות זייא זאלין צוא אים קומען . האט דאס וויב צו אים גזאגט דו אליין ברייננסט אויף דיר דיא מכות . דוא פאר לענדסט מיין פאטערס געלט . מיט אזוי פיל קליידער פאר פוילין . אונ מיט אזוי פיל עסינוואורג . האט זיא זיך צוא קריגט מיט איר מאן אונ איז גיגאנגען צוא איר פאטער . דער וויל זענען גיגאנגען זעכציג שיפען אויף דעם ים . איז אויף גישטאנען אויף זייא אגוואל וואסער אונ האט זייא גיוואלט דער טרייננקען . האבען זייא גיבעטין צוא גאט זייא זאלין גיהאלפין ווערין אין דעם זכות פון רבי אלעזר . אונ זייא זענין גיהאלפען גיווארין . וויא דיא זעכציג שיפען זענען גיקומען צום פארט . זענען גיגאנגען דיא זעכציג שיפערם צוא רבי אלעזר אונ האבען מיט גיברייננגט זעכציג קנעכט . אונ דיא זעכציג קנעכט האבען גיהאלטען זעכציג ביימלען געלט . אונ זייא האבען גיגעבין צוא רבי אלעזר די זעכציג ביימלען געלט . אונ דיא קנעכט האבען גימאכט פאר רבי אלעזר זעכציג ערליי עסינוואורג אונ ער הט זייא גיגעסין . אמאהל האט דיא וויב פון רבי אלעזר גזאגט צוא איר טאכטער גיי צו דיין פאטער אונ זעה וואס ער טוהט איצט . איז זיא גיקומען צוא איר פאטער . האט דער פאטער צוא איר גזאגט גייא זאג דיין מוטער אונזער רייכקייט איז גרעסער וויא זייערע . האט רבי אלעזר גילייענט אויף זיך דעם פסוק דיא תורה איז גיווארין אזוי וויא אשיף פון אסוחר פון ווייטינס ברייננגט זיא איר ברויט . דיא תורה האט גיברייננגט מיין ברויט פון ווייטינס . פון דיא שיפען פון ים : הט רבי אלעזר גיגעסין אונ גיטרונקען אונ איז גיזונד גיווארין אונ איז גיגאנגען אין בית המדרש : זענען גיקומען פאר אים זעכציג ווייבער אונ האבען אים גיפרעגט שאלות אויף זייערע בלוט . זייא זענען טמא אדער טהור . האט רבי אלעזר אויף אלע גזאגט טהור . האבען די רבנן גירעט אויף רבי אלעזר אונ האבען גזאגט וויא קען דאס זיין אז אלע זעכציג ווייבער זאלין זיין טהור . אונ אויף איינע זאל ניט זיין אספק טאמער איז טמא . האט רבי אלעזר גזאגט צוא דיא רבנן אויב דער דין איז וויא איך האב גזאגט . זאלין דיא אלע זעכציג ווייבער דיא נאכט מעוברה ווערין אונ אלע זאלין גיבארין זכרים . אונ אויב עס איז ניט וויא איך זאג . זאל איינע פון זיי גיבארין א נקבה . זענען אלע זעכציג גיוועזן זכרים . אונ אלע זעכציג האט מען גירופען אלעזר . אויף דעם נאמען פון רבי אלעזר . זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט רבי האט גזאגט וויא פיל

קינדער

מישראל כי הוה קא ניחא נפשיה אמר לה לדביתהו ידענא בדרבנן דרתיחי עלי ולא מיעסקו בי שפיר אוגנין בעליתא ולא תדחלין מינאי. א"ר שמואל בר נחמני אישתעיא לי אימיה דרבי יונתן דאישתעי׳ לה דביתהו דרבי אלעזר בר׳ שמעון לא פחות מתמני סרי ולא טפי מעשרין ותרתין שנין אוגניתיה בעילתא כי הוה סליקנא מעיינא ליה במזייה כי הוה משתמיט ביניתא מיניה הוה אתא דמא יומא חד חזאי ריחשא דקא נפיק מאודניה חלש דעתאי איתחזי לי בחלמא אמר לי לא מידי הוא יומא חד שמעי בזילותא דצורבא מרבנן ולא מחאי כדבעי לי. כי הוו אתו בי תרי לדינא הוו קיימי אבבא אמר מר מלתיה ומר מלתיה נפק קלא מעיליתיה ואמר איש פלוני אתה חייב איש פלוני אתה זכאי יומא חד הוה קא מינצית דביתהו בהדי שיבבתה אמרה לה תהא כבעליך שלא ניתן לקבורה אמרי רבנן כולי האי ודאי לאו אורח ארעא א"ד רשב"י אתחזי להו בחלמא וא"ל פרידה אחת יש לי ביניכם ואי אתם רוצים להביא אצלי אזול רבנן לאיעסוקי ביה לא שבקו בני עכבריא דכל שני דהוה ניים ר"א

הרשעה שמינוהו תופס גנבים ולא בא לבהמ"ד תמיד ונכרתה לו השנים אף דמך ל"א על אשתו שעכבתו מלבא לבהמ"ד שנים רבות: דרתיחי עלי. על שנלקחו גנבים על ידו והוו להו קרובים: אוגנין בעליתי. השכיבני בעלייתי: במזייה. בשערו: ביניתא. שער: ריחשא. תולעת: חלש דעתאי. דאגתי שמא מעשה יסורין וירקיב: כולי האי. משמועה נביות שאינו חי ולא יקבר אין זה כבודו: פרידה. גוזל א׳: יש לי ביניכם. אצלו היה: עכבריא שם

---

קינדער האט דיא שלעכטע ווייב פון רבי אלעזר געמינערטנפון:יודין. ווארום דאס ווייב פון רבי אלעזר האט ניט גילאזין רבי אלעזר זאל גיין אין בית המדרש אז ווייבער זענען גיקומען מיט שאלות וויל קינער האט ניט פאר שטאנען גוט צוא פסקנן. האט מען דיא ווייבער כטמא גיוועזן. האבען זייא זיך ניט בהעפט מיט דיא מאנען. זענען דאך גיבארין גיווארין ווייניגער קינדער. איידער רבי אלעזר איז גישטארבין האט ער גזאגט צוא זיין ווייב איך ווייס אז דיא רבנן זענען אין כעס אויף מיר. און זייא וועלין מיך ניט בגראבין נאך מיין כבוד. דריבער זאלסטו מיך לייגין אויף דעם בוידים. און איר זאלט ניט מורא האבען פאר מיר. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט דיא מוטער פון רבי יונתן האט מיר גזאגט אז דיא ווייב פון רבי אלעזר ברבי שמעין האט איר דערציילט. נישט ווייניגער וויא אכטצעהן יאהר און נישט מער וויא צוויא און צוואנציג יאהר איז רבי אלעזר גילעגין אויף דעם בוידים. אז איך פלעג ארויף גיין אויף דעם בוידים פלעג איך זעהן אין דיא האר זיינע אויב עס איז נישטא כנים ווערעם. אז עס פלעגט ארוים פאלין אהאר פון זיין קאפ. פלעגט גיין בלוט. אמאהל האב איך גיזעהן אווארעם קריכט ארוים פון זיין אויער. האב איך גיהאט צער טאמער וועט ער אנהייבין פארפוילט ווערין. איז ער גיזעהן גיווארין צו מיר אין חלום און האט מיר געזאגט דאס איז גאר ניט. איך האב אמאהל גיהערט וויא איינער האט פארשעמט אלמדן. און איך האב יענעם נישט גישטראפט פאר דעם אזוי וויא איך האב אים גידארפט שטראפין. דריבער איז גיוועזן דער ווארעם אין אויער. אז צווייא מענטשין פלעגין קומען צו אדין תורה. פלעגין זייא שטיין בייא דיא טיר. דער האט גזאגט זיינע טענות: און דער האט גזאגט זיינע טענות. און עס פלעגט ארוים גיין אקול פון בוידים און האט גיזאגט דער מענטש וואס הייסט אזוי איז אומגירעכט. און דער מענטש וואס הייסט אזוי איז גירעכט. אמאהל האט זיך דיא ווייב פון רבי אלעזר געקריגט מיט איר שכנתע. האט דיא שכנתע צו איהר גיזאגט דוא זאלסט זיין אזוי וויא דיין מאן וואס ער איז ניט בגראבין גיווארין. האבין דיא רבנן גיזאגט אזוי פיל טאר מען איהם ניט פארשעמען. אז אלע מענטשין זאלין וויסען אז רבי אלעזר איז גישטארבין און מען בגראבט אים ניט. אנדערע זאגין זיין פאטער רבי שמעון בן יוחאי איז גיזעהן גיווארין צו דיא רבנן אין חלום און האט גזאגט צו זייא איין טויב האב איך צווישען אייך און איר ווילט זיא ניט ברייננגען צו מיר. זענען דיא רבנן גיגאנגען צו רבי אלעזר זייא זאלין זיך בשעפטיגען מיט זיין בגרעבנים. האבען דיא מענטשין פון דיא שטאט עכבריא ניט גילאזין צו נעמען רבי אלעזר פון בוידים. ווארום דיא אלע יאהרין

ר"א בר שמעון בעיליתיה לא סליק חיה רעה למתייהו יומא חד מעלי יומא דכפורי הוה הוו טרידי שדרוה רבנן לבני בירי ואסקוה לערסיה ואמטיוה למערתא דאבוה אשכחוה לעכנא דהדרא ליה למערתא אמרו לה עכנא פתחי פיך ויכנס בן אצל אביו פתחה להו: ו **שלח** רבי לדבר באשתו שלחה ליה כלי שנשתמש בו קדש ישתמש בו חול תמן אמרין באתר דמרי ביתא תלא זייניה כולבא רעיא קולתיה תלא שלח לה נהי דבתורה גדול ממני אבל במע"ט מי גדול ממני שלחה ליה בתורה מיהא גדול ממך לא ידענא אבל במעשים טובים ידענא דהוה קביל עליה יסורין בתורה מאי היא דכי הוו יתבי רשב"ג ורבי יהושע בן קרחה אספסלי יתבי קמייהו רבי אלעזר ברבי שמעון ורבי אארעא מקשו ומפרקו אמרו מימיהם אנו שותים והם יושבים על גבי קרקע עבדי להו ספסלי אסקינהו אמר להם רשב"ג פרידה אחת

יש

מקום שסמוך לעירו: לבני בירי. שם כפר אחד שהיו קרובים: עכנא. נחש: דהדרא ליה למערה. הקיפה את המערה כעין גלגל וזנבה אצל פיה: פתחי פיך. כדכתיב זנבך מעל פיך ליתן מקום ליכנס: לדבר באשתו. שתנשא לו: תמן אמרי. בא"י אומרים המשל הזה כנגד זה: באתר דמרי תלא זייניה כולבא רעיא קולתיה תלא. יעד שהיה הגבור רגיל לתלות בו כלי זיינו הנבל הרועה תרמילו תלה בו לא"א בלע"ז: בתורה מיהא. לדבריך הוא גדול ממך בתורה: אנא לא ידענא. אלא שפיך ענה בך: אבל במעשים טובים. אני יודעת שהוא גדול ממך דהא קביל עליה יסורין: רבן שמעון בן גמליאל. אביו של רבי: ורבי יהושע בן קרחה. ורבנן טובא בהדייהו אלא שהיהם גדולי הדור: אמרו. רבנן דבי מדרשא דיתבי אספסלי: פרידה אחת. בן אחד: לאבדם

וואס רבי אלעזר ברבי שמעון איז געלעגין אויף דעם בוידים איז ניט געקומען קיין שרעכטע חיה אין זייער שטאט. אמאהל אום ערב יום כפור זענען דיא מענטשין פון עבבריא געוועזען בשעפטיגט אין דיא זאכין פון יום כפור. האבען דיא רבנן געשיקט צו דיא מענטשין פון דעם דארף בירי זייא זאלין אראפ נעמען רבי אלעזר פון בוידים. און זייא זאלין אים טראגין מיט זיין בעטיל צוא דער מערה וואו זיין פאטער רבי שמעון ליגט. וויא זייא זענען געקומען צו דער מערה האבען זייא געפונען אשלאנג ליגט ארום דיא מערה און ער האלט דעם וויידל אין מויל. האבען זייא געזאגט צום שלאנג. שלאנג שלאנג העפין דיין מויל און נעם ארויס דעם וויידול און מאך אארט מען זאל קענען אריין גיין. ווערט אריין גיין דער זוהן צוא זיין פאטער. האט דער שלאנג געהעפינט און מען האט געטראגין רבי אלעזר אין דיא מערה און מען האט איהם געלייגט נעבין זיין פאטער:

ו שלח. רבי האט געשיקט צו דיא ווייב פון רבי אלעזר זיא זאל מיט אים חתונה האבען האט זיא געשיקט: צוא רבי דיא כלי וואס מען האט גענוצט אין איר הייליגקייט. דארף מען ניט ניצען אין איר פראסטע זאכין. אין ארץ ישראל האט מען געזאגט אויף דעם אמשל. אויף דעם ארט וואו דער בעל הבית פון שטוב איינגט אויף זיינע געוועהר ושוועהרד און ביקסו וויל דער שלעכטער פאסטוך דארט אויף איינגען זיין טארבע. האט רבי צוא איר געשיקט אמת רבי אלעזר איז געוועזן גרעסער פאר מיר אין תורה. אבער אין מעשים טובים איז ער ניט געוועזן גרעסער פון מיר. האט דאס ווייב פון רבי אלעזר געשיקט צו רבי אז רבי אלעזר איז געוועזן גרעסער פאר דיר אין תורה דאס האב איך ניט געוואסט. נאר דו אליין זאגסט אז ער איז געוועזן גרעסער פאר דיר אין תורה. אבער אין מעשים טובים ווייס איך אז רבי אלעזר איז געוועזן גרעסער פאר דיר. ווארום ער האט דאך אליין גינומען אויף זיך יסורים. פון וואנען ווייסין מיר אז רבי אלעזר איז געוועזן גרעסער פאר רבי אין תורה. אז רבן שמעון בן גמליאל און רבי יהושע בן קרחה זענען געזעסין אויף בייניק. איז פאר זייא געזעסין רבי אלעזר ברבי שמעון און רבי אויף דיא ערד. רבי אלעזר און רבי פלעגין פרעגין קשיות איינער דעם אנדערין און פלעגין ענטפערין תירוצים. האבען דיא אנדערע רבנן פון בית המדרש וואס זענען אויך געזעסין אויף בייניק געזאגט. מיר טרינקען זייערע וואסער (מיר לערנען זייער תורה). און זייא זיצען אויף דיא ערד. האט מען געמאכט פאר זייא בייניק און מען האט רבי אלעזר מיט רבי געזעצט אויף דיא בייניק. האט רבן שמעון בן גמליאל געזאגט צוא דיא רבנן איין טויב האב איך צווישען אייך און איך

האב

סימני . שמת הפלוגא כו מין רעה : שאין לו אב . ומת נפשיה דר"ש ב"י : רשב"ג הא דאמרן . דקאמר ליה ארי בן שועל : בני בתירה . במס' פסחים שהיו נשיאים ונכבל שהוא להלל שהיה גדול בתורה ועלה אלבן מבבל עוזבו נשיאותן ומינוהו נשיא עליהם: דהא להלל דעדיף . מינייהו והלכות פסח כמאלין

יש לי ביניכם ואתם מבקשים לאבדה הימני אחתוהו לרבי אמר להם רבי יהושע בן קרחה מי שיש לו אב חיה ומי שאין לו אב ימות אחתוהי נמי לר"א בר"ש חלש דעתיה אמר קא חשביתו ליה כוותי עד ההוא יומא כי הוה אמר רבי מלתא הוה מסייע ליה ר"א בר"ש מכאן ואילך כי הוה א"ל רבי יש לי להשיב א"ל ר"א בר"ש כך וכך יש לך להשיב זו היא תשובתך השתא הקפתנו תשובות חבילות שאין בהם ממש חלש דעתיה דרבי אתא א"ל לאבוה א"ל בני אל ירע לך שהוא ארי בן ארי ואתה ארי בן שועל והיינו דאמר רבי ג' ענותנין הן ואלו הם אבא (דף פה) ובני בתירה ויונתן בן שאול רשב"ג הא דאמרן בני בתירה דאמר מר הושיבוהו בראש ומינוהו לנשיא עליהם יונתן בן שאול דקאמר ליה לדוד (ש"א כג) ואתה תמלוך על ישראל ואני אהיה לך למשנה ממאי דלמא יונתן בן שאול דחזא דגריר עלמא בתר דוד בני בתירה נמי דחזו להלל דעדיף מינייהו אלא רשב"ג ודאי הוה

---

האב נאר איין זוהן און איר ווילט אים פאר לירען פון מיר . ווארום איך האב מורא פאר אעין הרע . האט מען רבי צוריק גיזעצט אויף דיא ערד . האט רבי יהושע בן קרחה גיזאגט דער וואס האט אפאטער דארף לעבין . און דער וואס האט ניט קיין פאטער זאל שטארבין . מען דארף דאך מורא האבען אויף רבי אלעזר אויך פאר אעין הרע . האט מען רבי אלעזר ברבי שמעון אויך צוריק גיזעצט אויף דיא ערד . האט זיך רבי מצער גיוועהן פאר וואס מען האט אלעזר ברבי שמעון אויך צוריק גיזעצט אויף דיא ערד . האט רבי גיזאגט איז רבי אלעזר ברבי שמעון ביי איך אזוי חשוב וויא איך (ועיין מהרש"א) . ביז דעם טאג אז רבי פלעגט פרעגין אקשיא . פלעגט רבי אלעזר זאגין דאס איז אגרויסע קשיא . און אז רבי פלעגט זאגין אתירוץ . פלעגט רבי אלעזר זאגין דאס איז אגוטער תירוץ . און רבי אלעזר פלעגט ברייגגען אראיה צוא זיינע רייד פון אמשנה אדער פון אברייתא . פון דעם טאג און ווייטער אז רבי פלעגט זאגין צוא רבי אלעזר איך האב צוא פרעגין אקשיא : איידער רבי האט נאך פון מויל ארויס גיזאגט דיא קשיא . האט שוין רבי אלעזר גיזאגט צוא רבי די און דיא קשיא ווילסטו פרעגין און דאס איז דער תירוץ אויף דיינע קשיות . דוא האסט אונז ארומגערינגעלט מיט פיל קשיות . וואס זיא זענען גאר קיין קשיות ניט . האט זיך רבי מצער גיוועהן . איז ער גיקומען צום פאטער און האט דאס אים דער ציילט . האט דער פאטער גיזאגט צוא רבי . מיין זוהן זאל דיך ניט פאר דריסען . ווארום רבי אלעזר איז אלייב דער זוהן פון אלייב . און דוא ביסט אלייב דער זוהן פון אפוקס . דאס איז וואס רבי האט גיזאגט דריי מענטשין זענען גיוועזן ביי זיך נידעריג . דם זענען זיא . מיין פאטער . און דיא קינדער פון בתירה . און יונתן דער זוהן פון שאול המלך . רבן שמעון בן גמליאל האבען מיר שוין גיזאגט זיינע נידעריגקייט . וואס ער האט אויף זיך גיזאגט איך גענין רבי שמעון בן יוחאי בין אזוי וויא אפוקס גענין אלייב . דיא קינדער פון בתירה האבען אויך געוויזען זייערע נידעריגקייט . זיא זענען גיוועזן נשיאים און ווייל זיא האבען גיזעהן אז הלל קען בעסער לערנען פאר זיא . זענען זיא אראפ גיגאנגען פון זייערע נשיאות . און האבען גימאכט הלל פאר אנשיא . יונתן דער זוהן פון שאול המלך הט אויך געוויזען זיינע נידעריגקייט . ווארום ער האט גיזאגט צוא דוד המלך דוא וועסט קעניגען אויף דיא יודין און איך וועל זיין דער אנדערער פון דיר . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז זיא זענען ביי זיך גיוועזן נידעריג . יונתן דער זוהן פון שאול קען זיין ער איז ביי זיך גאר ניט גיוועזן נידעריג נאר ווייל ער האט גיזעהן אז אליע יודין ציהען זיך צוא דוד . דריבער האט ער געוואוסט אז ניט ער וועט זיין אמלך נאר דוד . דריבער האט ער גיבעטין ביי דוד אז ער וויל זיין דער אנדערער פון אים . און דיא קינדער פון בתירה קען אויך זיין זיא זענען ביי זיך גאר ניט גיוועזן נידעריג . נאר ווייל

הוה ענוותן . אמר רבי חביבין יסורין קביל עליה תליסר שני שית בצמירתא ושבע בצפירנא ואמרי לה שבע בצמירתא ושית בצפירנא אהורייריה דבי רבי הוה עתיר משבור כלכא כד הוה רמי כיסתא לחיותא הוה אזיל קלא בתלת מילי הוה מכוין דרמי בההיא שעתא דעייל רבי לבית הכסא ואפילו הכי מעבר ליה קליה לקליהו ושמעי ליה נחותי ימא ואפילו הכי יסורי דרבי אלעזר ברבי שמעון עדיפי מדרבי דאילו רבי אלעזר ברבי שמעון מאהבה באו ומאהבה הלכו דרבי על ידי מעשה באו ועל ידי מעשה הלכו . על ידי מעשה באו מאי היא דההוא עגלא דהוו קא ממטו ליה לשחיטה אזל תליא לרישיה בכנפיה דרבי וקא בכי א"ל זיל לכך נוצרת אמרי הואיל ולא קא מרחם ליתו עליה יסורין , ע"י מעשה הלכו יומא חד הוה קא כנישא אמתיה דרבי ביתא הוה שדיא בני כרכושתא וקא כנשא להו אמר לה שבקינהו כתיב

מהם בבהמ"ד נעלמות מהם ונושין כדבר : חביבין - יסורין שהרי שהועילו יסורים של ר"א שלא שלטה בו רמה : בצמירתא . אבן שבמקום קטנים : בצפירנא . חולי שבתוך הפה וכמו מישג"א : אהורייריה . שומר סוסים : כיסתא . מספוא : עבר קליה . דרכי : לקלייהו. דחיותא : תליא לרישיה בכנפיה דרבי . שהכיר דבאו תחת כנפי כסותו : אמרי בבקיע : כנשא ביתא . מכבדת הבית : שדיין כמו כרכושתא

---

ווייל זייא האבען גיזעהן אז הלל קען בעסער רעדען פאר זייא . אלע שאלות וואס מען האט גיפרעגט ביי הלל האט ער געוואוסט צוא ענטפערין . אונ אלע שאלות וואס מען האט ביי זייא גיפרעגט . האבען זייא ניט געוואוסט צוא ענטפערין . אונ זייא זענין פר שעמט געבליבען . האבען זייא גימוזט אפ טרעטין פון דיא נשיאות . נאר רבן שמעון בן גמליאל איז געווען ביי זיך ניעדריג . רבי האט גזאגט ווייל איך זעה אז יסורין זענען געליבט פאר גאט ווארום רבי אלעזר ווייל ער האט געליטען יסורים דריבער האבען אויף אים ניט גיוועלטיגט דיא ווערעם . האט ער אויף זיך גינומען יסורים דרייצעהן יאהר . זעקס יאהר זאל ער האבען יסורים פון צמירתא (דאס איז אשטיין אין בויך געבין די ארין) . אונ זיבען יאהר זאל ער האבען יסורים פון צפירנא (דאס איז אזוי אקראנקייט אין מויל) . אנדערע זאגין פאר קערט זיבען יאהר זאל ער האבען צמירתא אונ זעקס יאהר צפירנא . דער פערד היטער פון רבי איז גיוועזן רייכער פר דעם מלך פון פערסיע . ווען ער פלעגט געבין פיטערונג צוא די בהמות פלעגט מען הערין דעם גישרייא פון די בהמות ביז דריי תחום שבת פלעגט דער פערד היטער אכטונג געבין ער זאל געבין דיא פיטערונג צוא דיא בהמות אין דער צייט ווען רבי איז אריין גיגאנגען אין בית הכסא . דורך דעם גישריי פון די בהמות זאל מען ניט הערין דעם גישריי פון רבי פון זיינע יסורים . זאגט די גמרא פון דעסטוועגין איז דער גישריי פון רבי גיוועזן העכער וויא דער געשרייא פון דיא בהמות . דיא וואס זענען גיפארען אויף דעם ים מיט שיפען פלעגין הערין דעם קול פון רבי . זאגט די גמרא פון דעסטוועגין זענען דיא יסורים פון רבי אלעזר ברבי שמעון גיוועזן ליבער וויא דיא יסורים פון רבי . ווארום דיא יסורים פון רבי אלעזר ברבי שמעון זענען צוא אים גיקומען פון ליבשאפט אונ זייא זענען אוועק גיגאנגען פון אים פון ליבשאפט . ווארום ביי נאכט פלעגט ער זייא רופען זייא זאלין קומען צוא אים . אונ אין דער פריא פלעגט ער זייא הייסען זייא זאלין אוועק גיין פון אים . אונ אזוי איז גיוועזן . אונ דיא יסורים פון רבי זענען גיקומען צוא אים דורך א מעשה . אונ זייא זענען אוועק גיגאנגען פון אים דורך א מעשה . דורך וועלכע מעשה זענען זייא גיקומען צוא אים . מען האט אמאהל געפירט אקאלב מען זאל איר שעכטין . האט דיא קאלב דער זעהן וויא רבי גייט איז זיא צוא גיגאנגען צוא רבי אונ האט בעהאלטען איר קאפ אונטער זיינע קליידער אונ זי האט גיוויינט . האט רבי צוא איר גזאגט גייא דוא ביסט צוא דעם בשאפען גיווארין מען זאל דיך שעכטין . האט מען גזאגט אין הימעל ווייל ער האט ניט קיין רחמנות זאל קומען אויף אים יסורים . אונ דורך וועלכע מעשה זענען זייא אוועק גיגאנגען פון אים . אמאהל האט דיא דינסט פון רבי גיקערט דיא שטוב . זענען גילעגין אויף דער ערד קליינע קעצלאך . האט דיא דינסט גיוואלט זיי אויס קערין . האט רבי צו איר גזאגט לאזין זייא ליגען . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט

רחמנות

סו מוסלין בס כפ הולדה: ואפ"ה. דלא אתא מיטרא כמתהו שני: כי הוו עקרי פוגלא. לנון: ממחרת. מן כערוגה: כוה קיימא בירא מליא מיא. סיתה הגומא עומדה מלאה מים:

שוכרתו בארבע. מהמת יופיו: אכמכיה ברבי. שהיו קוראין אותו רבי כדי שיקרא וישים לבו על ה"ת: ואשלמיה. מסרו לר"ש ללמדו תורה: כל יומא הוה אמר. אותו הבן: לקרייתי אנא איזיל. לעירי אני הפך לילך: סומי עזובה דא. בכבודה הנחתי ואת ולא אלאל עוד לילך: ולוקח נפשות חכם.

כתיב (תהלים קמה) ורחמיו על כל מעשיו אמרי הואיל ומדהס (רחמן) נרחם עליה כולהו שני יסורי דרבי אלעזר לא שכיב אינש בלא זמניה כולהו שני יסורי דרבי לא אצטריך עלמא למטרא דאמר (מר) [רבה] בר רב שילא קשה יומא דמטרא כיומא דדינא ואמר אמימר אי לאו דצריך לעלמא בעו רבנן רחמי עליהו ומבטלי ליה אפילו הכי כי הוו עקרי פוגלא כמשרא הוה קיימא בירא מליא מיא:

ז איקלע רבי לאתרי' דרבי אלעזר בר' שמעון אמר להו יש בן לאותו צדיק אמרו לו יש לו בן וכל זונה שנשכרת בב' שוכרתו בד' אתיוה אסמכיה [כרבי] ואשלמיה לר' שמעון בן איסי בן לקוניא אחוה דאימיה כל יומא הוה אמר לקרייתי אנא איזיל א"ל חכים עבדו יתך וגולתא דדהבא פרסו עליך ורבי קרו לך ואת אמרת לקרייתי אנא איזיל א"ל סומי עזובה דא כי גדל יתיב במתיבתא דרבי שמעיה לקליה אמר הא קלא דמי לקליה דר"א בר"ש אמרו ליה בריה הוא קרי עליה (משלי יא) פרי צדיק עץ חיים ולוקח נפשות חכם פרי צדיק עץ חיים זה רבי יוסי בר' אלעזר בר' שמעון ולוקח נפשות חכם זה ר"ש בן איסי

בן

---

רחמנות אויף אלץ וואס ער האט בשאפען. האט מען גזאגט אין הימעל וויל ער הט רחמנות וועלין מיר רחמנות האבען אויף אים. דיא אלע יאהרין וואס רבי אלעזר האט גיהאט יסורים איז קיין מענטש ניט גישטארבען פאר דיא צייט. אונ דיא אלע יאהרין וואס רבי האט גיהאט יסורים. האט דיא וועלט ניט גידארפט עס זאל גיין רעגין. ווארום רבה בר רב שילא הט גזאגט דער טאג וואס אין אים גייט רעגין איז ער אזוי שלעכט וויא דער טאג וואס מען משפט אין אים דיא וועלט. אונ אמימר האט גזאגט ווען מען וואלט ניט גידארפט דעם רעגין צו דיא וועלט. וואלטין דיא רבנן גיבעטין עס זאל קיין מאהל ניט גיין רעגין. פון דעסטוועגין אפילו עס איז קיין רעגין ניט גיוועזין אז מען האט אויס גריסען א רעטאך פון אזאגאן. איז דיא גריבול פון רעטאך גיוועזן פול מיט וואסער:

ז איקלע. רבי איז אמאהל גיקומען אין דיא שטאט וואו רבי אלעזר ברבי שמעון האט גיוואוהנט. האט רבי גזאגט צוא דיא מענטשין פון שטאט האט דער צדיק רבי אלעזר ברבי שמעון גילאזין א זוהן. האבען זייא גזאגט צוא אים ער האט גילאזין א זוהן. אונ דיא זונה וואס ווערט פאר דונגען פאר צוויי גילדין. זיא נעמט פאר דעם זנות צוויי גילדין. גיט זיא אים פיר גילדין ער זאל מיט איר מזנה זיין. ווייל ער איז זייער שיין. האט מען אים גיבראכט פאר רבי. האט רבי גיהייסען מען זאל אים אויך רופען רבי. אונ רבי האט איבער גיגעבין דעם זוהן פון רבי אלעזר צוא רבי שמעון בן איסי בן לקוניא דער ברודער פון זיין מוטער. ער זאל מיט אים לערנען תורה. אלע טאג פלעגט ער זאגין איך וועל גיין אין מיין שטאט. האט רבי שמעון גיזאגט צוא דעם קינד מען וויל דיך מאכען פאר א חכם. אונ מען וויל דיך אן טאהן א גאלדענע קלייד. אונ מען וועט דיך רופען רבי. אונ דוא זאגסט איך וועל גיין אין מיין שטאט. האט דער זוהן פון רבי אלעזר גיזאגט איך שווער איך זאל שוין דאס פאר לאזין. איך וועל שוין ניט מער זאגין איך וויל גיין אין מיין שטאט. אז דער זוהן פון רבי אלעזר איז גרוים גיווארין. איז ער גיזעסין אין דער ישיבה פון רבי. האט רבי גיהערט זיין קול. האט רבי גיזאגט דער קול איז גלייך צו דעם קול פון רבי אלעזר ברבי שמעון. האט מען גיזאגט צוא רבי ער איז א זוהן פון רבי אלעזר. האט ער אויף אים גילייענט דעם פסוק פרי צדיק עץ חיים ולוקח נפשות חכם. דיא פרוכט פון צדיק ודיא קינדער פון צדיקו איז א בוים פון לעבין דאס מיינט מען רבי יוסי דער זוהן פון רבי אלעזר ברבי שמעון. אונ דער וואס

קויפט

בן לקוניא כי נח נפשיה אמטיוהו למערתא דאבוה הוה הדרא לה עכנא למערתא אמרו לה עכנא עכנא פתחי פיך ויכנס בן אצל אביו לא פתחה להם כסבורים העם לומר שזה גדול מזה יצתה בת קול ואמרה לא מפני שזה גדול מזה זה היה בצער מערה וזה לא היה בצער מערה:

ח איקלע רבי לאתריה דרבי טרפון אמר להו יש בן לאותו צדיק שהיה מקפח את בניו אמרו לו בן אין לו בת יש לו וכל זונה שנשכרת בב' שוכרתו בארבע אתיוהו לקמיה א"ל אי הדרת בך יהיבנא לך ברתאי הדר ביה א"ד נסבה וגרשה א"ד לא נסבה כלל כדי שלא יאמרו בשביל זו חזר זה ולמה ליה כולי האי דאמר רב יהודה אמר רב ואמרי לה א"ר חייא בר אבא א"ר [יוחנן ואמרי לה א"ר שמואל בר נחמני א"ר] יונתן כל המלמד את בן חבירו תורה זוכה ויושב בישיבה של מעלה שנאמר (ירמיה טו) אם תשוב ואשיבך לפני תעמוד כל המלמד את בן עם הארץ תורה אפילו

שמלמדו תורה קורהו לבן: בצער מערה. שנחבאו שם רשב"י ורבי אלעזר בנו י"ג שנה במסכת שבת: שמקפח את בניו. שהיה רגיל לומר אקפח את בני כשנשבע: ורבי למה ליה כולי האי. לחזור על בני אחרים לשאול אם יש לו בן: אם תשוב. ישראל למוטב בהוכחתך: ואשיבך אלי ולפני תעמוד.

---

קיפט נפשות איז אהכם. דאס איז רבי שמעון בן איסי בן לקוניא וואס ער האט גילערונט תורה מיט דעם זוהן פון רבי אלעזר. אונ אז מען לערונט תורה מיט אפרעמדין קינד איז גלייך וויא ער וואלט אים גיקויפט פאר אזוהן. אז דער זוהן פון רבי אלעזר איז גישטארבין האט מען אים גיוואלט ארין טראגין אין דער מערה צוא זיין פאטער. האט אשלאנג ארומגערינגילט דיא מערה אונ האט ארין גינומען דעם ווידול אין מויל. האט מען ניט גיקענט ארין גיין אין דיא מערה: האט מען גיזאגט צום שלאנג. שלאנג העפין דיין מויל אונ נעם ארוים דעם ווידול פון מויל. וועט ארין גיין דער זוהן צום פאטער. האט דער שלאנג ניט גיהעפינט. האט דאס פאלק גיוואלט זאגין אז רבי אלעזר איז גרעסער וויא זיין זוהן. איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט. נישט ווייל דער פאטער איז גרעסער פאר דעם זוהן דריבער קען ניט דער זוהן אריין קומען אין דיא מערה. זייא זענען ביידע גלייך: נאר ווייל רבי אלעזר האט אמאהל גיהאט צער אין דער מערה ווער האט גילערונט מיט זיין פאטער דרייצעהן יאהר אין דער מערה דריבער איז ער זוכה צו ליגען אין דיא מערה. אבער דער זוהן האט קיין מאהל ניט גיהאט צער אין דער מערה. דריבער איז ער ניט זוכה צוא ליגען אין דער מערה:

ח איקלע. רבי איז אמאהל גיקומען אין דיא שטאט ווא רבי טרפון האט גיוואנט. האט ער גיפרעגט ביא דיא מענטשין פון שטאט האט דער צדיק רבי טרפון גילאזין אזוהן. ווארום רבי טרפון פלעגט אלע מאהל שווערין ביא זיינע קינדער. האבען דיא מענטשין פון שטאט גיזאגט צו רבי אזוהן האט ער ניט. אזוהן פון אטאכטער (אאייניקיל) איז דא אונ דיא זונה וואס פאר דינגט זיך צום זונה זיין מיט איר פאר צוויא גילדין. גיט זיא אים איר גילדין ער זאל מיט איר זונה זיין. ווייל ער איז גיוועזן שיין. האט מען דעם אייניקול גיבראכט פאר רבי. האט רבי צוא אים גזאגט אויב דו וועסט תשובה טאהן וועל איך דיר געבין מיין טאכטער פאר אווייב. האט ער תשובה גיטאהן. אנדערע זאגין ער האט טאקי חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון רבי. נאר ער האט איר גיגט. אנדערע זאגין ער האט מיט איר ניט חתונה גיהאט. מען זאל ניט זאגין ער האט תשובה גיטאהן דורך דיא ווייב. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רבי אזוי נאך גיזוכט אויף דיא קינדער פון דיא תנאים זייא פרום צו מאכין. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין. אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין. דער וואס לערינט תורה מיט זיין חברים זוהן איז ער זוכה צו זיצען אין דער ישיבה וואס אין הימעל: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו ירמיה הנביא אויב דו וועסט צוריק קערין דיא יודין צו מיר. וועל איך דיך צוריק

אפילו הקב"ה גוזר גזירה מבטלה בשבילו שנא' (ירמיה טו) ואם תוציא יקר מזולל כפי תהיה :
ט א"ר פרנך א"ר יוחנן כל שהוא ת"ח ובנו ת"ח ובן בנו ת"ח שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעולם שנאמר (ישעיה נט) ואני זאת בריתי אותם אמר וגו' לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם . מאי אמר ה' אמר הקב"ה אני ערב לך בדבר זה מאי מעתה ועד עולם אמר רבי ירמיה מכאן ואילך התורה מחזרת על אכסניא שלה :
י רב יוסף יתיב ארבעין תעניתא ואקריוה לא ימושו מפיך יתיב מ' תעניתא אחרינא ואקריוה לא ימושו מפיך ומפי זרעך יתיב מאה") תעניתא אחרינא ואקריוה לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר מכאן ואילך לא צריכנא תורה מחזרת על אכסניא שלה :
יא רבי זירא כי סליק לארעא דישראל יתיב מאה תעניתא דלישכח תלמודא דבבלאה מיניה כי היכי דלא נטרדיה יתיב ק' תעניתא אחרנייתא דלא לישכוב

רש"ל גרים מ' ")

**פירוש**

הקב"ה אמר לי שתשמוד והתקיים לפניו את אוכל לבסיבכם : יקר מזולל . תלמיד חכם מעם הארץ : מפיך ומפי וגו' אמר ה' גו' . הקב"ה אמר כן אני ערב מעתה שלא ימוש עד עולם : ארבעין תעניתא . שלא תפסוק תורה מזרעו :
תלמודא דבבלאה . גמרא שלנו : דלא נטרדיה . כשעלה לא"י ללמוד מפי רבי יוחנן והמורגלים שבא"י לא היו בני מחלוקת וגוהין זה לזה כבמן כדאמרי' בסנהדרין ומייסבין את הטעמים בלא קושיות ופירוקין :

---

צריק קערין צו מיר אונ דו וועסט שטיין פאר מיר . דער וואס לערונט תורה מיט אוזהן פון אעם הארץ . אפילו גאט איז גוזר אשלעכטע גזרה , איז ער זיא מבטל פון זיינעטוועגין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב דו וועסט אויסציהען טייער פון פראסט ופון אעם הארץ וועסטו מאכין אלמדן , זאגט גאט וועסטו זיין אזוי וויא מיין מויל :

ט אמר . רבי פרנך האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז ער איז אתלמיד חכם . אונ זיין זוהן איז אתלמיד חכם . אונ זיין אייניקול איז אתלמיד חכם . וועט שוין דיא תורה קיין מאהל ניט אוועק גיין פון זיינע קינדער . וועלין שוין אלע דורות זיין תלמידי חכמים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך מאך מיט זייא אפאר בינדונג אז דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל אונ פון דעם מויל פון דיינע קינדער אונ פון דעם מויל פון דיינע קינדערס קינדער . האט גאט גזאגט פון איצט ביז אייביג . וואס האט גאט גזאגט . גאט האט גזאגט איך בין דיר ערב (איך גראנאטיר דיר) אויף דער זאך . וואס מיינט מען פון איצט ביז אייביג . האט רבי ירמיה גזאגט פון דריטען דור אונ ווייטער גייט שוין דיא תורה אין איר גאסט הויז . אזוי וויא זיא איז ביז איצט גיוועז ביי דיא עלטערין . אזוי וועט זיא זיין ווייטער ביי דיא קינדער :

י רב יוסף האט גיפאסט פערציג תעניתים דיא תורה זאל ניט אוועק גיין פון זיינע קינדער . האט מען אים גימאכט לייענען אין חלום דעם פסוק לא ימושו מפיך . דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל . האט ער גיפאסט נאך פערציג טעג האט מען אים גימאכט לייענען אין חלום דעם פסוק דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל אונ ניט פון דעם מויל פון דיינע קינדער . האט ער גיפאסט נאך פערציג טעג . האט מען אים גימאכט לייענען אין חלום דעם פסוק דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל אונ ניט פון דעם מויל פון דיינע קינדער אונ ניט פון דעם מויל פון דיינע קינדערס קינדער . האט רב יוסף גזאגט פון דריטען דור אונ ווייטער דארף איך שוין ניט בעטין . ווארום דיא תורה גייט אין איר גאסט הויז :

יא רבי זירא אז ער איז גיקומען אין ארץ ישראל האט ער גיפאסט הונדערט טעג פון אים זאל פאר געסין ווערין דיא גמרא וואס ער האט גילערונט אין בבל . עס זאל אים ניט מישען אין קאפ דיא גמרא פון בבל צו זאמען מיט דיא גמרא פון ארץ ישראל . דער נאך האט

ער

לישבוב רבי אלעזר בשניה ונופלין עילויה מילי דצבורא ויתיב ק' אחריני דלא נשלוט ביה נורא דגיהנם כל תלתין יומין הוה בדק נפשיה שגר תנורא סליק ויתיב בגויה ולא הוה ש טה ביה נורא יומא חד יהבו ביה רבנן עינא ואיחרכו שקיה וקרי ליה קטינא חריך שקיה :

יב אמר [רב יהודה אמר רב] (ירמיה ט) מי האיש החכם ויבן את זאת [ואשר דבר פי ה' אליו ויגידה] על מה אבדה הארץ (דבר זה) (ע"ג) אמרו חכמים ולא פירשוהו אמרו נביאים ולא פירש.הו עד שפרשו הקב"ה בעצמו שנאמר (שם) ויאמר ה' על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם אמר רב יהודה אמר רב שלא ברכו בתורה תחלה אמר רב (נחמן) [חמא] מ"ד (משלי יד) בלב נבון תנוח חכמה ובקרב כסילים תודע . בלב נבון תנוח חכמה זה ת"ח בן ת"ח . ובקרב כסילים תודע זה ת"ח בן עם הארץ . אמר עולא היינו דאמרי אינשי אסתירא בלגינא קיש קיש קריא . אמר ליה רבי ירמיה לרבי זירא מאי דכתיב (איוב ג) קטן וגדול שם הוא ועבד

קטינא חריך שקים . דאיש נוגא הוא : דבר זה . על מה אבדה הארץ : אמרו חכמים . מי האיש החכם : אמרו הנביאים. ואשר דבר פי ה' אליו : שלא ברכו בתורה תחלה . כשהיו עוסקין בתורה לא היו מברכין לפניה וק"א יתירא דאשר נתתי לפניהם קא דריש ברכה אשר נתן לנו תורת אמת שהיא לפניה בל דברי תורה וכיון דלא מברכין גלו דעתייהו שאינה מתנה חשובה להם : תודע . מודיע לכל ומתפאר בכתרה : בן עם הארץ. היינו בקרב כסילים משפחת כסילים : אסתירא בלגינא . סלע אחד בלגינא : קיש קיש קריא . מקשקש ומשמיע קול ואם היה מלא סלעים לא היה משמיע קול :

ער גיפאסט נאך הונדערט טעג רבי אלעזר זאל ניט שטארבין אין זיין צייט וועט ניט פאלין אויף אים דער פירונג פון ארץ ישראל . וועט ער זיין רוהיג צו לערנען תורה. דער נאך האט ער גיפאסט נאך הונדערט טעג עס זאל אויף אים ניט גיוועלטיגען דער פייער פון גיהנם אלע דרייסיג טעג האט ער זיך גיפרובט . ער האט אויבגיהייצט אהויבין אונ איז אריין גיגאנגען אין הויבין אונ איז גיוועסין איניהייניג אונ דער פייער האט אים ניט גיברענט . אמאהל האבען דיא רבנן אים גיגעבין אעין הרע זענען אפ גיזענקט גיווארין זייגע קניא . האט מען אים גירופין קטינא חריך שקיה . דער קלייגער מיט דיא אפ גיזענקטע קניא . ווארום רבי זירא איז גיוועזן אקליינער :

יב אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק ווער איז דער קלוגער מענטש ער זאל דאס פאר שטיין . אונ ווער איז דער מענטש וואס די מויל פון גאט האט צוא אים גירעט אונ ער זאל דאס זאגין . פאר וואס איז פאר לארין גיווארין דיא ערד . דיא חכמים האבען גזאגט אונ האבען דאס ניט בשיידט . דיא נביאים האבען גזאגט אונ האבען דאס ניט בשיידט . ביז גאט אליין הט די זאך בשיידט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאט האט גזאגט ווייל זייא האבען פאר לאזין מיין תורה וואס איך האב גיגעבין פאר זייא . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין תורה האבען זייא גילערונט . נאר פאר דעם לערנען האבען זיי ניט גימאכט קיין ברכה אויף דער תורה . רב ח"א האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אין די הארץ פון דעם פאר שטאנדיגען רוהט דיא חכמה . אונ צווישען דיא נארין ווערט זיא בעוואוסט . אין דיא הארץ פון דעם פארשטאנדיגען רוהט דיא חכמה . דאס מיינט מען אתלמיד חכם וואס ער איז אזוהן פון אתלמיד חכם . אין זיין הארץ רוהט דיא תורה . ער בערימט זיך ניט מיט איר . אונ צווישען דיא נארין ווערט בעוואוסט די חכמה . דס מיינט מען אתלמיד חכם וואס ער איז אזוהן פון אעם הארץ . ער דער ציילט פאר אלע מענטשין אז ער קען לערנען אונ בערימט זיך מיט זיין תורה . עולא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען אז איין טאלער ליגט אין אקריגול קלאפט דאס . אונ דער קריגול דער ציילט פאר אלע מענטשין אז אין אים ליגט עפעס . אבער אז דער קריגול וואלט גיוועזן פול מיט געלט . וואלט נאר ג ט גיקלאפט אונ ק נער וואלט ניט וויסען אז אין דעם קריגול איז דא געלט . רבי ירמיה האט גזאגט צוא רבי זירא עס שטייט אין פסוק קליין אונ גרויס זענען דארטין אונ אקנעכט איז פרייא פון זיין בעל הבית . וואס דער ציילט איוב ווייסען

ועבד חפשי מאדוניו. אטו לא ידעינן דקטן וגדול שם הוא אלא כל המקטין עצמו על דברי תורה בעה"ז נעשה גדול לעה"ב וכל המשים עצמו כעבד על ד"ת בעה"ז נעשה חפשי לעה"ב:

יג ר"ל הוה מציין מערתא דרבנן כי מטא למערתא דר' חייא איעלמה מיניה חלשא דעתיה אמר רבש"ע לא פלפלתי תורה כמותו יצתה בת קול ואמרה לו תורה כמותו פלפלת תורה כמותו לא רבצת כי הוו מינצו רבי חנינא ורבי חייא א"ל רבי חנינא לרבי חייא בהדי דידי קא מנצית ח"ו אי משתכחת תורה מישראל מהדרנא לה מפלפולי א"ל ר' חייא לרבי חנינא בהדי דידי קא מנצית דעבדי לתורה דלא תשתכח מישראל מאי עבידנא אזלינא ושדינא כיתנא וגדלינא נישבי וצידנא טביי ומאכילנא בשרייהו ליתמי ואריכנא מגילתא וכתיבנא חמשה חומשי וסליקנא למתא ומקרינא חמשה ינוקי בחמשה חומשי ומתנינא שיתא ינוקא שית' סדרי ואמרנא להו עד דהדרנא ואתינא אקרו אהדדי ואתנו אהדדי ועבדי לה לתורה דלא תשתכח מישראל היינו דאמר רבי גדולים

מעשה

פירוש

מציין מערתא דרבנן. שלא יכשלו כהנים לעבור עליהם ולהאהיל שלא תהרע הקלה על ידי לדיקים: איעלמה מיניה. לא יכול למצוא מקומו: רבצת. עלתרים לשון כמרבין שדהו ומשקה: רבי חנינא. ברבי חמא: בדינא כיתנא. זורע אני זרעוני פשתן: צידנא. מצליך: וגדלינא נישבי. וקולע אני ממנו רשתות ומכמורות: וצידנא טביי. ואני צד לביים: ואריכנא מגילתא. ומתקן אני בעורותיהם קלפים: וסליקנא למתא. למקום שאין מלמדי תינוקות: למחשה ינוקי. לכל חד ספרו: ומתנינא. על פה שיתא סדרי משנה לשיתא ינוקי: אקרו אהדדי. למדו זה את זה מקראות: ואתנו אהדדי. למדו זה

---

ווייסען מיר דען ניט אז דארט אויף יענע וועלט איז גרוס מיט קליין גלייך. נאר אזוי מיינט מען דער וואס מאכט זיך קליין אויף דיא תורה אויף דיא וועלט. ווערט ער גרויס אויף יענע וועלט. אונ דער וואס מאכט זיך וויא א קנעכט אויף דיא תורה אויף דיא וועלט. ווערט ער פרייא אויף יענע וועלט:

יג ריש לקיש פלעגט בעצייכענען אלע קעלערס וואס אינווייניג זענען ניוועזן גישטארבענע רבנן. וויא גרוס דער קעלער איז גיוועזן אינווייניג. האט ער אים בעצייכונט פון הויבין. אויף דעם ארט זאלין ניט גיין כהנים ווארום זייא וועלין טמא ווערין. וויא ריש לקיש איז גיקומען צוא דעם קעלער וואס אין אים איז רבי חייא גילעגין. האט ער ניט געוואוסט וואו דער קעלער איז הין געקומען. האט ריש לקיש גיהאט גרויס צער אונ הט גזאגט פר גאט רבונו של עולם האב איך דען ניט גילערונט תורה מיט אזוי א חכמה וויא רבי חייא. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט צוא ריש לקיש דוא האסט טאקי גילערונט תורה מיט אזוי א חכמה וויא רבי חייא. דו האסט אבער ניט גילערונט מיט אנדערע אזוי פיל תורה וויא רבי חייא. ווען רבי חנינא אונ רבי חייא האבען זיך געקריגט. האט רבי חנינא גזאגט צוא רבי חייא מיט מיר קריגסטו, ווען חס ושלום דיא תורה וועט פאר געסין ווערין פון יודין וועל איך איר צוריק דער מאנען מיט מיין חכמה. האט רבי חייא גזאגט צו רבי חנינא מיט מיר קריגסטו. איך האב גימאכט דיא תורה זאל ניט פאר געסין ווערין פון יודין. וואס האב איך גיטאהן. איך בין גיגאנגען אונ האב פר זייט פלאקס. אז דיא פלאקס איז אויף גיוואקסען האב איך גיפלאכטען פון דיא פלאקס נעצין. אונ האב גיפאנגען הערשין. אונ האב זייא גישאכטען. די פלייש פון דיא הערשין האב איך גיגעבין עסין צוא יתומים. פון דיא פעל האב איך גימאכט פארמעט אויף דיא פארמעט האב איך געשריבען דיא פינף חומשים פון דיא תורה. אונ בין גיקומען אין א שטאט וואס דארט זענען ניטא מלמדים. אונ האב גינומען פינף קינדער. אונ האב אוים גילערונט דיא פינף קינדער דיא פינף ספרים. איך האב גילערונט מיט יעדער קינד איין ספר פון דיא תורה. דער נאך האב איך גינומען זעקס קינדער אונ האב אוים גילערונט דיא זעקס קינדער דיא זעקס סדרים משניות: איך האב גילערונט מיט יעדער קינד איין סדר משניות. אונ איך האב זייא פאר זאגט ביז איך וועל נאך א מאהל קומען. זאלט איר אוים לערנען איינער דעם אנדערין דעם ספר חומש אונ דעם סדר משניות. ביז יעדער קינד זאל קענען דיא גאנצע תורה אונ דיא גאנצע משניות.

האב

מעשה חייא א"ל רבי ישמעאל ברבי יוסי אפילו ממר א"ל אין אפילו מאבא א"ל ח"ו לא תהא כזאת בישראל. א"ר זירא אמש נראה לי ר' יוסי בר ר' חנינא אמרתי לו אצל מי אתה תקוע אמר לי אצל רבי יוחנן ורבי יוחנן אצל מי אצל רבי ינאי ורבי ינאי אצל מי אצל רבי חנינא ורבי חנינא אצל מי אצל רבי חייא אמרתי לו ורבי יוחנן אצל רבי חייא לא אמר לי באתר דזיקוקין דנורא ובעורין דאשא כאן מעייל בר נפחא לתמן . א"ר חביבא אשתעי לי רב חביבא בר סורמקי חזי ליה החוא מרבנן דהוה שכיח אליהו גביה דלצפרא הוו שפירין עיניה ולאורתא דמיין כד מיקליין בנורא אמרי ליה מאי האי אמר לי דאמרי ליה לאליהו אחוי לי רבנן כי סלקי במתיבתא דרקיע אמר לי בכולהו מצית בהו לאיסתכולי לבר מגוהרקא דרבי חייא דלא תסתכל ביה מאי סימנייהו בכולהו אזלי מלאכי כי סלקו ונחתי לבר מגוהרקא דרבי חייא דמנפשיה סליק ונחית ולא מצאי לאוקמי אנפשאי איסתכלי ביה אתו תרי בוטיטי דנורא ומחייה להחוא גברא וסמינהו לעיניה למחר אזלי אשתטחי אמערתיה

את זה סדרו : לא תהא כזאת בישראל . לא תאמר זאת בישראל : אמש נראה לי . בחלום: תקוע. ויושב בישיבה של מעלה: ורבי יוחנן אצל רבי חייא לא : אמרתי אני וכי אין רבי יוחנן ראוי לישב אצל רבי חייא : ובעורין . תרגום דלפידים : דלצפרא הוו שפירין עיניה . בבקר ראיתי את עיניו יפות ולערב ראיתיו דומות כאילו נכוו באור : אמרי ליה . אמרתי לו : דאמרי . אמרתי לאליהו : גוהרקא . קתדרא: בוטיטי. ניצוצות בונקלייא"ש בלע"ז : מתניתא

---

האָב איך דאָך געמאַכט אַז די תורה זאָל ניט פאַר געסין ווערין פון יודין . דאָס איז וואָס רבי האָט געזאָגט די מעשים פון חייא זענען גרויס . האָט רבי ישמעאל בּרבּי יוסי געזאָגט צו רבי זענען די מעשים פון רבי חייא נאָך גרעסער וויא דיינע מעשים . האָט רבי געזאָגט יאָ . האָט רבי ישמעאל געזאָגט צו רבי זענען די מעשים פון רבי חייא גרעסער וויא די מעשים פון מיין פאָטער . האָט רבי געזאָגט חס ושלום אַזעלכעס וועלין יודין ניט זאָגין . געוויס זענען די מעשים פון דיין פאָטער געווען גרעסער וויא די מעשים פון רבי חייא . רבי זירא האָט געזאָגט נעכטין ביי נאַכט האָב איך געזעהן אין חלום רבי יוסי בּרבּי חנינא . האָב איך געזאָגט צו אים נעבּין וועמען זיצט איהר אין דער ישיבה וואָס אין הימעל . האָט רבי יוסי געזאָגט ער זיצט נעבּין רבי יוחנן . און רבי יוחנן זיצט נעבּין רבי ינאי . און רבי ינאי זיצט נעבּין רבי חנינא . און רבי חנינא זיצט נעבּין רבי חייא . האָב איך געזאָגט צו רבי יוסי און רבי יוחנן איז ניט ווערט צו זיצען נעבּין רבי חייא . האָט רבי יוסי צו מיר געזאָגט אמשל . דעם שמיד דאַרף מען ער זאָל מיט זיין בּלאָז זאַק אויף בּלאָזין פייער . דאָס איז נאָר אַז עס איז דאָ קליינע פונקען פייער דאַרף ער זייא אויף בּלאָזין . אָבּער אויף דעם אָרט וואו עס זענען פונקען פייער און פלאַמען פייער . ווער דאַרף דאָרט בּריינגען דעם שמיד . אָן דעם שמיד איז אויך דאָ געגוג פייער . אַזוי דאָ אויף דעם אָרט וואו רבי חנינא מיט רבי חייא זיצען . ווער דאַרף דאָרט צו האָבּען רבי יוחנן . רב חביבא האָט געזאָגט מיר האָט דער ציילט רב חביבא בּר סורמקי איך האָב געזעהן אַלמדן איינער פון די רבנן . וואָס אליהו הנביא פלעגט צו אים קומען . אין דער פריא האָב איך געזעהן זיינע אויגען זענען זייא געווען שיין . בּיי נאַכט האָב איך געזעהן זיינע אויגען האָבּען זייא אויס געזעהן חיא פאַר בּרענט אין פייער . האָב איך געפרעגט בּיי דעם למדן ער זאָל מיר זאָגין וואָס דאָס איז . האָט דער למדן מיר גזאגט איך האָב אַמאָהל געזאָגט צו אליהו וועיז מיר די רבנן ווען זייא גייען אַרויף אין דער ישיבה וואָס אין הימעל . האָט אליהו צו מיר געזאָגט אויף אַלע רבנן וועסטו קענען קוקען . נאָר אויף די שטוהל פון רבי חייא וועסטו ניט קענען קוקען . האָב איך געזאָגט צו אליהו זאָג מיר אַסימן איך זאָל וויסען וועלכע שטוהל איז רבי חייאס . האָט אליהו געזאָגט צו מיר בּייא אַלע רבנן גייען מיט מלאכים ווען זייא גייען אַרויף און ווען זייא גייען אַראָפּ . אויסער די שטוהל פון רבי חייא . ער גייט אַליין אַרויף און גייט אַליין אַראָפּ . און איך האָב מיך ניט געקענט איין האַלטען . און האָב געקוקט אויף רבי חייא . זענען בּאַלד געקומען צוויי פונקען פייער און האָבּען מיך געשלאָגין אין די אויגען : און האָבּען בּליינד געמאַכט מיינע אויגען

אמערתיה אמינא מתניתא דמר מתנינא ואתפאי אליהו הוה שכיח במתיבתא דרבי יומא חד ריש ירחא הוה נגה ליה ולא אתא א"ל מ"ט נגה ליה למר אמר ליה אדאוקמינא לאברהם (ומשי) [ומשינא] ידיה ומצלי ומגנינא ליה וכן ליצחק וכן ליעקב ולוקטינהו בהדי הרדי סברי תקפי ברחמי ומייתי ליה למשיח בלא זמניה א"ל יש דוגמתן בעה"ז א"ל איכא רבי חייא ובניו גזר רבי תעניתא ואחתינהו לרבי חיא ובניו אמר משיב הרוח ונשב זיקא אמר מוריד הגשם ואתא מטרא כי מטא למימר מחיה המתים רגש עלמא אמרי ברקיע מאן גלי רזיא בעלמא אמרי אליהו אתיוהו לאליהו מחיוהי שתין פולסי דנורא אתא אידמי להו כדובא דנורא על בינייהו וטרדינהו :

דמר קא מתנינא . תוספתא של הזוני שסיור לשבה סדרים אני שונה תמיד דרבי הייא סדרה להוספתא כדאמרי' בעלמא רבי לא שנאה רבי חייא מנא ליה ואמרינן כל מתניתא דלא מיתנייא בי רבי חייא ורבי אושעיא לא תותבו מינה בבי מדרשא: תקפי ברחמי. מרבין בתפלה : ומייתי למשיח בלא זמנו . לכך אין רוצין לי רשות לעמוד יחד : יש דוגמתן . שתפלתן כשמעת תפלתן : פולסי . הכטת מלקות :
שמואל ירחינאה . הוא שמואל כר אבא הכינה של רב ועל שכיה בקי בכוד העיבור כדאמרינן במסכת ר"ה אמר שמואל יכילנא להקני כולה גלותה קרי ליה ירחינאה : אימלי לך כמא . בתוך העין : אשטר לך משטר . אמשח לך על גב העין . משטר פסקה מולי"ר בלע"ז כדאמרינן בפסחים גבי כותח הבבלי (חומץ האדומי) משטר קשטר מטבל סתו : גובהא . קנ הלול : הותי בי כדיא . תחת מראשותיו וכוקע כת חוזק הכס והולך דרך עלם גולגלתו

יג שמואל ירחינאה אסייה דרבי הוה חלש רבי בעיניה א"ל אימלי לך סמא א"ל לא יכילנא אשטר לך משטר אמר ליה לא יכילנא הוה מותיב ליה

---

אויגען . אויף מארגין בין איך גינאנגען אונ האב מיך פאר שפייט אויף דיא מערה פון רבי חייא . אונ האב גזאגט איך לערין דיא ברייתות וואס דער רבי האט גימאכט . בין איך גיזונד גיווארין . אליהו הנביא פלעגט אלע מאהל קומען אין דער ישיבה פון רבי . אמאהל איז גיוועזן ראש חודש אונ עס איז שוין שפעט גיוועזן אונ ער איז נאך ניט גיקומען . דער נאך אז ער איז געקומען האט רבי צוא אים גזאגט פאר וואס ביסטו היינט אזוי שפעט גיקומען . האט אליהו גזאגט ביז איך האב אויף גיוועקט אברהם אונ האב אים גיוואשען זיינע הענט . אונ ער האט גידאווינט אונ האב אים צוריק פר שלעפערט . אונ אזוי האב איך גיטאהן מיט יצחק . אונ אזוי האב איך גיטאהן מיט יעקב . דער וייל איז שפעט גיווארין : האט רבי גיפרעגט צו אליהו פאר וואס האסטו ניט אויף גיוועקט אלע דריי מיט איין מאהל . האט אליהו גיזאגט מען האט מורא גיהאט טאמער ווערין זייא דאווענען אלע דריי מיט איין מאהל אונ זייא וועלין שטארק בעטין . וועלין זייא ברייגגען משיח פאר דער צייט . דריבער האב איך זייא גימוזט אויף וועקין איינציג וייז . האט רבי גזאגט צוא אליהו איז דא אויף דער וועלט אזוי אגלייכען . זייא זאלין קענען ברייגגען משיח מיט זייער תפלה . האט אליהו גזאגט עס איז דא רבי חייא מיט זיינע קינדער . האט רבי גוזר גיוועזן מען זאל פאסטען . אונ ער האט גיהייסען רבי חייא מיט זיינע קינדער זאלין גיין צום עמוד דאווענען . האט רבי חייא גזאגט משיב הרוח . גאט מאכט בלאזין אווינט . האט גיבלאזין אווינט . ער האט גזאגט מוריד הגשם . גאט מאכט נידעריין רעגין . האט גענידערט רעגין . וויא רבי חייא האט גיוואלט זאגין מחיה המתים האט אציטער גיטאהן דיא וועלט . האט מען גזאגט אין הימעל ווער האט אויס גזאגט דעם סוד אויף דער וועלט אז רבי חייא מיט זיינע קינדער קענען לעבעדיג מאכען דיא טויטע אונ ברייגגען משיח פאר דער צייט מיט זייער תפלה . האט מען גזאגט אליהו האט דאס אויס גזאגט . האט מען גיברייגגט אליהו אונ מען האט אים גישלאגין זעכציג מלקות מיט אפייערדיגען שטעקין : אונ אליהו האט זיך באלד פאר שטעלט וויא אפייערדיגער בער . אונ ער איז אריין גילאפען אין שוהל גישווינד צווישען דיא מענטשין . אונ האט זייא פאר מישט דאס דאווענען איז רבי חייא מיט זיינע קינדער שטיל גיווארין .

יד שמואל ירחינאה איז גיוועזן דער דאקטאר פון רבי . אמאהל איז בייא רבי שלאף גיוועזן אאויג . האט שמואל גזאגט צוא רבי איך וועל דיר אריין שיטען אין אויג אזוי אפראשעק . האט

ליה סמכי בגובתא תותי בי סדיא ואיתסי׳ הוה קא מצטער רבי למסמכיה ולא הוה מסתייעא מלתא א״ל לא לצטער מר לדידי חזי לי ספ״א דאדם הראשון וכתיב ביה שמואל ירחינאה (דף ש) חכים יתקרי רבי לא יתקרי ואסו דרבי על ידו תהא, רבי ורבי נתן סוף משנה רב אשי ורבינא סוף הוראה וסימניך (תהלים עג) עד אבא אל מקדשי אל אבינה לאחריתם:

מן אמר רב כהנא אשתעי לי רב חמא בר ברתיה (דחמא) [דחסא] רבה בר נחמני אגב שמדא נח נפשיה אכלי ביה קורצא בי מלכא אמרו איכא חד גברא ביהודאי דקא מבטל תריסר אלפי גברא מישראל ירחא בקיטא וירחא בסיתוא מכרגא דמלכא שדרו פריסתקא

ומוחו עד עיניו: הוה מצטער רבי למסמכיה. פתח ומהפכן לסומכו לפי שהכם בקי היה כל כך: ולא הוה מסתייעא מלתא. שהיתה השעה נטרפת או לא היו השכמים מספים: ס״א. חכים אתקרי רבי לא אתקרי: ספרא דאדם הראשון. בהראהו הקב״ה דור דור וסופריו דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו: רבי ורבי נתן סוף המשנה. כל זה כתוב לשם: סוף משנה. סוף תנאים עד ימיהן אמרו איש את דבריו בבהמ״ד והיו התלמידים גורסין שמועה שמועה לבדה ולא היו מסכתות סדורות וסדר על הסדר והם כלגו האמור בדורות שלפניה׳ וסדרו את המסכתות ואחריהם לא הוסיפו אלא מעט: סוף הוראה. סוף כל האמוראין עד ימיהם לא היתה גמרא על הסדר אלא כשהיתה שאלה נשאלת בטעם המשנה בבהמ״ד או שאלה על מעשה כמאורע בדין ממון או איסור והיתר כל אחד ואחד אומר טעמו ורב אשי ורבינא סדרו שמועות אמוראים שלפניהם וקבעו על סדר המסכתות כל א׳ וא׳ ואחד אצל המשנה הראויה השמיה לה והקשו קושיות שיש להשיב ופירוקין הראויין לתרץ והאמוראים בעמהם וקבעו הכל בגמרא כגון איתיביה מותיב ותמיהו איבעיא להו והפירוקין שעליהם ומה שפיירי אותם שלפניהם אותם שאמרו לפניהם הקושיות והפירוקין [שעליהם] לא קבעום בגמרא על סדר המסכתות והמשנה שסידר [רבי] וכאו רב אשי ורבינא וקבעום: וסימנך עד אבא אל מקדשי אל. מקדשי סימנא דרב אשי: אבינה. סימנא דרבינא: לאחריתם. סימן סוף הוראה:

רבה בר נחמני. בר פלוגתיה דרב יוסף: אגב שמדא נח נפשיה. מחמת אימת מלכות מת. דקא מבטל. וכו׳ שנקבצין אליו במים והשרי לשמוע דרשות של פסח ושל חגים והמתקבצין שלותי המלך לגבות המס גולגולת של כל אדם ואדם אינם מוצאי בבתיהם

---

רבי גזאגט איך וועל ניט קענען ליידין. האט שמואל גזאגט צוא רבי איך וועל דיר בשמירען אמאשטש אויף דעם אויג. האט רבי גזאגט איך וועל ניט קענען ליידין. האט שמואל אריין גילייגט אזוי אקרייטער אין ארעדיל אונ האט גילייגט דיא רעדיל מיט דיא קרייטער אונטער דיא קישען וואס רבי איז אויף איר גילעגין. אונ די שטארקייט פון די קרייטער איז אריין גיגאנגן אין דיא קישען אונ אין קאפ פון רבי ביז אין מוח אונ אין דיא אויגען. אונ דאס האט גיהיילט דיא אויג. אונ רבי איז געזונד גיווארין. האט רבי גזאגט אז דיא חכמים זאלין רופען שמואלין רבי אונ ער זאל מעגין פסקנן דין תורות אונ שאלות. אונ רבי האט דאס ניט גיקענט אויס פירען. האט רבי גיהאט פון דעם גרויס צער. האט שמואל גזאגט צוא רבי דוא זאלסט דיך ניט מצער זיין. איך האב גיזעהן דעם ספר פון אדם הראשון וואס דארט זענען פאר שריבען אלע רבנים. שטייט דארטין שמואל ירחינאה וועט נאר גירופען ווערין חכם. אונ ניט רבי. אונ דיא היילונג פון רבי וועט זיין דורך אים. נאך שטייט דארטין אין דעם ספר רבי אונ רבי נתן וועלין זיין דיא לעצטע תנאים אונ זייא וועלין מאכען דיא משניות. רב אשי אונ רבינא וועלין זיין דיא לעצטע אמוראים וואס זייא וועלין מאכען די גמרא. דער סימן איז דער פסוק עד אבא אל מקדשי אל אבינה לאחריתם. מקדשי איז אסימן אויף רב אשי: אבינה איז אסימן אויף רבינא. לאחריתם זייא וועלין זיין דיא לעצטע:

מן אמר. רב כהנא האט גזאגט רב חמא דער זוהן פון חסאס טאכטער האט מיר דער ציילט אז רבה בר נחמני איז גישטארבען דורך אגזרה פון שמד. מען האט אויף אים גימסרית ביי דעם מלך אונ מען האט גזאגט עס איז דא אמענטש צווישען דיא יודין וואס ער שטערט צוועלף טויזענד יודין איין חודש זומער אונ איין חודש ווינטער זייא זאלין ניט געבין פאראטקעס צום מלך. ווארום אין דעם חודש ניסן אונ אין חודש תשרי פלעגין צוא זאמען קומען דיא יודין צוא רבה. צו הערין דיא דרשות פון פסח אונ פון סוכות אונ אז דיא עלצטע פון מלך פלעגין קומען דיא יודין אין ניסן אונ אין תשרי אפ נעמען דיא מאנאטליכע פאראטקעס פלעגין זייא אין ניסן אונ אין תשרי קיינעם ניט טרעפין אין דער היים. האט דער מלך געשיקט אשלח צו רבה ער זאל קומען צוא אים. אונ מען האט אים ניט געפונען. ווארום ער איז אנטלאפען פון

נעתירה: פריסתקא. שליח: איקלע פריסתקא. לגון כאותו פונדק שהיה רבה מתכא בו: ואשקוהו תרי כסא ודליוה לתכא. ושדים הממונים על הזוגות מזיקים את השותה זוגות ובני הבית לא נתכוונו לכך: אמרו לו. בני הפונדק לרבה מה נעביד: נגידי מנגדי לי'. ואם ייסרוני ביסורים אגלה: וטרקיה לגבא. סגר הדלת: פרק אשיתא. נפלה החומה: אגירדא דדיקלא. על גזע דקל קטן: אם בהרת קדמה לשער לבן טמא. דשער לבן שפרח בו הוא סימן לטומאה כדכתיב והוא נהפך שער לבן בבהרת: סגור. לפי מה שכתוב בתורה: גונדא. גדוד של

פריכתקא דמלכא אבתריה ולא אשכחיה ערק ואזיל [מפומבדיתא לאקרא] מאקרא לאגמא ומאגמא לשחין ומשחין לצריבא ומצריבא לעינא דמיא ומעינא דמיא לפומבדיתא איקלע פריסתקא דמלכא לההוא אושפיזא דרבה קריבו תכא קמיה ואשקוהו תרי כסי ודליוה לתכא מקמיה הדר פרצופיה לאחוריה אמרו ליה מאי נעביד ליה גברא דמלכא הוא אמר להו קריבו תכא לקמיה ואשקוהו חד כסא ודליוה לתכא מקמיה וליתסי עבדי ליה הכי ואיתסי אמר מידע ידענא דגברא דקא בעינא הכא הוא בחיש אבתריה ואשכחיה אמר אזלינא מהא אי מקטל קטלו לההוא גברא לא מגלינא ואי נגידי מנגדין ליה מגלינא אתיוה לקמיה עיליה לאדרונא וטרקיה לבבא באנפיה בעא רחמי פרק אשיתא ערק ואזל לאגמא הוה יתיב אגירדא דדקלא וקא גריס קא מיפלגי במתיבתא דרקיעא אם בהרת קודמת לשער לבן טמא ואם שער לבן קודמת לבהרת טהור ספק הקב"ה אמר טהור וכולהו מתיבתא דרקיעא אמרי טמא אמרי מאן נוכח נוכח רבה בר נחמני דאמר רבה בר נחמני אני יחיד בנגעים אני יחיד באהלות שדרו שליח בתריה ולא הוה מצי מלאך המות למקרב ליה דלא הוה קא פסיק פומיה מגרסיה אדהכי

נשיב

---

פומבדיתא אין אקרא. אונ פון אקרא אין אגמא. אונ פון אגמא אין שחין. אונ פון שחין אין צריבא. אונ פון צריבא אין עינא דמיא. אונ פון עינא דמיא אין פומבדיתא ודאס איז נעמען פון שטעט. אונ עס קען זיין אז עס איז געוועזן צוויא פומבדיתאו. דער נאך האט געטראפען אז דער שליח פון מלך איז געקומען אין דעם גאסט הויז וואו רבה איז דארט געוועזן בעהאלטען. האט מען געשטעלט אטיש פאר דעם שליח פון מלך אונ מען האט אים געגעבין טרינקען צוויא כוסות וויין. אונ מען האט צוא גענומען דעם טיש פון אים. וויל ער האט ניט טרינקען צוויא כוסות דס איז זוגות. דריבער האט זיך אים פאר דרייט דער פנים אויף אינטען. ה. בען דיא מענטשין פון גאסט הויז געזאגט צוא רבה וואס זאל מען טאהן מיט אים. ער איז דאך א מענטש פון מלך. האט רבה צוא זייא געזאגט שטעלט צוריק דעם טיש פאר אים אונ גיט אים טרינקען נאך א כוס. אונ נעמט צוא דעם טיש פון אים. וועט ער געזונד ווערין. האט מען אזוי געטאהן. אונ ער איז געזונד געווארין. האט דער שליח געזאגט איך וויים אז דער מענטש וואס איך זוך אים איז ער דא. האט ער אים געזוכט אונ האט אים געפונען. האט דר שליח געזאגט איך וועל אוועק גיין פון דאנען. אוב מען וועט מיך וועלין הרגנן וועל איך ניט אויס זאגין. אבער אז מען וועט מיך פייניגען מיט יסורים וועל איך אויס זאגן. האט מען געבראכט רבהן פר דעם שליח. האט דער שליח אריין געפירט רבהן אין אשטוב אונ ער האט פאר אים ער זאל ניט אנטלויפין. האט רבה געבעטן בייא גאט איז אויס געבראכין געווארין דיא וואנט אונ ער איז אנטלאפין אונ איז געגאנגען אויף דעם פעלד. אונ ער איז געזעסן אויף אוואָרציל פון אפאלמיאקטין בוים אונ האט געלערנט. דער ווייל האט מען געקריגט אין דער ישיבה וואס אויף דעם הימעל אויב דיא נגע וואס הייסט בהרת איז געווארין פריער וויא דיא ווייסע האר. איז ער טמא. אונ אויב דיא ווייסע האר איז פריער געווארין וויא דער בהרת. איז ער טהור. אויב עס איז אספק מען ווייסט ניט וועלכע זאך איז פריער געקומען: גאט האט געזאגט ער איז טהור. אונ דיא גאנצע ישיבה וואס אין הימעל האבען געזאגט ער איז טמא. האט מען געזאגט וועד וועט אונז דעם אמתין דין זאגין. רבה בר נחמני וועט זאגין. ווארום רבה בר נחמני האט געזאגט איך בין איין למדן אין נגעים אונ איך בין איין למדן אין אהלות. האט מען געשיקט דעם מלאך המות ער זאל גיין ברייגגען רבה בר נחמני אויף דעם הימעל. האט דער מלאך המות גיט געקענט צו גיין צו רבה ווייל זיין מויל האט ניט אויף

געהערט

נשיב זיקא ואושא ביני קניא סבר גונדא דפרשי הוא אמר תינח נפשיה דההוא גברא ולא ימסר בידא דמלכותא כי הוה קא ניחא נפשיה אמר טהור טהור יצאת בת קול ואמרה אשריך רבה ב"נ שגופך טהור ויצאת נשמתך בטהור נפל פיתקא מרקיע בפומבדיתא רבה בר נחמני נתבקש בישיבה של מעלה נפקי אביי וכולהו רבנן לאיעסיק ביה לא הוו ידעי דוכתיה אזלו לאגמי חזו צפרא דמטללי וקייטי אמרי ש"מ התם הוא ספדוהו תלתא יומי ותלתא לילותא נפל פיתקא כל הפורש יהא בנדוי ספדוהו שבעה יומי נפל פיתקא לכו לבתיכם לשלום. ההוא יומא דנח נפשיה דלייה זעפא ודריה להההוא טייעא כי רכיב גמלא מהאי גיסא דנהר פפא ושדייה בהך גיסא אמר מאי האי אמרו ליה נח נפשיה דרבה בר נחמני אמר לפניו רבש"ע כולי עלמא דידך הוא ורבה בר נחמני דידך הוא את דרבה ורבא דידך אמאי קא מחרבת ליה לעלמא נח זעפא:

פרשים שמחפשים אחריו : בפומבדיתא . והוא ראש ישיבה נה: מטללי . עושין צל בכנפיהם: דלי זעפא . גבה רוח סערה : את דרבה . אתה הוצאתו של רבה :

רבי שמעון בן חלפתא וכו' . משום דאיירי ברישא דאגדתא בבעלי בשר נקט לה : בכרין דנרד . אגודות של נרד והוא עשוי כשבלין : למארי ריחי . לבעליו של רוח זה :

**טז** רבי שמעון בן חלפתא בעל בשר הוה יומא חד הוה חמימא ליה הוה סליק ויתיב אשינא דטורא אמר לה לברתיה בתי הניפי עלי במניפא ואני אתן ליך ככרין דנרד אדהכי נשיב זיקא אמר כמה ככרים דנרד למארי דיכי:

---

ניהערט צו לערנען. דער וויל האט אזא גיטאהן אווינט איז גיווארין אלארעם און אגערויש צווישען דיא שמי קלאך. האט רבה גימיינט אמחנה רייטער פון מלך קומען אים חאפין. האט רבה גיזאגט בעסער וויל איך שטארבין און וויל ניט איבער גיגעבין ווערין אין דיא הענט פון מלך. ווען רבה איז גישטארבין האט ער גיזאגט טהור טהור (דיא זאך וואס איז גיוועזן אספק אין הימעל. איז טהור). איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל און האט גיזאגט וואהל צו דיר רבה בר נחמני דיין גוף איז טהור און דיין נשמה איז ארויס גיגאנגען מיט דעם ווארט טהור. איז אראפ גיפאלין אקוויטול פון הימעל אין פומבדיתא רבה בר נחמני איז גירופין גיווארין ער זאל קומען אין דער ישיבה וואס אין הימעל. איז ארויס גיגאנגען אביי מיט אלע רבנן מען זאל זיך בעשעפטיגען מיט זיין קבורה. מען האט אבער ניט גיוואסט דעם ארט ווא רבה ליגט. זענען זייא גיגאנגען צום ארט אגמא האבען זייא גיזעהן פון ווייטונס פיל פייגעלאך האבען זיך צו זאמען גיקליבען אין דער הייך און זייא זענען אויף איין ארט. זייא פליהען ניט אוועק. האבען דיא רבנן גיזאגט געוויס דארטין ליגט רבה. האבען דיא רבנן אים מספיד גיוועזן דרייא טעג און דרייא נעכט. איז אראפ גיפאלין אקוויטול פון הימעל דער וואס וועט אוועק גיין פון דאנען זאל ער זיין אין חרם. האבען זייא אים מספיד גיוועזן זיבען טעג. איז אראפ גיפאלין אקוויטול פון הימעל יעדער זאל גיין אהיים לשלום. דעם טאג וואס רבה איז גישטארבין איז גיווארין אגרויסער שטורעם ווינט און אטערק האט גערייטען אויף אקעמיל און איז גישטאנען נעבין טייך פפא. האט דער ווינט אים אויף גיהויבין און אריבער גיווארפין אויף דיא אנדערע זייט טייך. האט דער טערק גיפרעגט פאר וואס איז היינט אזוי אגרויסער ווינט. האט מען אים גיזאגט רבה בר נחמני איז גישטארבין. האט דער טערק גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דיא גאנצע וועלט איז דיינע און רבה בר נחמני איז אויך דיינער. דו האסט ליב רבהן. און רבה האט דיך ליב. פאר וואס ווילסטו חרוב מאכין דיא וועלט. איז דער שטורעם שטיל גיווארען:

**טז** רבי שמעון בן חלפתא איז גיוועזן אדיקער מענטש. אמאהל איז גיוועזן אהייסער טאג. איז אים שטארק הייס גיוועזן. איז ער ארויף גיגאנגען אויף אבארג און האט זיך דארט גיזעצט. און האט גיזאגט צו דיין טאכטער פאכע אויף מיר מיט אפאכער וועל איך דיר געבין עטליכע בינטלאך בשמים. דער וויל האט אנגיהויבין צו בלאזין אווינט. האט רבי שמעון גיזאגט וויא פיל בינטלאך בשמים דארף מען געבין צו דעם בעל הבית פון דעם ווינט:

(דף פג) **יז משנה** מעשה ברבי יוחנן בן מתיא שאמר לבנו צא ושכור לנו פועלים הלך ופסק להם מזונות כשבא אצל אביו א"ל בני אפילו אם אתה עושה להם כסעודת שלמה בשעתו לא יצאת ידי חובתך שהם בני אברהם יצחק ויעקב וכו':

**גמ'** (דף פו ע"ב) למימרא דסעודתא דאברהם אבינו עדיפא מדשלמה והכתיב (מ"א ד) ויהי לחם שלמה ליום אחד שלשים כור סלת וששים כור קמח עשרה בקר בריאים ועשרים בקר רעי ומאה צאן לבד מאיל וצבי וירסור וברבורים אבוסים ואמר גורין בן אסטיון משמיה דרב הללו לעמילן של טבחים ר' יצחק אומר הללו לציקי קדרה. ואמר ר' יצחק אלף נשים היו לשלמה כל אחת ואחת עשתה לו בביתה כך כאי טעמא זו סבורה שמא אצלה סועד היום וזו סבורה שמא אצלה כועד היום ואילו גבי אברהם כתי' (בראשית יח) ואל הבקר רץ אברהם ויקח בן בקר רך וטוב וא"ר יהודה אמר רב בן בקר אחד רך ב' וטוב ג' התם תלתא תורי לתלתא גברי הכא לכל ישראל ויהודה שנאמר (מ"א ד) יהודה וישראל רבים כחול אשר על שפת הים. מאי ברבורים אבוסים אמר רב שא בסים אותם בעל כרחן ושמואל אמר שאובסים. עומדים מאליהם ור' יוחנן אמר טבאים תור מטרעיתו ברלא

אנים

**פירוש**

כשעתו. בעת מלכותו דמלך והדיוט היה: שהם בני אברהם וגו'. כעודתו של אברהם גדולה משל שלמה כדמפרש בגמ': הללו. הקמח והסלת: לעמילן של טבחים. הלוש עבויום לכסות פי הקדרות ובחוב זוהמת התבשיל: הללו. הבקר ונתן המנויס זה הפסוק: לציקי קדרה. חינו אלא למין מאכל ששמו ציקי קדרה א.דו"ר בלע"ז: ברבורים. תרנגולים: באונסים אותם בע"כ. חוזכין להם מאכל בפיהם בחזקה: תור. שור: בדלא אניס. שלא עשה מלאכה:

יז משנה. מעשה. עס האט אמאהל געטראפין אז רבי יוחנן בן מתיא האט גזאגט צו זיין זוהן גיי דינג ארבעטער פון אונזער טוועגין. איז ער געגאנגען אונ האט זייא צו גזאגט צו געבין עסין. אז ער איז געקומען צום פאטער. האט דער פאטער צו אים גזאגט מיין זוהן. אפילו דו וועסט מאכין פון זייערטוועגין אזוי אסעודה וויא שלמה המלך פלעגט מאכין אין דער צייט ווען ער איז געוועזן אמלך. האסטו נאך זייא ניט בצאהלט דעם חוב. ווארום דו דארפסט זייא געבין גוט עסין. ווייל זייא זענען דיא קינדער פון אברהם יצחק יעקב. זייערע סעודות זענען געוועזן גרעסערע וויא דיא סעודות פון שלמה המלך. פרעגט דיא גמרא וויא קענען מיר זאגין אז דיא סעודות פון אברהם אבינו זענען געוועזן גרעסער וויא דיא סעודות פון שלמה המלך. עס שטייט דאך אין פסוק דיא סעודה פון שלמה צוא איין טאג איז געוועזן דרייסיג כור פיינע מעהל: אונ זעכציג כור פראסטע מעהל. צעהן אקסין פעטע. צוואנציג אקסין געפיטערטע. הונדערט שעפסין. אויסער חיות וואס מען מעג עסין. אינ. ען. הערשין. יחטורים. אונ ברבורים אבוסים. אונ גורין בן אסטיון האט גזאגט פון רבס וועגין דיא מעהל איז נאר געוועזן צו מאכין פון זייא שמארצין צוא דעקין דיא טעפ. רבי יצחק זאגט דיא אלע בהמות זענען נאר געוועזן צוא איין פאטראזע וואס מען רופט דאס טאפ געבראטינס: נאך האט רבי יצחק גזאגט טויזענד ווייבער האט שלמה המלך געהאט. יעדער ווייב האט בייא זיך אין שטוב אלע טאג געמאכט אזוי אסעודה. ווארום יעדער ווייב האט געמיינט טאמער וועט היינט שלמה בייא איר עסין. אונ בייא אברהם אבינו שטייט צוא די אקסין איז אברהם געלאפין אונ ער האט גינומען בן בקר רך וטוב. אונ רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין בן בקר איז איין אקס. רך איז נאך אאקס. וטוב איז אדריטער אקס. זעהן מיר דאך אז בייא דיא סעודה פון אברהם איז נאר געוועזן דרייא אקסין. ענטפערט דיא גמרא בייא דיא סעודה פון אברהם איז געוועזן דרייא אקסין צוא דרייא מענטשין. אבער דא בייא שלמה איז געוועזן דיא סעודה פאר אלע יודין. אונ עס שטייט אין פסוק יהודה אונ ישראל זענען געוועזן אזוי פיל אזוי וויא דיא זאמד וואס בייא דעם ברעג ים. זאגט דיא גמרא וואס איז ברבורים אבוסים. רב זאגט דאס איז אזעלכע הענער וואס מען שטאפט אין זייא אריין דאס עסין מיט כח ביז טיף אין האלדז. אונ שמואל זאגט דאס איז אזעלכע הענער וואס שטאפין זיך אליין. רבי יוחנן זאגט מען פלעגט ברייננגען צו שלמה אאקס פון זיין פאשע וואס ער האט

נאר

אנים ותרנגולת מאשפתה בדלא אניסא אמר רבי יוחנן מובחר שבבהמות שור מובחר שבעופות תרנגולת אמר אמימר זוגתא אוכמתא בי בטניתא דמשכחתא ביני עצרי דלא מציא פסיא קניא. (בראשית יח) ואל הבקר רץ אברהם אמר רב יהודה אמר רב בן בקר אחד רך ב' וטוב ג' ואימא חד כדאמרי אינשי רכיך וטוב א"כ לכתוב רך טוב מאי וטוב ש"מ לדרשה ואימא תרי מדטוב לדרשא רך נמי לדרשה כתיב (רבא) [רבה] בר עולא ואי תימא רב הושעיא ואי תימא רבי נתן בר' אושעיא ויתן אל הנער וימהר לעשות אותו כל חד וחד יהבי לנער חד. ויקח חמאה וחלב ובן הבקר וגו' דקמא קמא דמטיא אייתי לקמיהו ולמה לי תלתא תסגי בחד אמר רב חנן בר רבא כדי להאכילן ג' לשונות בחרדל:

בדלא אניסא. בגידול אפרוחים: זוגתא. הזוגית: פטניסא. המפוטמת בבית. נ"א בטניתא בעלת כרס: דמשתכחי ביני עצרי. בין הגיתות ואוכלת החרצנים: דלא מציא פסיא קניא. שאינה יכולה לפסוע הקנה מרוב שמנה: קמא קמא דמטיא. ראשון שמגיע לאכול שנגמר בישולו: לשונות בחרדל. מעדן מלכים ושרים הוא:

**יח** א"ר תנחום בר חנילאי לעולם אל ישנה אדם מן המנהג שהרי משה עלה למרום ולא אכל לחם ומלאכי השרת ירדו למטה ואכלו לחם אכלו ס"ד אלא אימא נראו

---

נאך ניט גיארבעט. אונ אהון פון מיסט קאכטין וואס זיא האט נאך ניט גיאדערוועט קיין הינדראך. רבי יוחנן זאגט דיא בעסטע פון בהמות איז אקסין פלייש. דיא בעסטע פון עופות איז אהון. אמימר זאגט אשווארצע הון מיט אגרויסין בויך וואס זיא גייט ארום צווישען דיא קעלטערס וואס מען טרעט דארט דיא ווייטרויבין אונ זיא עסט דיא קערנער. אונ זיא איז אזוי פעט אז זיא קען ניט אריבער שפריצען איבער אשטעקיל. דיא הון איז גוט צום עסין. עס שטייט אין פסוק צו דיא אקסין איז אברהם גילאפין. רב יהודה זאגט פון רבס וועגין בן בקר איז איין אקס. רך איז נאך אאקס. וטוב איז אדריטער אקס. פרעגט דיא גמרא טאמער האט אברהם גינומען נאר איין אקס וואס דען שטייט אין פסוק בן בקר רך וטוב. אזוי ווי מענטשין זאגען אאקס וואס ער איז יונג אונ גוט. ענטפערט דיא גמרא אויב בן בקר רך וטוב איז איין אקס הט גידארפט שטיין בן בקר רך טוב. פאר וואס שטייט וטוב, קומט דאס צוא דרשנן ער האט גינומען אאקס וואס ער איז טוב. גוט. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער נאר גינומען צווייא אקסין. בן בקר רך. איז איין אקס. אונ וטוב איז נאך אאקס. ענטפערט דיא גמרא וויל מיר דרשנן וטוב איז איין אקס. איז רך אויך איין אקס. אונ בן הבקר איז אויך איין אקס. איז דרייא אקסין. האט רבה בר עולא גיפרעגט. אנדערע זאגין רב הושעיא האט גיפרעגט. אנדערע זאגין רבי נתן ברבי אושעיא האט גיפרעגט עס שטייט דאך אין פסוק אברהם האט גיגעבין צום יונג אונ ער הט גיאיילט אים צוא מאכען. איז דאך נאר גיוועזן איין אקס. ווארום אז עס וואלט גיוועזן מער ווי איין אקס וואלט גידארפט שטיין צוא מאכען זייא. ענטפערט דיא גמרא יעדער אקס האט ער גיגעבין צו אבזונדער יונג יעדער יונג הט פערטיג גימאכט זיין אקס. עס שטייט אין פסוק אברהם הט גענומען פוטער אונ מילך אונ דיא אקסין וואס ער האט גימאכט. וועלכעס עס איז פריער פערטיג גיווארין האט ער גיבראכט פאר זיינע געסט זייא זאלין דאס עסין. פרעגט דיא גמרא צוא וואס האט מען גידארפט דרייא אקסין. פאר דרייא מענטשין איז גענוג איין אקס אויך. האט רב חנן בר רבא גזאגט אברהם האט זייא גיוואלט געבין עסין דרייא צונגען מיט זענעפט:

**יח** אמר. רבי תנחום בר חנילאי האט גזאגט אייביג זאל אמענטש ניט ענדערין פון דעם מנהג. משה רבינו איז ארויף גיך מען אויף דעם הימעל. אונ דארט איז דער מנהג ניט צו עסין. האט ער אויך ניט גיגעסין. דיא מלאכים זענען אראפ גיקומען אויף דיא ערד. אונ דא איז אמנהג צוא עסין. האבען זייא אויך גיגעסין. פרעגט דיא גמרא האבען דען דיא מלאכים גיגעסין. נאר זאג עס האט אויס גיזעהן ווי זייא וואלטין גיגעסין אונ געטרונקען. רב יהודה

האט

**אלת כ'** . כגון שלוים פאן בעלמו : יוקח נא מעט מים. על ידי שליח: זכו לשלם . מתנות שניתנו להם במדבר ע"י משה ואהרן : זכו לעמוד הענן . עומד עליהם תמיד כדכתיב וענן עומד עליהם : לבארה של מרים . היינו נמי והכית בצור ונעמוד עם פניו : ורחצו רגליכם . והשענו תחת העץ שלא יכנים ע"ז בתוך ביתו שהערביים רגילים להשתחוות לאבק רגליהם וכן נדמו לו כערביים : כבר יצא ממנו ישמעאל. ממנו יצא הרגיל לעבוד כן :

נראו כמי שאכלו ושתו . אמר רב יהודה אמר רב כל מה שעשה אברהם למלאכי השרת בעצמו עשה הקדוש ברוך הוא לבניו בעצמו וכל מה שעשה אברהם ע"י שליח עשה הקב"ה לבניו ע"י שליח (בראשית יח) ואל הבקר רץ אברהם (במדבר יח) ורוח נסע מאת ה'. ויקח חמאה וחלב (שמות טז) הנני ממטיר לכם לחם מן השמים . והוא עומד עליהם תחת העץ (שם יז) הנני עומד לפניך שם על הצור בחורב . ואברהם הולך עמם לשלחם (שם יג) וה' הולך לפניהם יומם , יקח נא מעט מים (שם יז) והכית בצור ויצאו ממנו מים ושתה העם ופליגא דרב חמא בר' חנינא וכן תנא דבי ר' ישמעאל בשכר ג' זכו לג' בשכר חמאה וחלב זכו למן. בשכר והוא עומד עליהם זכו לעמוד הענן . בשכר יוקח נא מעט מים זכו לבארה של מרים , (בראשית יח) יקח נא מעט מים ורחצו רגליכם אמר רבי ינאי ברבי ישמעאל א"ל וכי בערביים חשדתנו שהם משתחוים לאבק רגליהם כבר יצא ממנו ישמעאל :

וירא

---

האט גזאגט פון רבס וועגין אלץ וואס אברהם האט גיטאהן צוא דיא מלאכים דורך זיך אליין האט גאט גיטאהן צוא זיינע קינדער אויך דורך זיך אליין. אונ אלץ וואס אברהם הט גיטאהן צוא דיא מלאכים דורך אשליח . האט גאט גיטאהן צוא זיינע קינדער אויך דורך אשליח . עס שטייט אין פסוק צוא דיא אקסין איז אברהם אליין גילאפען . האט ער אליין גיגעבין פלייש צו דיא מלאכים . האט גאט אליין גיגעבין פלייש צוא דיא יודין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צווינט האט גיצויגען פון גאט אונ עס האט גימאכט פליהען שלוים וואזעלכע עופות . עס שטייט אין פסוק אברהם אליין האט גענומען פוטער אונ מילך . אונ האט גיגעבין צוא דיא מלאכים . ווען יודין האבען גידארפט עסין שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל מאכען רעגענען צוא אייך ברויט פון הימעל . עס שטייט אין פסוק אברהם איז געשטאנען נעבין די מלאכים אונטערין בוים . אונ גאט האט גזאגט צוא משה איך וועל שטיין פאר דיר דארט ביי דעם שטיין אין חורב . עס שטייט אין פסוק אברהם איז גיגאנגען מיט דיא מלאכים זייא צוא בלייטען . אונ גאט איז גיגאנגען פאר דיא יודין ביא טאג מיט אוואלקענדיגען זייל ביי נאכט מיט אפייערדיגען זייל . אברהם האט גזאגט עס זאל גענומען ווערין אביסול וואסער . דורך אשליח . אונ ווען יודין האבען גידארפט וואסער האט גאט גזאגט צוא זיין שליח . צו משה . דוא זאלסט שלאגין דעם שטיין וועט ארויס גיין פון אים וואסער וועט דאס פאלק טרינקען . זאגט דיא גמרא רב קריגט אויף רב חמא ברבי חנינא . ווארום רבי חמא ברבי חנינא האט גזאגט . אונ דבי רבי ישמעאל האט אויך אזוי גזאגט פאר דרייא זאכען האבען דיא יודין זוכה גיוועז צוא דריי זאכען . פאר דיא פוטער אונ מילך וואס אברהם האט גיגעבין צוא דיא מלאכים . האבען דיא יודין זוכה גיוועז מען זאל זייא געבין עסין מן . פאר דעם וואס אברהם איז גישטאנען נעבין דיא מלאכים ווען זייא האבען גיגעסין . האבען דיא יודין זוכה גיוועז אז אוואלקענדיגער זייל איז גישטאנען שטענדיג איבער זייא . פאר דעם וואס אברהם האט גזאגט עס זאל גינומען ווערין אביסל וואסער . האבען דיא יודין זוכה גיוועז צוא דעם ברונען פון מרים וואס איז דער שטיין וואס משה האט אים גישלאגען אונ פון אים איז גיגאנגען וואסער . רב אונ רב חמא קריגען נאר אין איין זאך וואס דיא יודין האבען גיהאט פאר דעם וואס אברהם איז גישטאנען נעבין דיא מלאכים . רב זאגט פאר דעם איז גאט גישטאנען נעבין שטיין . אונ רב חמא זאגט פאר דעם הט דיא גאט בדעקט מיט דיא וואלקינס . עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט עס זאל גנומען ווערין אביסול וואסער אונ איר זאלט וואשען אייערע פיס . רבי ינאי ברבי ישמעאל זאגט דיא מלאכים האבען גזאגט צו אברהם ביסטו אונז דען חושד אז מיר זענען אבאגעטער וואס זיי בוקין זיך

צ״א

(בראשית יח) **וירא** אליו ה' וגו' כחום היום מאי בחום היום אמר רבי חמא בר חנינא אותו היום יום שלישי של מילה של אברהם היה ובא הקב"ה לשאול באברהם הוציא הקב"ה חמה מנרתקה כדי שלא יטריח אותו צדיק באורחים שדריה לאליעזר למיפק לבראי נפק ולא אשכח אמר לא מהימנינא לך היינו דאמרי התם לית הימנותא בעבדי נפק איהו חזייה להקב"ה דקאי אבבא היינו דכתיב (שם) אל נא תעבור מעל עבדך כיון דחזא דקא אסר ושרי אמר לאו אורח ארעא למיקם הכא היינו דכתיב (שם) וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו וירא וירץ לקראתם מעיקרא [אתו] קמו עליה כי הזיוהו דהוה ליה צערא אמרו לאו אורח ארעא למיקם הכא מאן נינהו ג' אנשים מיכאל וגבריאל ורפאל מיכאל שבא לבשר את שרה רפאל שבא לרפאות את אברהם גבריאל דאזיל למהפכיה לסדום והכתיב (שם יט) ויבאו שני המלאכים סדומה בערב דאזיל מיכאל בהדיה לשזביה ללוט דיקא נמי דכתיב (שם) ויהפוך את הערים האל ולא כתיב ויהפכו ש"מ, מאי שנא לגבי אברהם

טוליא חמה מנרתקה. להוציא חמה בכח שלא יהו עוברי דרכים מצויין: התם אמרי. בא"י: כיון דחזא. הקב"ה: דקא אסר. אברהם את מילתו ושרי אמר לאו אורח ארעא למיקם הכא: היינו דכתיב. דמעיקרא כתיב נצבים עליו ולבסוף כתיב וירץ לקראתם: דיקא נמי. דחד הוא דאזל להפוך סדום:

---

צוא דיא שטוב פון זייערע פיס. פון דיר איז געבארין געווארין ישמעאל וואס ער וועט אזו טאהן. ער וועט זיך בוקין צו דיא שטויב פון זיינע פיס:

**וירא** וירא. נאט איז גיזעהן געווארין צוא אברהם כחום היום. וואס מיינט מען כחום היום. רבי חמא ברבי חנינא זאגט דער טאג איז געוועזן דער דריטער טאג וויא אברהם האט זיך מל געוועזן. איז גאט געקומען צוא אברהם פרעגין וואס ער מאכט. הייא גאט האט געזעהן אז אברהם איז נאך ניט געזונד האט גאט ארויס גענומען דיא זונען פון איר שייד. עס זאל ווערין אגרויסע היץ וועלין מענטשין ניט גיין אין וועג וועט אברהם ניט האבען קיין בשעפטיגונג מיט פרעמדע מענטשין ובחום היום מיינט מען וויא דער טאג איז דער היצט געווארין. האט אברהם געשיקט זיין קנעכט אליעזר ער זאל גיין זעהן טאמער גייען עפעס פרעמדע מענטשין זאל ער זיי ברענגען אין שטוב. איז אליעזר גיגאנגען אויפען וועג אונז הט קיינעם ניט געטראפען. האט אברהם געזאגט צוא אליעזר איך גלויב דיר ניט. דאס איז וואס מען זאגט אין ארץ ישראל קנעכט האבען ניט קיין נאמנות. איז אברהם אליין ארויס גיגאנגען. האט ער געזעהן וויא גאט שטייט נעבין טיר. איצט איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אברהם האט געזאגט צוא גאט דוא זאלסט ניט אוועק גיין פון דיין קנעכט. ווייל גאט האט געזעהן אז אברהם בינדט צוא די מילה אונ בינדט אויף דיא מילה. האט גאט געזאגט עס איז ניט קיין דרך ארץ מען זאל דא שטיין. הט גאט געוואלט אוועק גיין. האט אברהם אים געבעטין ער זאל ניט אוועק גיין. איצט איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אברהם הט אויף געהויבען זיינע אויגן אונ ער הט געזעהן דריי מענטשין שטייען נעבין אים אונ ער האט געזעהן איז ער געלאפען אנטקעגין זיי. אז זייא זענען געשטאנען נעבין אים. צוא וואס הט ער געדארפט לויפען געגען זיי. נאר פריער זענען זיי געקומן אונ האבן זיך געשטעלט נעבין אים. וויא זייא האבען געזעהן אז ער האט צער פון דער מילה. האבען זייא געזאגט עס איז ניט קיין דרך ארץ דא צו שטיין. זענען זייא אוועק גיגאנגען. איז אברהם גילאפין נאך זייא אונ האט זייא צוריק גירופין. ואונ לקראתם איז ניט דער טייטש אנטקעגין זייא. נאר לקראתם איז צווייא ווערטער לקרא אותם זייא צו רופין. ווער זענען געוועזן דיא דרייא מענטשין. דאס זענען געוועזן דרייא מלאכים. מיכאל גבריאל רפאל. מיכאל איז געקומען זאגין שרה אז זיא וועט האבען אזהן. רפאל איז געקומען היילין דיא מילה פון אברהם. גבריאל איז גיגאנגען פאר קערין סדום. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק צווייא מלאכים זענען געקומען אין סדום פארין נאכט. ניט גבריאל אליין. זאגט דיא גמרא מיכאל איז גיגאנגען מיט גבריאל. גבריאל איז גיגאנגען צו

פאר

אברהם דכתיב כן תעשה כאשר דברת ומאי שנא לגבי לוט דכתיב (דף סז) (בראשית יט) ויפצר בם מאד א"ר אלעזר מכאן שמסרבין לקטן ואין מסרבין לגדול:
**כ כתיב** (בראשית יח) ואקחה פת לחם וכתיב ואל הבקר רץ אברהם א"ר אלעזר מכאן שהצדיקים אומרים מעט ועושים הרבה רשעים אומרים הרבה ואפילו מעט אינם עושין מנ"ל מעפרון מעיקרא כתיב (שם כג) ארץ ארבע מאות שקל כסף ובסוף כתיב (שם) וישמע אברהם אל עפרון וישקול אברהם לעפרון וגו' עובר לסוחר דלא שקיל מיניה אלא קנטרין דאיכא [דוכתא] דקרו ליה להיקלא קנטרא, כתיב קמח וכתיב סלת א"ר יצחק מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים יותר מן האיש. כתיב (שם יח) לושי ועשי עוגות וכתיב ויקח חמאה וחלב ואילו לחם לא איתי לקמיהו אמר אפרים מקשאה תלמידו של ר"מ משמיה דר"מ אברהם אבינו אוכל חולין בטהרה היה ושרה אמנו אותו היום פירסה נדה. (בראשית יח) ויאמרו אליו איה שרה וגומר ויאמר הנה באהל להודיע ששרה

אמנו

קנטרא. משקל גדול שקורין קנטנ"ר בלע"ז: עובר לסוחר. מלמד שבכל מקום היה מתקבל בשקל והיכא דוכתא דקרו לקנטרין סיקלא: סלת. עדיף מקמח: מכאן שהאשה עיניה צרה באורחין. שלא אמרה קמח והוא סלת: פירסה נדה. חזר לסיות

---

פאר קערין סדום. אונ מיכאל איז גיגאנגען מציל זיין (רעטטין) לוט. אין פסוק שטייט אויך אזוי. ויהפוך את הערים האל. ער האט פאר קערט דיא שטעט. אונ עס שטייט ניט ויהפכו. זייא האבען פארקערט. זעהן מיר אז נאר איינער האט פאר קערט. פרעגט דיא גמרא פאר וואס ביי אברהם האבען דיא מלאכים צו אים גזאגט אזוי זאלסטו טאהן וויא דו האסט גירעט. האבען זייא אים באלד צו גזאגט אז זייא וועלין ביי אים עסין. אונ ביי לוט שטייט ער האט שטארק גיבעטין בייא זייא ביז זייא האבען גיוואלט אריין גיין צו אים. רבי אלעזר זאגט פון דאנען ווייסין מיר צו אקליינעם מענטשין לאזט מען זיך בעטין. אונ צוא אגרויסין מענטשין לאזט מען זיך ניט בעטין. נאר וואס ער פארלאנגט טוהט מען באלד:

**כ** כתיב. עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט איך וועל נעמען אשטיקל ברויט. ניט מער. דער נאך שטייט אין פסוק אברהם איז גילאפין צו דיא אקסין. ער זאל מאכין פאר זייא אסעודה מיט פלייש. רבי אלעזר זאגט פון דאנען זעהן מיר אז דיא צדיקים זאגין צוא ווייניג אונ טוהען פיל. אבער דיא רשעים זאגין צו פיל. אונ אפילו אביסעל טוהען זייא אויך ניט. דאס ווייסין מיר פון עפרון. אין אנהייב האט עפרון גזאגט צו אברהם אשטיקעל ערד וואס איז ווערט פיר הונדערט טאהלער. צווישען מיר אונ דיר איז דאס גאר ניט. דער נאך שטייט אברהם האט גיהערט וואס עפרון האט גזאגט אונ ער האט אפ גיוואגין צו עפרון פיר הונדערט טאלער וועלכע גרויסע וואס אלע סוחרים והענדלערס נעמען דאס פאר טאלערס. עפרון האט ניט גיוואלט נעמען קיין אנדער געלט נאר קנטרין וגרויסע טאלערס. עס איז דא ארטער וואס מען רופט אויך אגרויסין טאלער קנטרא. עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צוא שרה דו זאלסט נעמען קמח סלת. קמח איז דאך פראסטע מעהל אונ סלת איז גוטע מעהל. וועלכע זאל דיא נעמען. האט רבי יצחק גזאגט פון דאנען זעהן מיר אז אאשה איז קארג צו געבין עסין אפרעמדין מענטש נאך מער וויא אמאנספערזאהן. שרה האט גזאגט מען זאל נעמען פראסטע מעהל. אונ אברהם האט גזאגט מען זאל נעמען גוטע מעהל. עס שטייט אין פסוק אברהם האט גזאגט צו שרה קנעט טייג אונ מאך קוכנס. דער נאך שטייט אברהם האט גינומען פוטער אונ מילך אונ האט גגעבין פאר זייא צום עסין. פאר וואס האט ער ניט גיבראכט פאר זייא דיא קוכנס. האט אפרים מקשאה דער תלמיד פון רבי מאיר גזאגט פון רבי מאירס וועגין אברהם אבינו האט גיגעסין פראסטע עסין אויך מיט ריינקייט. אונ אונזער מוטער שרה האט דעם טאג גיזעהן דם נדה. איז זיא טמא גיווארין אונ דיא טייג איז אויך טמא גיווארין. דריבער האט אברהם ניט גיוואלט געבין עסין דיא טייג ודיא קוכנס. עס שטייט אין פסוק דיא מלאכים

האבען

אמנו צנועה היתה אמר רב יהודה אמר רב ואיתימא רבי יצחק יודעים היו מלאכי השרת ששרה אמנו באהל היתה אלא מאי באהל כדי לחבבה על בעלה רבי יוסי ברבי חנינא אמר כדי לשגר לה כוס של ברכה, תניא משום ר' יוסי למה נקוד על איו שבאליו למדה תורה דרך ארץ שישאל אדם באכסניא שלו והאמר שמואל אין שואלין בשלום אשה כלל על ידי בעלה שאני :

לא אורח נשים : כדי להחבב על בעלה . להודיע שהיא צנועה משאר חברותיה שאינה נראית וצריך לשאול אחריה : על איו שבאליו . אות שלו נקוד ובלמ"ד אינה נקודה : למדה תורה וכו'. וכיון שנקודה איו דלא היו צריכין לשאול דיודעין היו שהיא באהל דכל נקודה עוקרת התיבה שאינה אלא לדרשה ודרוש מינה דרך ארץ : באכסניא . אחת אושפיזא : ע"י בעלה . לא ישאל לה לשלום אלא לבעלה ישאל משלום הגבירה :

קמטין . פרנצ"ש : בית אברה ואדוני זקן . א"נ

(בראשית יח) **בא אחרי** בלותי היתה לי עדנה אמר רב חסדא אחר שנתבלה הבשר ורבו הקמטים נתעדן הבשר ונתפשטו הקמטים וחזר היופי למקומו . כתיב (שם) ואדוני זקן וכתיב ואני זקנתי דלא מותיב הקב"ה כדקאמרה איהי תנא דבי רבי ישמעאל גדול השלום שאפילו הקב"ה שינה בו שנאמר ותצחק שרה וגו' ואדוני זקן וכתיב ויאמר ה' אל אברהם וגו' ואני זקנתי . (שם כא) ותאמר מי מלל לאברהם היניקה בנים שרה כמה בנים היניקה שרה א"ר לוי אותו היום שגמל אברהם את יצחק בנו

---

האבען גזאגט צו אברהם וואו איז שרה . האט אברהם גזאגט זיא איז אין גיצעלט . דיא מלאכים האבען גיוואלט וויזין אברהם אז זיין ווייב שרה איז אפרומע . זיא קומט ניט צווישען מאנסלייט (ווארום מען האט דאך גימיינט אז זייא זענען מענטשין) . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין . אנדערע זאגין רבי יצחק האט גזאגט . דיא מלאכים האבען גיוואכט אז אונזער מוטער שרה איז גיוועז אין גיצעלט . נאר צו וואס דען האבען זייא גידארפט אז אברהם זאל זאגין זיא איז אין גיצעלט . איר ליב צו מאכין אויף איר מאן אז זיא איז פרום אונ קומט ניט צווישען מאנסלייט . רבי יוסי ברבי חנינא האט גזאגט דריבער האבען זייא גיפרעגט וואו שרה איז . זייא האבען איר גיוואלט שיקען אכוס פון בענטשין . מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים וועגין פאר וואס איז גיפינטולט דער אי"ו פון דעםווארט אליו . ווייל דיא תורה לערנט אונז דרך ארץ אז אמענטש קומט אין אנאכט הויז זאל ער פרעגין דעם מאן וואס מאכט זיין ווייב אונ זאל פרעגין דיא ווייב וואס מאכט איר מאן . דריבער האבען דיא מלאכים גיפרעגט בייא אברהם וואו איז דיין ווייב שרה . אונ בייא שרה האבען זייא גיפרעגט אין . וואו איז ער . וואו איז אברהם . פרעגט דיא גמרא שמואל האט דאך גזאגט מען טאר ניט פרעגין אויף אאשה וואס זיא מאכט . ענפערט דיא גמרא מען טאר ניט פרעגין בייא דיא אשה וואס זיא מאכט . אבער מען מעג פרעגין בייא דעם מאן וואס זיין ווייב מאכט . אונ מען מעג פרעגין בייא דיא ווייב וואס איר מאן מאכט :

**בא** אחרי בלותי היתה לי עדנה . רב חסדא זאגט אזוי האט שרה גזאגט דער נאך וויא מיין לייב איז שוין אלט גיווארין . אונ מיין לייב איז פול מיט קנייטשין . זאל מיין לייב צוריק יונג ווערין אונ דיא קנייטשין זאלין אויס גיגלייכט ווערין . אונ מיין שיינקייט זאל צוריק קומען . פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק שרה האט גזאגט מיין האר איז אלט . אונ גאט האט גזאגט פאר אברהם אז שרה האט גזאגט איך בין אלט . האט דאך גאט ניט גזאגט וויא זיא האט גזאגט . דבי רבי ישמעאל האט גילערנט שלום איז גרויס אפילו גאט האט גיענדערט דעם אמת נאר עס זאל זיין שלום . ווארום עס שטייט אין פסוק שרה האט גילאכט אונ האט גזאגט מיין האר ודאס איז אברהם איז שוין אלט . קען דען זיין אז איך זאל נאך גיבארין קינדער . אבער גאט האט ניט גיוואלט עס זאל זיין אקריג . (ווארום אברהם וועט זיין בייז אויף שרה פאר וואס זיא האט גזאגט אז ער קען שוין ניט האבען קינדער) . דריבער האט גאט גיענדערט אונ האט גזאגט צו אברהם אז שרה האט גזאגט אויף זיך אליין איך בין שוין אלט צו האבען קינדער . עס שטייט אין פסוק שרה האט גזאגט ווער האט גירעט צו אברהם אז שרה וועט זייגין קינדער .

פרעגט

לקדוש ב"ה שהיא אמרה ואני זקנתי: אסופי. ילד מן השוק ולא נודע כל מי ומולהו אספו אל הבית: בעא רחמי. כדי שיכירו בינו ובין בנו: בעא רחמי והוה חולשא. שיחלה האדם לפני מותו ויצוה לביתו:

בנו עשה סעודה גדולה היו כל אוה"ע מרננים ואומרים ראיתם זקן וזקנה שהביאו אסופי מן השוק ואומרים בננו הוא ולא עוד אלא שעושין משתה גדול להעמיד דבריהם מה עשה אברהם אבינו הלך וזימן כל גדולי הדור ושרה אמנו זימנה את נשותיהם וכל אחת ואחת הביאה בנה עמה ומניקתה לא הביאה ונעשה נס בשרה אמנו ונפתחו דדיה כשתי מעינות והניקה את כלם ועדיין היו מרננים ואומרים אם שרה הבת תשעים שנה תלד אברהם בן ק' שנה יוליד מיד נהפך קלסתר פנים של יצחק ונהפך [ונדמה] לאברהם פתחו כולם ואמרו (בראשית כה) אברהם הוליד את יצחק:

**עד** אברהם לא הוה זקנה מאן דהוה בעי למשתעי בהדי אברהם משתעי בהדי יצחק בהדי יצחק משתעי בהדי אברהם אתא אברהם בעי רחמי והוה זקנה שנאמר (בראשית כד) ואברהם זקן בא בימים. עד יעקב לא הוה חולשא אתא יעקב בעא רחמי והוה חולשא שנאמר (בראשית מח) ויאמר ליוסף הנה אביך חולה עד דאתא אלישע לא הוה דחליש ואתפח אתא אלישע בעי רחמי ואתפח שנאמר (מ"ב יג) ואלישע

---

פרעגט דיא גמרא וויא פיל קינדער האט דען שרה גיזייגט. נאר איינעם. דארף דאך ניט שטיין קינדער. נאר עס דארף שטיין שרה וועט זייגן אקינד. האט רבי לוי גזאגט דעם טאג וואס אברהם האט אנטוויינט זיין זוהן יצחק האט ער גימאכט אגרויסע סעודה. האבען אלע פעלקער גילאכט אונ האבען גזאגט דיא צווייא אלטע לייט האבען גיפונען אקינד אין גאס אונ האבען אים אריין גינומען צו זיך אין שטוב אונ זייא זאגין דאס איז אונזער זוהן. אונ זייא מאכין נאך אסעודה אגרויסע. צו פאר שטארקין זייערע רייד אז דער קינד איז זייערער. וואס האט אברהם גיטאהן האט ער גיבעטין צו דיא סעודה אלע גרעסטע לייט. אונ שרה האט גיבעטין זייערע ווייבער. אונ יעדעס ווייב האט מיט גיברייננט איר זייגענדיגעס קינד. אונ דיא האמען האבען זייא ניט גיברייננט. אונ דיא קינדער האבען גיוואלט זייגן. איז גיווארין אנס בייא אונזער מוטער שרה. אז אירע בריסט זענען גיעפינט גיווארין אזוי וויא צווייא קוואלין אונ זיא האט אן גיזייגט אלע קינדער. האבען דיא פעלקער נאך גיהאט צוא ריידין. אונ זייא האבען גזאגט שרה וואס זיא איז אלט ניינציג יאהר האט זיא טאקי געבארין דאס קינד. אבער דאס קינד איז ניט פון אברהם. ווארום אברהם איז שוין אלט הונדערט יאהר. האט גאט גימאכט אז דער פנים פון יצחק זאל זיין גלייך צום פנים פון אברהם: האבען אלע מודה גיוועזן אז יצחק איז גיבארין פון אברהם:

**כב** עד. ביז אברהם אבינו איז קיין מענטש ניט אלט גיוועזן. ווער עס האט גיוואלט שמועסין מיט אברהם. האט ער גישמועסט מיט יצחק. אונ ווער עס האט גיוואלט שמועסין מיט יצחק האט ער גישמועסט מיט אברהם. ווייל מען האט ניט דער קענט וועלכער איז אברהם אונ וועלכער איז יצחק. האט אברהם גיבעטין בייא גאט איז גיווארין אלטער. האט מען שוין גיוואסט דער עלטערער איז אברהם אונ דער יינגערער איז יצחק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז גיוועזן אלט ער איז גיקומען אין יאהרין. ביז יעקב איז קיין מענטש ניט קראנק גיוועזן. נאר מען איז פלוצלונג גישטארבין. איז גיקומען יעקב אונ האט גיבעטין בייא גאט אז מען זאל קראנק ווערין פאר דעם שטארבין. דער מענטש זאל זאגין ווידוי אונ מאכין אצוואה פאר זיין שטארבין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען האט גזאגט צוא יוסף דיין פאטער איז קראנק. ביז אלישע הנביא איז ניט גיוועזן מען זאל קראנק ווערין אונ גיזונד ווערין נאר פאר דעם שטארבין איז מען קראנק גיווארין. אונ וויא אלישע איז גיקומען האט ער גיבעטין בייא גאט מען זאל קראנק ווערין אונ גיזונד ווערין. דער מענטש זאל אין מיטען זיינע יאהרין אויך תשובה טאהן: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ אלישע איז קראנק גיווארין זיין קראנקייט וואס ער האט

גידארפט

ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו מכלל דחלה חולי אחריתי . ת"ר שלשה חלאים חלה אלישע אחד שדחפו לגיחזי בשתי ידיו ואחד שגירה דובים בתינוקות ואחד שמת בו שנא' ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו :

(דף פח) כג תניא מפני מה הרבו חנויות של בית היני ג' שנים קודם ירושלים מפני שהעמידו דבריהם על דברי תורה שהיו אומרים (ע"כ) (דברים יד) עשר תעשר ואכלת ולא מוכר תבואת זרעך ולא לוקח :

(דף צג) כד וההוא רעיא דהוה קא רעי חיותא אגודא דנהר פפא שריג חדא מינייהו ונפלת למיא אתא לקמיה דרבה ופטריה אמר מאי הוי ליה למעבד (ע"כ) הא נטר כדנטרי אינשי אמר ליה אביי אלא מעתה על למתא בעידנא דעיילי אינשי הכי נמי דפטור אמר ליה אין וכו') איתיביה אלו הם אונסים ששומר שכר פטור עליהם כגון (איוב א) ותפול שבא ותקחם ואת הנערים הכו לפי חרב א"ל התם בחזני מתא

ואתפח. ונתרפא : חליו אשר ימות בו . מכלל דחלה עוד בלא מת בו :
של בית היני . שם מקום : שהעמידו דבריהם . כלומר מה שאסור מדברי חכמים מצאו לו סיוע מן התורה : עשר תעשר ואכלת . הרי קראי דסמיכי להדדי :
[חיותא. בהמות : שריג. הפליגה : הא נטר כדנטרי אינשי. ואין אבידה אלא אונס] : בחזני מתא. שומרי העיר בלילה שכל כמך אנשי העיר עליהם לשמור גופם וממונם הכהו ודאי בעו נטירותא יתירתא :

---

גידארפט פון איר שטארבין . זעהן מיר אז ער איז שוין אמאהל קראנק גיוועזן איין אנדער קראנקייט וואס ער איז פון דיא קראנקייט גיזונד גיווארין . דיא רבנן האבען גילערונט דריי מאהל איז אלישע קראנק גיוועזן . איין מאהל וייל ער האט אוועק גישטויסין זיין קנעכט גיחזי פון זיך מיט ביידע הענט . דאס אנדערע קראנקייט וייל ער האט אנגערייצט בערין אויף דיא קינדער . אונ דאס דריטע קראנקייט וואס פון איר איז ער גישטארבין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע איז קראנק גיווארין זיין קראנקייט וואס ער האט גידארפט פון איר שטארבין :

כג תניא . מיר האבען גילערונט פאר וואס זענען דיא קראמען פון דיא שטאט היני חרוב גיווארין דריי יאהר פריער וויא ירושלים איז חרוב גיווארין . וייל וואס דיא חכמים האבען גיאסרת האבען זייא גיזוכט צו לערנען פון דיא תורה מתיר צו זיין . זייא פלעגין זאגין עס שטייט אין פסוק עשר תעשר ואכלת . דו זאלסט מעשרין דיינע תבואה אונ עסין . אבער אז מען וויל דיא תבואה פאר קויפין דארף מען ניט מעשרין . נאך שטייט אין פסוק תבואת זרעך . דיא תבואה וואס דו האסט אליין פאר זייט זאלסטו מעשרין . אבער דיא תבואה וואס דו האסט גיקויפט זאלסטו ניט מעשרין . אונ דיא חכמים זאגין אז אלע תבואה דארף מען מעשרין :

כד ההוא . עס איז גיוועזן א פאסטוך וואס ער האט געפיטערט דיא בהמות ביים ברעג פון טייך פפא . האט זיך איין בהמה אויס געגליטשט אונ איז אריין גיפאלין אין וואסער . איז ער גיקומען פאר רבה האט רבה גזאגט ער דארף ניט בצאהלין . וואס האט דער פאסטוך גיזאלט טאהן ער האט גערהיט אזוי וויא אלע מענטשין היטען . האט אביי גזאגט צו רבה אז דער פאסטוך וואלט גיגאנגען אין שטאט אריין אין דער צייט ווען אלע מענטשין גייען פון פעלד אין שטאט אריין אונ דיא בהמה וואלט אריין גיפאלין אין טייך . וואלסטו אויך זאגין אז דער פאסטוך איז פטור . האט רבה גזאגט יא דער פאסטוך וואלט טאקי פטור גיוועזן . פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט אויף דיא טרעפונגען איז דער וואס היט פאר געלט פטור . למשל אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביים איוב דיא מיליטער פון דער מדינה שבא זענען גיפאלין אויף דיא פאסטיכער אונ האבען צו גינומען דיא בהמות אונ דיא יונגען האבען זייא גיהרגת מיט דיא שווערדין . אבער אויף איין אנדער טרעפונג דארפין זייא בצאהלין . ענטפערט דיא גמרא דער היטער פון דיא שטאט וואס ער דארף היטען ביי נאכט אונ דיא אלע שטאט מענטשין פארלאזין זיך נאר אויף זייא מיט זייער גאנצין פאר מעגין אונ מיט זייער לעבין : דיא היטערס מוזין גוט היטען . אונ זייא ווערין אנדערש ניט פטור סיידין זייא האט גיטראפין אזוי וויא

ביייא

מתא איתיביה עד מתי שומר שכר חייב לשמור עד כדי הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה (בראשית לא) א"ל התם נמי בחזני מתא אמר ליה אטו יעקב אבינו חזן מתא הוה דא"ל ללבן נטרי לך נטירותא יתירתא כחזני מתא :

[דנשי קטלוהו . לא היה לו ליפול כיון : וחביל . מהרמס] : כה"ג מאי . מי הוי מתה מחמת מלאכה או לא : דנשי קטלוהו . בעל בעילות הרבה ומת :

# השואל פרק שמיני

(דף צז) **אההוא** גברא דשאיל שונרא מחבריה חבור עליה עכברי וקטלוה . יתיב רב אשי (לקמיה בעיא) [וקמיבעיא] ליה כה"ג מאי כי מתה מחמת מלאכה דמי או לא א"ל רב מרדכי [לרב אשי] הכי אמר אבימי מהגרוניא משמיה דרבא גברי דנשי קטלוהו לא דינא ולא דיינא א"ד אכיל עכברי טובא וחביל ומית יתיב רב אשי וקא מעיין בה כה"ג מאי א"ל רב מרדכי לרב אשי הכי אמר אבימי מהגרוניא גברא דנשי קטלוהו לא דינא ולא דיינא :

תנן

---

בייא איוב האט גיטראפין . אָבער אַפּאַטוּך וואס ער היט נאר די בהמות בייא טאג . וועלכע טרעפונג עס טרעפט אים וואס ער האט ניט גידארפט טראכטין אז אזוי וועט זיין . איז ער פטור . פרעגט די גמרא מיר האבען גילערונט וויא דארף זיין די היטונג פון דעם וואס נעמט גיצאהלט פאר זיין היטונג : אזוי וויא יעקב אבינו האט גיהיט . וואס ער האט גזאגט בייא טאג האט מיך פארברענט די היץ . בייא נאכט בין איך גיפרארין גיווארין פון קעלט . ענטפערט די גמרא דער היטער פון שטאט דארף היטען אזוי וויא יעקב אבינו האט גיהיט . האט אביי גזאגט צו רבה איז דען יעקב אבינו גיוועזן א שטאט היטער . פאר וואס דען האט ער אזוי גוט גיהיט . האט רבה גזאגט יעקב האט צוא גזאגט צו לבן איך וועל דיינע שעפסין אזוי גוט היטען אזוי וויא א שטאט היטער היט .

## פרק שמיני

**א** ההוא . אמענטש האט אמאהל גיבארגט אקאץ בייא זיין חבר . ווענען ארויף גיפאלין אויף די קאץ פיל מייז אונ האבען זיא גיהרגת . איז רב אשי גיזעסין אונ האט גיקלערט וויא דער דין איז . ווארום דער מענטש האט דאך גיבארגט די קאץ זיא זאל הרגען די מייז . אונ זיא איז גיהרגת גיווארין פון די מייז הייסט דאס אזוי וויא איינער בארגט אהאק צו האקין מיט איהר האלץ . אונ פון דעם האקין איז די האק צו בראכין גיווארין . דארף מען ניט בצאהלין פאר די האק . דארף מען פאר די קאץ אויך ניט בצאהלין . אדער מען דארף יא בצאהלין פאר די קאץ . ווארום זיא איז דאך ניט גיהרגת גיווארין פון דעם וואס זיא האט גיגעסין די מייז . נאר די מייז האבען זיא גיהרגת . האט רב מרדכי גזאגט צו רב אשי אזוי האט גזאגט אבימי פון הגרוניא פון רבאס וועגין אמאן וואס ווייבער האבען אים גיהרגת איז נישטא קיין משפט אויף די ווייבער . האט ער זיך גידארפט שטארקין אויף זייא . אנדערע זאגין אזוי איז גיוועזן מיט די קאץ זיא האט גיגעסין צו פיל מייז איז זיא קראנק גיווארין אונ איז גיפייגערט . איז רב אשי גיזעסין אונ האט גיקלערט אין דעם דין . אויב מען דארף בצאהלין פאר די קאץ אדער ניין . האט רב מרדכי גזאגט צו רב אשי אזוי האט גזאגט אבימי פון הגרוניא אמאן וואס האט מזנה גיוועזן מיט פיל ווייבער אונ פון דעם איז ער קראנק גיווארין אונ איז גישטארבין . איז אויף די ווייבער נישטא קיין משפט . האט ער ניט גידארפט מזנה זיין צו פיל . בייא די קאץ איז אויך אזוי האט זיא ניט גידארפט צו פיל עסין :

תנן

# המקבל פרק תשיעי

(דף קכ) **א תנן** התם פריצי זיתים וענבים ב"ש מטמאים וב"ה מטהרים מאי פריצי זיתים אמר רב הונא רשעי זיתים א"ר יוסף מאי קראה (דניאל יא) ובני פריצי עמך ינשאו להעמיד החזון ונכשלו רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (יחזקאל יד) והוליד בן פריץ שופך דם :

(ע"ב) **ב תניא** היה נושא משאוי על ראשו ותפילין בראשו אם היו תפילין רוצצות אסור ואם לאו מותר באיזו משאוי אמרו במשאוי של ד' קבין תני רבי חייא המוציא זבל על ראשו ותפילין בראשו ה"ז לא יסלקם לצדדין ולא יקשרם במתניו מפני שהוא נוהג בהם מנהג בזיון אבל קושרם על זרועו במקום תפילין משום דבי רבי שילא אמרו אפילו מטפחת שלדן ") אסור להניח על הראש שיש בו תפילין וכמה אמר אביי אפילו רבעא דרבעא דפומבדיתא :

**ג ומשנה** המקבל שדה מחברו ואכלה חגב או נשרפה אם מכת מדינה היא מנכה לו מן הכורו

נ' כ"ח של להם ")

פריצי זיתים . כדמפרש רשעי זיתים וענבים הבק לעולם בוסר שאין בישולן נגמר לעולם : מטהרין . מן טומאת אוכלים דלא חזי לאכילה : רוצצות . מתמעכות תחת המשא : ואם לאו . שהוא קל או שאינו מוטל עליהם : באיזה משאוי . הוי רצוצה : במקום תפילין . אצל תפילין של יד : אפילו מטפחת שלהן . שכורכין בה תפילין בלילה : אסור להניח לשם משאוי על הראש בשעה שהם לין במקומן מונחים : וכמה . יהא במשאוי ויהא אסור להניח על הראש אלו ה דברי שילא . רבעא דרבעא רביע ליטרא דבר מועט הוא :

---

## פרק תשיעי

**א** תנן . מיר האבען גילערנט פריצי זיתים ועבנים בית שמאי זאגין זייא קענען טמא ווערין . אונ בית הלל זאגין זייא זענען טהור . זייא קענען נית טמא ווערין . וואס איז פריצי זיתים ועבנים : רב הונא זאגט שלעכטע אייליבירטען אונ שלעכטע וויינטרויבען וואס זייא ווערין קיין מאהל נית צייטיג . רב יוסף זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז פריצי איז דער טייטש שלעכטע . ווארום עס שטייט אין פסוק ובני פריצי עמך . דיא שלעכטע קינדער פון דיין פאלק ווערין דער הויבען ווערין אויף צוא שטעלין דיא נבואה אונ זייא הערין געשטרויכלט ווערין . רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק והוליד בן פריץ שופך דם . ער וועט געבוירין אשלעכטין זוהן וואס פאר גיסט בלוט :

**ב** תניא . מיר האבען גילערנט אייניר האט גיטראגען אמשוי אויף זיין קאפ . אונ תפלין טראגט ער אויך אויף זיין קאפ . אויב דיא תפלין ווערין אראפ גיקוועטשט דורך דיא משא . טאר מען נית טראגין דיא משא אויף דיא תפלין . אונ אויב דיא משא איז גרינג אדער זיא קוועטשט נית דיא תפלין . מעג ער טראגען צו זאמען דיא משא מיט דיא תפלין . וועלכע משא קוועטשט אראפ דיא תפלין . אמשא פון פיר קבין . אבער ווייניגער וויא פיר קבין מעג מען . רבי חייא האט גילערנט אז אייניר טראגט אקארב מיסט אויף זיין קאפ . אונ ער טראגט תפלין אויף זיין קאפ . זאל ער נית אוועק רוקען דיא תפלין אויף אזייט . אונ ער זאל נית אראפ נעמען דיא תפלין זייא אן בינדען אויף דיא לענדין . ווייל ער פאר שעמט דיא תפלין . נאר ער זאל זייא אראפ נעמען פון קאפ אונ אן בינדען אויף דיא האנט נעבין דיא תפלין וואס אויף דיא האנט . פון דבי רבי שילא האט מען גזאגט אפילו דיא בייטיל וואס דיא תפלין ליגען אין איר טאר מען אויך נית ארויף לייגין אויף דעם קאפ ווען דיא תפלין זענען אויף דעם קאפ . האט אביי גזאגט אפילו אפערטיל פונט פון דיא וואג וואס אין פומבדיתא . טאר מען אויך נית :

**ג** משנה . המקבל . ראובן האט גינומען אפעלד פון שמעון ער זאל איר אקערין אונ זייען אונ זאל אפ שניידען פון איר דיא תבואה פאר זיך . אונ צוא שמעון זאל ער געבין צעהן קארין ווייץ איאהר ניט געקט פון דיא ערד . אונ אהיישעריק האט אויף גיגעסין דיא תבואה פון

פעלד

[לא בעי . הא מכת מדינה הוא מכה לו] : אבל לא זרעה . והיכא דבעי ורעה דבעתא לא מכה ליה : ר' חנינא בן דוסא . כמס' תענית :

הכורו וכו' : גמ) (דף קו) אמר שמואל לא שנו אלא שזרעה וצמחה ואכלה חגב אבל לא זרעה כלל לא דא"ל אילו זרעתה הוה מקיים בי (תהלים לז) לא יבושו בעת רעה ובימי רעבון ישבעו מתיב רב ששת רועה שהיה רועה והניח עדרו ובא לעיר ובא זאב וטרף ובא ארי ודרס אין אומרים אילו היה שם היה מציל אלא אומדין אותו אם יכול לרציל חייב ואם לאו פטור ואמאי נימא ליה אי הוית התם הוה מקיים בי ") (ש"א יז) גם את הארי גם הדוב הכה עבדך משום דא"ל אי הוית חזית לאתרחישי לך ניסא הוה איתרחיש לך ניסא כרבי חנינא בן דוסא דמתיין עיזי דובי בקרנייהו ולימא ליה (ש"א כך") נהי

---

פעלד . אדער דיא זאנגען זענען אוים גיקלאפט גיווארין פון אשטארקין ווינט זענען די קערנער ארוים גיפאלען . אויב דיא מכה איז געווען אין דיא מדינה , די איישעריקען האבען אויף גיגעסין די תבואה פון נאך פיל פעלדער אויך . אדער נאך פיל פעלדער איז זייערע תבואה אוים גיקלאפט גיווארין ; זאל ער אים אפ רעכענען פון דיא תבואה וואס ער האט אים צוא גיזאגט צוא געבין . למשל פון דיא פעלד וואלט מען גידארפט אראפ נעמען תבואה פופציג קארץ איאהר . אונ ער דארף געבין דעם בעל הבית למשל צעהן קארין אונ אז דער איישעריק האט קאליע גימאכט למשל פינף אונ צוואנציג קארץ ווייץ . דארף ער ניט מער געבין דעם בעל הבית נאר פינף קארץ איאהר . שמואל זאגט דאס איז נאר אז ער האט גיזייט דיא פעלד אונ עס האט גיוואקסען נאר אאיישעריק האט אויף גיגעסן ; דארף ער אים אפ רעכענען נאך דעם חשבון וויא פריער שטייט . אבער אז ער האט גאר ניט גיזייט . אפילו אאיישעריק האט אויף גיגעסין די תבואה פון אלע פעלדער . קען ער ניט זאגען אז איך וואלט גיזייט וואלט מיינע תבואה אויך אויף גיגעסן גיווארין דארף איך דיר ניט בצאהלען דיא ניץ געלט פון דיין פעלד . ווארום דער בעל הבית קען צוא אים זאגען ווען דוא וואלסט גיזייט האלט אויף מיר מקוים גיווארין דער פסוק זיי וועלין זיך ניט שעמען אין . דיא שלעכטע צייט אונ ווען עס וועט זיין אהונגער וועלין זייא זאט זיין . האט רב ששת גיפרעגט אפאסטוך וואס האט גיפיטערט שעפסין ; אונ ער האט גילאזין דיא סטאדע שעפסין אין פעלד אונ ער איז גיקומען אין שטאט . דער וויל איז געקומען אוואלף אין פעלד אונ האט גיכאפט אשעפס ; אדער אלייב איז געקומען אונ האט צוא טרעטין אשעפס . זאגין מיר ניט אז דער פאסטוך וואלט דער ביי גיוועזין וואלט ער גיקענט ראטעווען דעם שעפס . אונ וייל ער איז אוועק גיגאנגען זאל ער דארפין בצאהלען . נאר מיר שאצען אפ דעם כח פון דעם פאסטוך אז ער איז אשטארקער מענטש או ער וואלט דער ביי גיוועזן וואלט ער טאקי גיקענט ראטעווען דעם שעפס . דארף ער בצאהלען . אונ אויב דער פאסטוך איז אשוואכער מענטש אז ער וואלט דארט גיוועזן וואלט ער אויך ניט גיקענט ראטעווען דעם שעפס . איז ער פטור . איז דאך אקשיא פאר וואס זאל ער פטור זיין דער בעל הבית קען דאך זאגין צו אים ווען דוא וואלסט דארט גיוועזן וואלט אויף דיר מקוים גיווארין דער פסוק אזוי וויא דוד המלך הט גזאגט צוא שאול דעם לייב אונ דעם בער האט דיין קנעכט גישלאגען . וואלט דיר אויך גיטראפען אזוי אנס פון מיינעט וועגין דוא וואלסט קענען ראטעווען מיינע שעפסין . ענפערט דיא גמרא וייל דער פאסטוך קען זאגין צום בעל הבית ווען דוא וואלסט ווערט גיוועזן פון דיינעט וועגין זאל גיטאהן ווערין נסים . וואלט דיר גיטראפען אזעלכע נסים וויא עס הט גיטראפען ביי רבי חנינא בן דוסא זיינע קאזעס האבען גישטאכען דיא בערין מיט זייערע הערנער אונ דיא בערין האבען גיהאנגען אויף דיא הערנער אונ דיא קאזעס זענען גיקומען מיט דיא בערין אין שטאט . אונ אזוי אנס האט דאך גיקענט זיין אפילו איך בין דארט ניט גיוועזן . פרעגט דיא גמרא זאל דער בעל הבית זאגין צום פאסטוך צוא אזוי אגרויסען נס וויא ביי רבי חנינא בן דוסא איז גיוועזן בין איך טאקי ניט ווערט . אבער טאמער בין איך ווערט אקלענערין נס אזוי וויא ביי

דוד

עבהי דלניסא רבה לא הוה חזינא לניסא זוטא (ע"ב) הזינא קשיא:

ד מתני' המקבל שדה מחבירו לזרעה שעורים לא יזרענה חטין חטין יזרענה שעורים [רשב"ג אומר: גמ' א"ר הסדא] מ"ט דרשב"ג דכתיב (צפניה ג) שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב ולא ימצא בפיהם לשון תרמית:

המקבל שדה לזרעה שעורים. ובהכירות קך קך חטין או שעורים או מעות לא יזרענה חטין. שהחטין מכחישות את הקרקע יותר מן השעורים: לא תזבון. לא תקנה שדה הסמוכה לעיר שאין כל העיר שולטת בה תמיד: אסור לאדם וכו'. שלא יזיקנה בעין הרע: קרובין לעיר. שלא יהא טורח להכניס פירות: ספק נדה. וכ"ש ודאי: ואמר לאו

(דף קז) ה א"ל רב יהודה לרבין בר רב נחמן רבין אחי לא תזבון ארעא דסמיכא לטתא דא"ר אבהו א"ר הונא אמר רב אסור לו לאדם שיעמוד על שדה חברו בשעה שעומדת בקמותיה איני והא אשכחינהו ר' אבא לתלמידי דרב אמר להו מאי אמר רב בהני קראי (דברים כח) ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך ואמרו ליה הכי אמר רב ברוך אתה בעיר שיהא ביתך סמוך לבית הכנסת ברוך אתה בשדה שיהא נכסיך קרובים לעיר. ברוך אתה בבואך שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעת ביאתך מן הדרך. ברוך אתה בצאתך שיהו צאצאי מעיך כמותך וא"ל ר' יוהנן לא

---

דוד המלך איז גיוועזן. פאר וואס ביסטו ניט גיוועזן בייא דער שטאדט. אונ אז מיר פסקנן דער פאכטונג איז פטור. געווים ווייל מיר זאגין נסים טרעפין ניט. נאר אלע מענטשין זענען גלייך. דריבער דא ביי דער פעלד דארפין מיר אויך אזוי זאגען אז ער וואלט גיזייט וואלט דער איישעריק ויגע תבואה אויך אויף גגעסן. ווייל נסים טרעפין ניט אונ דער בעל הבית איז ניט פרימער ווי דיא גאנצע וועלט. איז דאך אקשיא אויף שמואל:

ד משנה. המקבל. אז איינער האט גענומען ביי זיין חבר א פעלד אונ דער חבר האט מיט אים אויס גירעט ער זאל אין איר זייען גערשטין. טאר ער ניט זייען אין איר ווייץ. ווארום ווייץ מאכט מאגער דיא ערד מער וויא גערשטין. אבער אז דער חבר האט מיט אים א"ים גירעט ער זאל אין איר זייען ווייץ. מעג ער אין איר זייען גערשטין. רבן שמעון בן גמליאל זאגט ער טאר ניט זייען גערשטין. רב חסדא זאגט אין דער גמרא פאר וואס אסרת רבן שמעון בן גמליאל ווייל עס שטייט אין פסוק יודין וועלין ניט טאהן אומרעכט אונ וועלין ניט ריידען ליגען אונ אין זייער מויל וועט ניט געפונען ווערין קיין פאלשקייט דריבער טאר מען נישט טאהן אנדערש ווי מען רעט. אז ער האט גזאגט ער וועט זייען ווייץ. מוז ער זייען ווייץ. אז ער האט גזאגט ער וועט זייען גערשטין. מוז ער זייען גערשטין:

ה אמר. רב יהודה האט גזאגט צו רבין בר רב נחמן. רבין מיין ברודער זאלסט נישט קויפען א פעלד וואס איז נאנט צום שטאט. ווארום רבי אבהו האט גזאגט אז רב הונא האט גזאגט פון רבם וועגין א מענטש טאר ניט שטיין ביי זיין חברס פעלד ווען דיא תבואה איז פערטיג גיוואקסען. ער זאל נישט געבין א עין הרע. דריבער זאלסטו קויפען דיין פעלד ווייט פון שטאט דיא מענטשין פון שטאט זאלין אויף איר ניט קוקען. ווערין זייא ניט געבין קיין עין הרע. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך נישט אזוי. ווארום רבי אבא האט גיטראפען דיא תלמידים פון רב האט ער ביי זייא גיפרעגט וואס האט רב גזאגט אויף דיא פסוקים גיבענשט זאלסטו זיין אין שטאט. גיבענשט זאלסטו זיין אין פעלד. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין קומען. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין ארויס גיין. האבען דיא תלמידים פון רב גזאגט צו רבי אבא. אזוי האט רב גזאגט. גיבענשט זאלסטו זיין אין שטאט. דיין שטוב זאל זיין נאנט צו דיא שוהל. גיבענשט זאלסטו זיין אין פעלד דיין פאר מעגין זאל זיין נאנט צו דיא שטאט. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין קומען אז דו וועסט קומען פון וועג זאלסטו ניט טרעפין אז דיין ווייב איז א ספק טאמער איז דיא א נדה. נאר זאלסט איר טרעפין געוויס טהור. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין ארויס גיין. דאס מיינט מען דיא קינדער וואס וועלין ארויס גיין פון דיר.

אמר הכי אלא ברוך אתה בעיר שיהא בית הכסא סמוך לשלחנך אבל בית הכנסת לא ור"י לטעמיה דאמר שכר פסיעות יש ברוך אתה בשדה שיהו נכסיך משולשין שליש בתבואה שליש בזיתים שליש בגפנים. ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך שתהא יציאתך מן העולם כביאתך לעולם מה ביאתך לעולם בלא חטא כך יציאתך מן העולם בלא חטא (ע"ב) לא קשיא הא למהדר ליה שורא ורתקא הא דלא מהדר ליה שורא ורתקא:

(דברים ז) ו והסיר ה' ממך כל חולי אמר רב זה העין רב לטעמיה דרב סליק לבי קברי עבד מאי דעבד אמר תשעים ותשעה בעין רעה ואחד בדרך ארץ ושמואל אמר זה הרוח ושמואל לטעמיה דאמר שמואל הכל ברוח ולשמואל הא איכא הרוגי מלכות הנך נמי אי לאו זיקא עבדי להו סמתרי וחיי ר' יוסי

רבי אבא רבי יוחנן לא אמר הכי: סמוך לשלחנך. כלומר סמוך לביתך שלא תצטרך להרחיק בשדות והאי דנקט שולחנך שיוכל לבדוק עצמך לפני אכילה ולאחר אכילה כדאמרינן בשבת הנצרך לנקביו ואוכל דומה לתנור שהסיקוהו על גבי אפרו ולאחר האכילה שהמאכל דוחק ומוציא את המשכל ואם יצא צריך להרחיק פעמים שהעמוד חוזר ובא לידי הדרוקן: אבל בהכ"נ. סמוך לביתו לרבי יוחנן לאו מעליותא היא: רבי יוחנן לטעמיה. דאמר במסכת סוטה שכר פסיעות יש דאמר למדנו יראת חטא מבתולה וקבול שכר מאלמנה שאמרה לו ולא שכר פסיעות יש לי אם יש בית הכנסת בשכונתי ואני באה לבית מדרשך להתפלל: משולשין. פעמים שנה שלוקה בגפנים ובזיתים ואינם לוקה בתבואה ויש שנה שלוקה בזו ולא בזו והויה לו פליטה: לא קשיא. הא דהדר: שורא ורתקא. חומה ורתוקא גדר של נצרים כמו חיל וחומה: כל חולי. קבר שכל החולאים תלויין בו וזו העין רעה: עבד מאי דעבד. יודע היה ללחוש על הקברות ולהבין על כל קבר וקבר באיזה מיתה מת אם בזמנו אם בעין רעה: הכל ברוח. כל החולאים והולאות מיתה ע"י נשיבת הרוח באין הכל לפי שעה והאדם יש לך אדם שרוח פלוני קשה לו ובשעה פלונית: והאיכא הרוגי מלכות. הרוגי חרב: אי לאו זיקא. שנכנס במכה: עבד כמהרי וחיי. כם

---

זאלין זיין וויא דוא ביסט. האט רבי אבא גזאגט צוא דיא תלמידים פון רב. רבי יוחנן האט ניט אזוי גזאגט. נאר אזוי מיינט מען. גיבענשט זאלסטו זיין אין שטאט. אבית הכסא זאל זיין נאנט צוא דיין טיש. אמענטש זאל זיך ריינגען פאר דעם עסין. אונ נאך דעם עסין. אבער אז דיא שוהל איז נאנט צוא זיין שטוב. איז ניט אזוי גוט. ווארום רבי יוחנן זאגט אז איינער גייט טאהן אמצוה. צאהלט אים גאט פאר דיא טריט אויך. דריבער וואס ווייטער דיא שוהל איז. וועט ער האבען מער שכר. פאר זיינע טריט וואס ער גייט צוא דיא שוהל. גיבענשט זאלסטו זיין אין פעלד. דיינע גיטער זאלין זיין צוא טיילט אין דרייא טייל. אדריטול זאל זיין תבואה. אדריטול זאל זיין איילבירטען. אדריטול זאל זיין ווינשטאקין. גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין קומען. אונ גיבענשט זאלסטו זיין אין דיין ארויס גיין. דאס מיינט מען דיין ארויס גיין פון דער וועלט זאל זיין וויא דיין קומען אויף דער וועלט. אזוי וויא דוא ביסט גיקומען אויף דער וועלט אן אעבירה. אזוי זאלסטו ארויס גיין פון דער וועלט אן אעבירה. איז דאך אבער אקשיא פון רב אויף רב. אמאהל האט רב גזאגט אמענטש זאל האבען זיינע פעלדער נאנט פון שטאט. אונ אמאהל האט ער גזאגט אמענטש זאל האבען זיינע פעלדער ווייט פון שטאט. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז דיא פעלדער האבען אמאהער ארום. מענטשין קענען ניט זעהן וואס אינווייניג איז. איז גוט דיא פעלדער זאלין זיין נאנט פון שטאט. אבער אז דיא פעלדער האבען ניט קיין מאהער ארום. איז גוט זייא זאלין זיין ווייט פון שטאט. מענטשין זאלין ניט געבין אעין הרע:

ו והסיר. אין פסוק שטייט גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע קראנקייטין. רב זאגט דאס מיינט מען גאט וועט דיך היטען פון אעין הרע. ווארום אלע קראנקייטין קומען פון אעין הרע. ווארום רב איז אמאהל גיוועזען אויף דעם בית הקברות. אונ ער האט גיקענט וויסען אויף יעדער קבר. פון וואס דער מענטש איז גישטארבען. אונ אויב ער איז גישטארבען צוא זיין צייט אדער פאר זיין צייט. האט רב גזאגט פון יעדערע הונדערט מענטשין זענען גיין אונ ניינציג גישטארבען פון עין הרע אונ איינער איז גישטארבען מיט דער נאטור. שמואל זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע שלעכטע לופטין אונ ווינטען. ווארום שמואל זאגט אלע קראנקייט אונ שטארבונג קומט נאר פון אשלעכטין ווינט וואס ער גייט אריין אין דעם מענטשין. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך דא מענטשין וואס ווערין גיהרגית מיט אשווערד דורך דעם מלך.

ניט

יוסי ברבי חנינא אמר זו צואה דאמר מר צואת החוטם וצואת האוזן רובם קשה ומעוטם יפה ר"ח אמר זו צנה דאר"ח הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנא' (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם ר' אלעזר אומר זו מרה . תנ"ה מחלה זו מרה ולמה נקרא שמה מחלה שהיא מחלה כל גופו של אדם ד"א [מחלה] שפ"ג חלאים תלויין במ"ה וכולם פת שחרית [במלח] וקיתון של מים מבטלתן , ת"ר י"ג דברים נאמרו בפת שחרית מצלת מן החמה ומן הצנה ומן הזיקין ומן המזיקין ומחכימת פתי וזוכה בדין ללמוד תורה וללמד ודבריו נשמעים ותלמודו מתקיים בידו ואין בשרו מעלה הבל ונזקק לאשתו ואינו מתאוה לאשה

המחכר בשר התוכה : מין עשב הוא דאמרי' בהמוכר את הספינה : לשפ פתים . קור המפתח ולא היינו רוח דקאמר שמואל דשמואל זיקא בלא לנה נמי מזיק : זו מרה . שהמרירות שבה גדלה ונובעת ומתפשטת בגידין ובעצמות : וקיתון של מים . למי שאין לו יין : וזיקין . היינו רוח דאמר שמואל : מחכימת פתי . שדעתו מיושבת עליו לפי שאינו מלטער בעיניו : וזוכה בדין . אם יש לו דין עם חברו דעתו מיושבת ליישב דבריו בב"ד להטעי' : ללמוד וללמד . מתמם י.. הדעת : ודבריו נשמעים . לבריות שיש לו לב להטעימן : הבל . זיעה וזוהם : נזקק לאשתו . אם בעל הרהורים הוא ומתוך שלבו טוב בבוקר שאכל

---

ניט פון אשעכטין ווינט . ענטפערט די גמרא זייא שטארבען אויך פון ווינט . ווארום ווען דער ווינט וואלט ניט אריין גיין אין דעם מענטש דורך די מכה . וואלט מען גיבריינגט דעם גראז סמתרי . אונ מען וואלט אים גילייגט אויף דעם ארט וואו דאס לייב איז צוא האקט גיווארין וואלט דאס צוריק צו זאמען גיוואקסען . אונ ער וואלט גילעבט גאר דער ווינט וואס איז אריין גיגאנגען אין דעם מענטש . דאס הרגת אים באלד . רבי יוסי ברבי חנינא זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר די צואה . ווארום דער רבי האט גזאגט די צואה פון נאז . אונ די צואה פון אויער . אויב זייא זענען פיל : איז ניט געזונד . אונ אויב עס איז ווייניג איז יא געזונד . רבי חנינא זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר די קעלט . ווארום רבי חנינא האט גזאגט אלץ איז ביי גאט אין האנט . גאר קעלט ניט . פון קעלט זאל זיך דער מענטש אליין היטען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קעלט אונ היץ איז אין די וועג פון דעם פר קריטמען. דער וואס וויל זיך היטען זאל ער זיך דער ווייטערין פון זייא . זאגט די תורה אבער דער וואס וועט היטען די מצות פון גאט : אפילו פון קעלט וועט אים אויך גאט היטען . רבי אלעזר זאגט דער פסוק מיינט גאט וועט אפ טאהן פון דיר די גאל קראנקייט . מיר האבן אויך אזוי גילערנט מחלה אקראנקייט . וועלכע קראנקייט . דאס מיינט מען די גאל קראנקייט . פאר וואס ווערט גערופען די גאל קראנקייט מחלה . אקראנקייט . זאל מען באלד זאגען וועלכע קראנקייט . די גאל קראנקייט. ווייל די גאל קראנקייט מאכט קראנק דעם גאנצען מענטש . דריבער ווערט זיא גערופען אקראנקייט : פון אלע קרינק . אנדערע זאגען דריבער רופט מען די גאל קראנקייט מחלה : ווייל מחלה בטרעפט דריי אונ אכציג . אונ אין די גאל איז דא דרייא אונ אכציג קראנקייטען . אונ אז מען עסט באלד אין דער פריא אפילו גאר ברויט מיט זאלץ אונ מען טרינקט אפילו גאר אקריגעל וואסער . קענען אלע קראנקייטן צוא אים ניט קומען . די רבנן האבען גילערנט דרייצעהן זאכען איז גזאגט גיווארין אז מען עסט באלד אין דער פריא . דאס רעטעט דעם מענטשין פון היץ אונ פון קעלט ואז מען איז הונגעריג קען מען זומער חלשין פון היץ. אונ ווינטער שטארקט זיך די קעלט ביי דעם הונגעריגען מער וויא ביי דעם וואס איז זאט. אונ פון שלעכטע ווינטען. ווארום אז דער בויך איז ליידיג אונ ער ציהט אין זיך אריין דעם ווינט קען דאס אים שאדין : אונ פון שדים . אונ דאס מאכט קלוג אפילו דעם נאר . אונ אז ער האט מיט איינעם אדין תורה נאך דעם עסין . וועט ער געווינען די דין תורה . אונ ער איז זוכה צוא לערנען תורה פאר זיך אונ . צוא לערנען מיט אנדערע : אונ זיינע רייד זענען אן גינומען ביי מענטשין . אונ וואס ער לערונט גידיינקט ער (די זעקס זאכען זענען בעסער נאך דעם עסין . ווייל זיין שכל איז רוהיג . אונ ער איז פרייליכער) אונ דאס לייב זיינע שוויצט ניט (ווייל ער איז געזונד אונ שטארק) . אונ ער איז משמש המטה מיט זיין ווייב נאך דעם עסין איידער ער

ג ייט

קלת תובע לאשתו וכלאתו לשוק ורואה נשים אחרו מתאוה להן: כנה שבבני מעים. הולעים: מוליא את הקנאה ואת האהבה. שבשאין לבו טוב עליו כונת נות לכעוס:

גאבא. יער: ניקיצו עילאי ותתאי. מי שים להן יער על הנהר אלאי למעלה היינו ילמטה סימנו הולך דרך המים: אבא דבי פרזק רופילא כוה. אותו שלמטה ושלמעלה לא של ישראל היה ויכול לקוון אותו יער של בית פרזק פחת פרקיים

לאשה אחרת והורגת כנה שבבני מעים וי"א אף מוציא את הקנאה ומכנים את האהבה. א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי שיתין רהיטי רהוט ולא מטו לגברא דמצפרא כרך וכו' (כדאמרינן לעיל בב"ק פ' החובל): ירושלמי והסיר ה' ממך כל חולי רב הונא בשם ר"א בן יעקב כל חולי זה רעיון וא"ר יוחנן (דברים כח) ונתן עול ברזל על צוארך זה רעיון א"ר אבין והסיר ה' ממך כל חולי זה יצה"ר שראשו מתוק וסופו מר:

[קודם איתא בגמ' שצריך לקוץ היער שסמוך לנהר בספינות הולכות שם בשביל מושכי הספינה שיוכלו לעלות על היבשה]:

ז רבה בר רב הונא הוה ליה ההוא אבא אגודא דנהרא אמרו ליה ניקוץ מר אמר להו קוצו עילאי ותתאי והדר ניקוץ אנא היכי עביד הכי והכתיב (צפניה ב) התקוששו וקושו ואמר ריש לקיש קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים התם אבא דבי פרזק רופילא הוה ואמר אי קייצו קייצנא ואי לא קייצו אמאי איקוץ דאי מכתחי

---

גייט אין נאס (ווייל ער איז אן גיגעסין זאט האט ער אתאוה צוא אאשה). אונ אז ער זעהט אין גאס אנדערע ווייבער. גלוסט ער שוין נים צוא זייא. אונ עס הרגת דיא ווערים וואס אין בויך: אנדערע זאגין דאס עסין ציהט אויס דיא קריג פון זיין הארצען. ווארום אז מען איז זאט. איז מען נים אין כעס. אונ מען איז ליב אונ פריינדליך צוא אלע מענטשין. רבא האט גזאגט צו רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין זעכציג מענטשין זענען גילאפען אונ האבען נים גיקענט חאפען דעם מענטש וואס עסט באלד אין דער פריא דאס שטייט אין בבא קמא אין פרק החובל. דער ירושלמי זאגט עס שטייט אין פסוק גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע קראנקייט. וועלכע קראנקייט. רב הונא האט גזאגט פון רבי אליעזר בן יעקב וועגין. אלע קראנקייט דאס מיינט מען טראכטונג. וואס דער מענטש טראכט אונ קלערט פיל. דס מאכט אים קראנק. רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבין אויף דיין האלדז אאייזערנעם יאך. דאס מיינט מען טראכטונג. דוא וועסט האבען פיל צוא טראכטען אונ צוא קלערין. רבי אבין זאגט עס שטייט אין פסוק גאט וועט אפ טאהן פון דיר אלע קראנקייט. דאס מיינט מען ער וועט אפ טאהן פון דיר דעם יצר הרע. אין אנהייב ווען ער רעט אן צו די עבירה איז ער זיס. אבער אין לעצט איז ער ביטער:

ז רבה בר רב הונא האט גיהאט אוואלד ביא דעם ברעג טייך. ואונ דער דין איז אז מען האט אוואלד געבין ברעג טייך מוז מען אים אויס האקין: ווייל דיא מענטשין וואס שלעפין דיא שיפען מיט שטריק מוזין גיין אויף דעם ברעג אויף דיא ביידע זייטין פון טייך. אונ אז דער וואלד וועט זיין וועלין זייא נים קענען ציהען דיא שטריק צווישען דיא ביימער. דריבער האט מען גזאגט צו רבה ער זאל הייסין אויס האקין זיין וואלד. האט רבה צוא זייא גזאגט זאלין פריער אפ האקין דיא וואס האבען וועלדער ביא דעם טייך העכער פון מיין וואלד אונ נידעריגער פון מיין וואלד דער נאך וועל איך אפ האקין. פרעגט דיא גמרא האט דען רבה גימעגט אזוי טאהן. עס שטייט דאך אין פסוק התקוששו וקושו. האט ריש לקיש גזאגט דער פסוק מיינט פריער זאלסטו דיך ציערען: דער נאך זעסטו ציערען אנדערע מענטשין. פריער זאלסטו אליין מקיים זיין דיא מצות. דער נאך וועסטו זאגין מוסר צו אנדערע מענטשין. זייא זאלין אויך מקיים זיין דיא מצות: האט רבה פריער גידארפט אויס האקין זיין וואלד. דער נאך וועט ער הייסין דיא אנדערע מענטשין זייא זאלין אויך אויס האקין זייערע וועלדער. ענטפערט דיא גמרא דיא וועלדער וואס זענען גיוועזען נעבין טייך האבען גיקערט צוא אשררה וואס האט גיהייסין רופילא. אונ רבה האט גיוואסט אז דער גוי וועט נים וועלין אויס האקין זיינע וועלדער אונ אז דיא וועלדער פון דעם

מפתחי להו אשלייהו מיסתגי להו (דף קח) ואי לא לא מסתגי להו] . רבה בר רב נחמן הוה קאזיל בארבא חזא ההוא אבא דקאי אגודא דנהרא אמר להו האי דמאן אמרו ליה דרבה בר רב הונא אמר (עזרא ט) ויד השרים והסגנים היתה במעל הזה ראשונה אמר להו קוצו קוצו . אתא רבה בר ר"ה אשכחיה דקייץ אמר מאן דקצייה תקוץ ענפיה אמרו כולהו שני דרבה בר רב הונא לא איקיים ליה זרעא לרבה בר ר"נ :

(דף קי ע"ב) **ת** ת"ר מנין לשכיר יום שגובה כל הלילה שנא' (ויקרא יט) לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר ומנין לשכיר לילה שגובה כל היום שנאמר (דברים כד) ביומו תתן שכרו ואימא איפכא שבירות

הוא וידוע כוח שלא יקוצו ומה הועיל קציצה שלי : אי נוומסתו אשלייהו מסתגי להו . אם יוכלו למשוך חבלם ולבא ממקום למקום או מכפר לכפר לילך ממטה למעלה ילכו : ואי לאו לא מסתגי להו . אין להם מהלך בעבר זה והולכין על כרחן דרך שפתו השנית בסרי על כרחן כשהולכין כנגד היער של נכרי ילכו בשפתו השניה ולכשיגיעו כנגד שלי למה יקריחו לעבור את רוחב המים והרי הן צריכין לחזור ולעבור לד אחר כשכלתה הקצירה] : חזא ההוא אבא . יער שראית רבה בר רב הונא לפי שאין העליונים והתחתונים קוצצים ורבה בר ר"נ לא היה יודע שכן היה שהיה עליון ותחתון של נכרי המוצל : ויד השרים והסגנים . פסוק הוא בספר עזרא : תקוץ ענפיה . ימותו בניו :

איפוך אנא . דלא תלין בשכיר לילה ולא תבא בשכיר יום: שכירות אינה משתלמת אלא לבסוף. כדאמרינן באיזהו נשך השוכר שנה ב"י שכירות שנה זו משתלמת בתחלת שנה אחרת אלמא לא משתעבד ליה לשכיר

גוי וועלן בלייבן שטיין. וואס וועט העלפן וואס רבה וועט אויס האקן זיין וואלד. ביי וויא וועט מען דארט ניט קענן ציהן שטריק. דריבער האט רבה אזוי גזאגט אויב דער גוי וועט אויס האקן זיינע וועלדער. וועל איך אויס האקן מיין וואלד: אונ אויב דער גוי וועט זיינע וועלדער ניט אויס האקן. צו וואס זאל איך אויס האקן מיין וואלד: וועלין דיא שיפערס קענען ציהען דיא שטריק דורך דעם גוים וועלדער. וועלין זייא דאך דורך מיין וואלד אויך קענען ציהען דיא שטריק. אונ אויב זייא וועלין ניט קענען ציהען דיא שטריק דורך דעם גוים וועלדער. וועלין זייא דאך ניט גיין דורך דעם זייט. נאר זייא וועלין גיין אויף דעם ברעג וואס אויף דיא אנדערע זייט טייך. וועלין זייא שוין גיין דיא שטיק וועג וואס געגין מיין וואלד איז אויך. צו וואס זאל איך אויס האקן מיין וואלד. רבה בר רב נחמן איז גיגאנגען אין אשיף. האט ער גיזעהן אוואלד שטייט ביי דעם ברעג טייך. האט ער גיפרעגט וועמעס איז דער וואלד. האט מען אים גזאגט דער וואלד גיהערט צו רבה בר רב הונא. האט רבה בר רב נחמן גזאגט דעם פסוק דיא האנט פון דיא יודישע שרים איז גיוועזן צו ערשט אין דעם פעלשונג. ער האט גימיינט אויף רבה בר רב הונא וואס ער איז אשר ביי יודין האט ער אליין ניט מקיים גיוועזן דעם דין אפ צו האקן דעם וואלד, דריבער שטייען דיא אנדערע וועלדער וואס געבין זיין וואלד אויך ניט אויס גיהאקט וואורום רבה בר רב נחמן האט ניט גיוואסט דיא מעשה וואס פריער שטייט אז דיא וועלדער זענען גיוועזן נוישע). האט רבה בר רב נחמן גזאגט צו זיינע מענטשן האקט אויס דעם וואלד. איז גיקומען רבה בר רב הונא אונ האט גיטראפין מען האקט זיין וואלד. האט ער גזאגט ווער עס האט גיהייסין האקין דעם וואלד. זאלין אפ גיבאקט ווערין זיינע צווייגין. עס זאלין שטארבין זיינע קינדער. מען זאגט אזוי לאנג וויא רבה בר רב הונא האט גילעבט. האבען נישט גילעבט דיא קינדער פון רבה בר רב נחמן:

**ת** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט פון וואגען וויסין מיר אז איינער האט גידונגען אארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין אגאנצין טאג. האט ער צייט אגאנצע נאכט אים צו צא בצאהלין זיין לוין געלט. ווארום עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט נעכטיגען דיא לוין געלט פון דעם גידונגענעם מיט דיר ביז אין דער פריא. אונ פון וואגען וויסין מיר אז איינער האט גידונגען אארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין אגאנצע נאכט. האט ער צייט אגאנצין טאג אים צו בצאהלין זיין לוין געלט. ווארום עס שטייט אין פסוק אין זיין טאג זאלסטו געבין זיין לוין געלט. פרעגט דיא גמרא טאמער פאר קערט דער פסוק וואס אין אים שטייט דיא לוין געלט זאל ניט נעכטיגען ביי דיר ביז אין דער פריא. שמועסט פון אגידונגענעם ביי נאכט צו ארבעטין. אונ דער פסוק וואס אין אים שטייט אין דעם זעלביגען טאג זאלסטו געבין זיינע לוין געלט.

שמועסט

שכירות אינה משתלמת אלא לבסוף. ת"ר ממשמע שנאמר לא תלין פעולת שכיר אתך איני יודע שעד בקר מה ת"ל עד בקר מלמד שאינו עובר אלא עד בקר ראשון בלבד מכאן ואילך מאי אמר (רבי) [רב] עובר משום בל תשהא א"ר יוסף מאי קראה (משלי ג) אל תאמר לרעך לך ושוב ומחר אתן ויש אתך:

(דף קיב) ט תניא (דברים כד) ואליו הוא נושא את נפשו מפני מה עלה זה בכבש ונתלה באילן ומסר א"ע למיתה לא על שכרו ד"א ואליו הוא נושא את נפשו כל הכובש שכר שכיר כאילו נוטל נפשו ממנו רב הונא ורב חסדא ח"א נפשו של גזלן וח"א נפשו של נגזל מ"ד נפשו של גזלן וכו' כדאיתא בפרק הגוזל ומאכיל:

(דף קיד) י אשכחיה רבה בר אבוה לאליהו בבית הקברות [של נכרים] אמר ליה

מהו

יום עד שהשקיע החמה וכי כתיב לא תבא על כרחך בשכיר לילה הוקמיה דכשתעבד לו לבקר משלמה שכירותו וכן לא תלין נמי לא הוקמיה בשכיר לילה דהא לא משתעבד ליה עד הבקר: ממשמע שנא' וכו' שאין לינה קרויה אלא עד הבקר דכתיב ולא ילין לבקר וכל לינה שבמקרא לינת לילה הוא: מאי קראה. היכא רמיזא בל תשהא:

ואליו הוא נושא את נפשו. הוא מוסר נפשו עליו לעלות בכבש גבוה ומסכן בעצמו ליפול ולתלות באילן כשעולה עליו לנסוק זיתים ולגדור תמרים ומסר נפשו עליו למיתה שמא יפול מן הכבש או מן האילן: ה"ג ד"א ואליו הוא נושא את נפשו. ופליגי בהא רב הונא ורב חסדא במשמעותא דקרא: ח"א נפשו של שכיר. נענש עליו כאילו הורגו: וח"א נפשו של גזלן. הגיד לך הכתוב שגורם מיתה לעצמו:

---

שמועסט פון אגידונגענעם ביי טאג צוא ארבעטין. ענטפערט דיא גמרא לוין געלט ווערט ניט בצאהלט ביז נאך דיא גאנצע צייט. אז עס האט שוין אן גיהויבען צוא ווערין דיא אנדערע צייט בצאהלט מען פאר דיא ערשטע צייט. דריבער קען מען ניט זאגען אז דער פסוק הייסט בצאהלען אין דעם זעלביגען טאג דיא לוין געלט פון דעם טאג ארבעטער. אז אים קומט ניט דיא לוין געלט ביז עס ווערט נאכט. אונ אזוי קען מען ניט זאגען אז דער פסוק הייסט בצאהלען פאר טאג דיא לוין געלט פון דעם נאכט ארבעטער. אז אים קומט ניט דיא לוין געלט ביז עס ווערט טאג. דריבער מוז מען זאגען דעם טאג ארבעטער איז צייט צוא בצאהלען אגאנצע נאכט ביז טאג. אונ דעם נאכט ארבעטער אז צייט צוא בצאהלין אגאנצען טאג ביז נאכט. דיא רבנן האבען גילערנט אז עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט נעכטיגען מיט דיר דיא לוין געלט פון דעם גידונגענעם. אז מען זאגט נעכטיגען מיינט מען דאך ביז פ"יא. צוא וואס שטייט ביז פריא. נאר דער פסוק לערנט אונז אז ער איז ניט מער עובר אויף אלאו נאר ביי דעם ערשטין אין דער פריא. וויא איז אז ער גיט אים שפעטער ביי טאג אויך ניט די לוין געלט. האט רב גזאגט ער איז עובר אויף בל תשהא. דוא זאלסט ניט האלטען ביא זיך דיא לוין געלט פון דיין ארבעטער. רב יוסף זאגט וואו שטייט דאס בל תשהא. אין ספר משלי האט שלמה גזאגט דוא זאלסט ניט זאגין צוא דיין חבר גיי איצט אונ קום מארגין וועל איך דיר געבין. אונ דוא האסט איצט אויך צו געבין. ווען מיר אז מען טאר ניט האלטען ביי זיך פ"עמדע געלט אז יענער מאנט אונ איך האב אים צו געבין:

ט תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק אונ צו אים (צו דעם לוין געלט) טראגט ער זיין לעבין. פאר וואס איז דער מענטש ארויף גיגאנגען אויף אזוי אהויכין לייטער. אדער ער איז ארויף גיגאנגען אויף אבוים. אונ ער האט זיך איין גישטעלט אין סכנת נפשות. ווארום טאמער וועט ער אראפ פאלין אונ גיהרגת ווערין. דאס אליץ האט ער גיטאהן וועגין זיין לוין געלט. דארף מען דאך אים דאס לוין געלט בצאהלין. אנדערע זאגין אזוי מיינט דער פסוק אונ צו אים (צו דעם לוין געלט) טראגט ער זיין לעבין. דער וואס בעהאלט דיא לוין געלט פון דעם גידונגענעם ארבעטער איז גלייך וויא ער וואלט ביי אים גינומען זיין נשמה. רב הונא אונ רב חסדא קריגען איינער זאגט גאט נעמט אוועק דיא נשמה פון גזלן. אונ אי נער זאגט דער גזלן נעמט אוועק דיא נשמה פון דעם מענטש וואס ער האט ביי אים גיגזלת. (אזוי וויא עס שטייט אין ב"ק פרק הגוזל ומאכיל):

י אשכחיה. רבה בר אבוה האט אמאהל גיטראפין אליהו הנביא איז געשטאנען אויף

אגוישען

מהו שיסדרו בבע"ח א"ל גמר מיכה מילה מערכין ג"י ערכין כתיב (ויקרא כז) ואם מך הוא מערכך וגבי בעל חוב כתיב (שם כה) וכי ימוך אחיך מנין לערום שלא יתרום דכתיב (דברים כג) ולא יראה בך ערות דבר [א"ל לאו כהן הוא מר מ"ט קאי מר בבה"ק א"ל לא מתני מר טהרות דתניא רשב"י אומר קבריהם של עכו"ם אין מטמאין שנאמר (יחזקאל לד) ואתן צאני צאן מרעיתי אדם אתם אתם קרויין אדם ואין עכו"ם קרויין אדם] א"ל בארבעה לא מצינא בשיתא מצינא א"ל ואמאי א"ל דחיקא לי מלתא דבריה ועייליה לג"ע א"ל פשוט גלימך ספי שקול מהני טרפי ספא שקיל כי הוה נפיק שמע דאמר מאן קאכיל לעלמיה כרבה בר אבוה נפץ שדינהו אפילו הכי אתיוה לגלימיה סחט גלימיה ריחא

ערות דבר. בשעה שאתה מדבר בו. לא יראה בך ערות דבר ש"מ אין אדם מברך כשהוא ערום ותורם בעי ברכה והא דבעי מיניה לענין תורם דהתם תנן אין מגביהין תרומה ערום: [לאו כהן מר. דאיכא למ"ד דאליהו הוא פנחס דכתיב ביה קנא קנאתי וכן בפנחס בקנאו את קנאתי: אין מטמאין. דגבי אהל כתיב אדם כי ימות באהל]: בארבעה לא מצינא. בגירסא דארבעה סדרים כגון מועד ישועות נשים שכן נוהגות בזמן הזה כבזמן הבית וקדשים נמי כדכתיב בכל מקום מוקטר מוגש ואמרינן אלו ת"ח העוסקים בהלכות עבודה בכל מקום מעלה עליהן הכתוב כאילו מקריבים אותם בבהמ"ק: בשיתא מצינא. בשתים זרעים אינו נוהג בח"ל וכן טהרות: ספי. נקוט: טרפי. עלין: נפץ. אביקהו"ק בלע"ז: סחט גלימא. נסחט ריח מתוך

---

אנוישען בית הקברות. האט רבה גזאגט צו אליהו הנביא וויא איז דער דין אויב מען נעמט אלץ אוועק ביא דעם לוה אוועק צוא געבין דעם מלוה. אדער ניין. האט אליהו גזאגט מיר לערנען אגזרה שוה מיכה מיכה פון ערכין. ביא ערכין שטייט ואם מך הוא מערכך. אונ ביא אבעל חוב שטייט וכי ימוך אחיך: אזוי וויא ביא ערכין אז איינער זאגט איך זאל געבין מיין שאצונג וויא עס שטייט אין דיא תורה אין דיא סדרה בחקתי. נעמט מען ניט ביא אים אלץ וואס ער האט צו בצאהלין זיין שאצונג. אזוי ביא אבעל חוב נעמט מען אויך ניט אלץ ביא דעם לוה צו געבין דעם מלוה פאר זיין חוב. נאך האט רבה גיפרעגט ביא אליהו הנביא פון וואנען וויסין מיר אז אנאקעטער טאר ניט אפ שיידין תרומה. האט אליהו גיענטפערט ווארום עס שטייט אין דיא תורה ולא יראה בך ערות דבר. ווען דו רעדסט צו גאט זאל ניט גיזעהן ווערין ביא דיר קיין שענדליכע זאך. אונ אז ער איז נאקעט ווערט דאך גיזעהן דיא ערוה. אונ אז מען שיידט אפ תרומה דארף מען דאך מאכין אברכה דריבער טאר מען ניט אפ שיידין תרומה ווען מען איז נאקעט. האט רבה גזאגט צוא אליהו דו ביסט דאך אכהן פאר וואס שטייסטו אויף אבית הקברות. האט אליהו גזאגט צו רבה דו האסט ניט גילערנט דיא מסכת טהרות: ווארום דארט שטייט רבי שמעון בן יוחאי זאגט גוישע קברים זענען ניט מטמא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט אויף דיא יודין איר זענט מיינע שעפסין. דיא שעפסין פון מיין פיטערונג. איר זענט אדם. נאר יודין ווערין גירופין אדם. אבער גוים ווערין ניט גירופין אדם. אונ ביא דיא טומאה פון אמת שטייט אדם כי ימות. אז אאדם וועט שטארבין איז זיין קבר מטמא. אז איוד שטארבט איז זיין קבר מטמא. אבער אז אגוי שטארבט איז זיין קבר ניט מטמא. האט רבה גזאגט צו אליהו דיא פיר סדרים משניות קענען מיר ניט. זאלין מיר קענען זעקס סדרים. האט אליהו גזאגט צו רבה פאר וואס קענסטו ניט לערנען. האט רבה גזאגט וויל איך בין אארעם מאן. האט אליהו אריין גפירט רבהן אין גן עדן. אונ אליהו האט גזאגט צו רבה נעם אראפ פון דיר דיין קאפאטע אונ קלויב צו זאמען דיא בלעטער אונ לייג זייא אריין אין דיא קאפאטע. האט רבה צו זאמען געקליבען דיא בלעטער אונ האט זייא אריין גילייגט אין דיא קאפאטע. וויא רבה האט אנגיהויבין ארוים צו גיין מיט דיא בלעטער פון גן עדן. האט ער גיהערט וויא מען זאגט ווער עסט אויף זיין וועלט אזוי וויא רבה בר אבוה. האט ער אוים גישאקילט דיא קאפאטע אונ האט ארוים גיווארפין דיא בלעטער. פון דעסטוועגין האט ער גיבריינגט דיא קאפאטע. אונ דיא קאפאטע האט אין זיך אריין גיצויגין דעם ריח פון דיא בלעטער. האט ער פאר קויפט דיא קאפאטע אונ האט פאר איר גינומען

ר הא זבניה בתריסר אלפי דינרי פלגינהו להתנוותיה :

(דף קטו) **יא ת״ר** (דברים כד) לא תבא אל ביתו לעביט עביטו לביתו אי אתה נכנס אבל אתה נכנס לביתו של ערב וכה״א (משלי כז) קח בגדו כי ערב זר וגו׳, ואומר (שם ו) בני אם ערבת לרעך תקעת לזר כפיך נוקשת באמרי פיך נלכדת באמרי פיך עשה זאת אפוא בני והנצל כי באת בכף רעך לך התרפס ורהב רעיך אם ממון יש לו בידך התר לו פסת יד ואם לאו הרבה עליו ריעים :

**יב תניא** (דברים יז) לא ירבה לו נשים רבי יהודה אומר מרבה הוא ובלבד שלא יהו מסירות את לבו ר״ש אומר אפילו אחת והיא מסירה את לבו ה״ז לא ישאנה א״כ מה תלמוד לומר ולא ירבה לו נשים אפילו כאביגיל :

**פירוש**

סעלין לאוך טליה וקלטה טליה אזה כריה : וזבניה . נגלימא בתריסר אלפי דינרי :

כי אם ערבה לרעך גו׳ נוקשת באמרי פיך . שאוניתו בדברים : עשה זאת והנצל . התר פס יד אם ערבת אבל יש ערבה אחת נוקשת באומות דברים רהב רעך הרבה עליו ריעים נבקש מחילה : אם ממון יש לו בידך . אם נעשית לו ערב ואם נוקשת בדברים רהב רעך :

איפסים מעזיבה . והתקרה קיימת אלא שהמים

# הבית והעליה פרק עשירי

(דף קיז) **א הנהו** בי תרי דהוו דיירי חד עילאי וחד תתאי איפחית מעזיבה כי משי מיא

---

צוועלף טויזענד גילדין . אונ דיא געלט האט ער צו טיילט צו זיינע איידימס :

**יא** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דו זאלכט ניט אריין גיין אין שטוב פון דעם מענטש וואס האט ביא דיר גיבארגט געלט . צוא נעמען ביא אים אמשכון . צו אים אין שטוב זאלכטו ניט אריין גיין נעמען אמשכון . אבער דו מעגסט אריין גיין אין דיא שטוב פון דעם מענטש וואס האט ערב גיוועזן וגוט גישטאנען פאר דעם געלט . אונ מעגסט נעמען ביא אים אמשכון : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נעם זיין קלייד ווארום ער האט ערב גיוועזן פאר אפרעמדין . נאך זאגט דער פסוק מיין זוהן אויב דו האכט ערב גיוועזן ודו ביסט גוט גישטאנען פאר דיין חבר . דו האסט גיגעבין דיין האנט פאר אפרעמדין : דו ביסט גישטרויכלט גיווארין מיט דיא זאגן פון דיין מויל . דו ביסט בצוואונגען גיווארין מיט דיא זאג פון דיין מויל . דאס זאלסטו איצט טאהן מיין זוהן . ווערסטו גירעטעט ווערין . ווארום דו ביסט גיקומען אין דיא האנט פון דיין חבר : לך התרפס ורהב רעיך . אויב דיין חבר מאנט ביא דיר געלט . העפין אויף דיא האנט דיינע אונ גיב אים דאס געלט . אונ אויב ער מאנט ניט ביא דיר געלט . נאר ער מאנט דיר פאר וואס דו האסט אים דער צערינט . שיק צו אים פיל גוטע פריינד אונ בעט אים ער זאל דיר מוחל זיין . התרפס אין דרייא ווערטער . התר פס יד . העפין אויף דיין האנט . אונ בצאהל . ורהב רעיך . זאלסט גרויס מאכין דיין חבר . אונ דו זאלסט זיין געגין אים נידעריג . אונ זאלסט אים בעטין ער זאל דיר מוחל זיין :

**יב** תניא . מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דער מלך זאל ניט נעמען פיל ווייבער . רבי יהודה זאגט דער מלך מעג נעמען וויא פיל ווייבער ער וויל . נאר זייא זאלין זיין פרומע זייא זאלין ניט אפ נייגין זיין הארץ פון גאט . דיא תורה האט נאר גיאסרת צו נעמען פיל ווייבער אזעלכע וואס זענען ניט פרומע . רבי שמעון זאגט אפילו איין ווייב אויב זיא איז ניט פרום זיא וועט אפ טאהן זיין הארץ פון גאט . טאר ער זיא ניט נעמען . נאר וואס דען שטייט אין פסוק ער זאל ניט נעמען פיל ווייבער . אפילו זייא זענען אזוי פרום וויא אביגיל . טאר ער זייא אויך ניט נעמען :

# פרק עשירי

**א** הנהו . צוויא מענטשין האבען גיוואהנט אין אשטוב . איינער האט גיוואהנט אין דיא

אובערשטע

מיא עילאי אזלי ומזקי לתתאי מי מתקן רבי חייא בר אבא אמר על העליון לתקן ורבי אלעאי משום רבי חייא בר יוסי אמר התחתון מתקן וסימנך (בראשית לט) ויוסף הורד מצרימה :

(דף קיח ע"ב) **ב** **משנה** שתי גינות זה על גב זה והירק בינתים ר"מ אומר של עליון רבי יהודה אומר של תחתון וכו') רבי שמעון אומר כל שהעליון יכול לפשוט את ידו וליטול הרי הן שלו והשאר של תחתון : **גמ'**] (דף קיט) אמר אפרים ספרא תלמידו של ר"ל משום ר"ל הלכה כר"ש אמרוה קמיה דשבור מלכא א"ל אפריון נמטייה לר"ש :

גדול

מותחים ויורדים דרך השפתים הוו ולאו שוכר ומשכיר הוו אלא בית של זה ועליה של זה : ויוסף הורד מצרימה. כתרגומו איתחת ור' חייא בר' יוסי אמר התחתון מתקן וכו' :

קמיה דשבור מלכא. לי נראה שבור מלכא ממש ומלך פרס היה וזקן בדינים ואמרוה להא דר"ש קמיה וקלסיה ואמר אפריון נמטייה לר"ש יקבל הן מאתנו על דבר זה וא"ד שבור מלכא שמואל דבכמה דוכתי קרי ליה הכי ואין מיושב בה דמאי אמרוה אי להא דר"ש דמתני' אטו שמואל לא הוה ידע לה למתני' ואי להא דאפרים ספרא אטו אי לאו דאמר ר"ל הלכה כר"ש שמואל מי לא קים בדינים למיקלסיה לר"ש עד דשמע משמיה דר"ל דהלכתא כוותיה : אפריון. הן שלם :

---

אובערשטע שטוב זיא איז גיוועזן זיינע. אונ איינער האט גיוואהנט אין דיא אונטערשטע שטוב. זיא איז גיוועזן זיינע. אונ דיא ליים וואס איז גיוועזן בקלעבט אויף דיא אובערשטע פאדלאגע איז פאר טריקנט גיווארין. אונ עס איז אראפ גינומען גיווארין פון דיא ברעטער. אונ אז דער אובערשטער גיסט וואסער אויף דיא פאדלאגע. גייט דיא וואסער אראפ אין דיא אונטערשטע וואהנונג. דורך דיא שפאלטין פון דיא ברעטער. אונ עס מאכט שאדין. ווער זאל דאס פאריכטען. רבי חייא בר אבא זאגט דער אובערשטער דארף דאס פאריכטען. אונ רבי אלעאי זאגט פון רבי חייא ברבי יוסים וועגין דער אונטערשטער דארף פאריכטען. דער סימן איז יוסף האט געגנידערט אין מצרים. איז יוסף נידעריג. יוסי אונ יוסף איז איין נאמען. איז אסימן רבי חייא ברבי יוסי זאגט דער נידעריגער דארף פאריכטען :

**ב** משנה. שתי. צוויא גערטנער איינער איבער דעם אנדערין: דער אובערשטער גארטין גיהער צו ראובן. אונ דער אונטערשטער גארטין גיהער צוא שמעון. אונ צווישען דיא ביידע גערטנער וואקסט גראז. רבי מאיר זאגט דיא גראז גיהער צום אובערשטין גארטין. רבי יהודה זאגט דיא גראז גיהער צום אונטערשטין גארטין. רבי שמעון זאגט וויא וויט דער בעל הבית פון דעם אובערשטין גארטין קען אוים ציהען דיא האנט אונ נעמען דיא גראז וואס וואקסט אויף דער זייט בארג. איז דיא גראז זיינע. אונ דיא איבעריגע גראז גיהער צו דעם בעל הבית פון דעם אונטערשטין גארטין. אפרים ספרא דער תלמיד פון ריש לקיש האט גזאגט פון ריש לקישס וועגין. דער דין איז וויא רבי שמעון. האט מען דאס גיזאגט פאר דעם מלך פון פערסיע. וויא רבי שמעון האט גיפסקנט ביא דיא צוויא גערטנער. איז דאס דעם מלך גיפעלין. האט דער מלך גיזאגט רבי שמעון וועט האבין חן ביא אונז פאר זיין חכמה:

גדול